STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09698

SONYE MADEYSKER, DI HELDIN FUN VILNER GETO

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סאָניע מאַדייסקער
די העלדין פון ווילנער געטאָ

צונויפגעקליבן און צונויפגעשטעלט

פון

שלמה קאָוואַרסקי

Sonia Madejsker

Heroine of the Vilna Ghetto

Compiled by Szloma Kowarski
3970 Hillman Avenue
New York NY 10463

© New York 1992

Printed by:
STAR COMPOSITION SERVICES, INC.
12 West 27th Street • New York, NY 10001
Tel: (212) 684-4001 • Fax: (212) 684-4057

געווידמעט

דעם הייליקן אָנדענק

פון דער קרישטאָל ריינער נשמה

פון מיין ווייב

רחל ע״ה

קעמפערין אין ווילנער געטאָ

פּאַרטיזאַנערין

די מאַמע פון אונדזערע צוויי קינדער

שמואל און מרים

קאָוואַרסקי שלמה

(1917 -)

אין ווילנער געטא געווען אַ מיטגליד פון פ.פ.אָ. אין געטאָ געשאַפן צינד באָמבעס, וועלכע האבן אונטערגעצונדן דייטשע סקלאַדן מיט זאכן. פּאַרטיזאַנער אין רודניצקער פּושטשע. נאָכן קריג געלעבט אַ לענגערע צייט אין ווילנע. שפּעטער אַ קורצע צייט אין פּוילן און פראנקרייך. איצטער אין ניו־יאָרק. פאַרעפנטלעכט דערינערונגען פון דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין אייניקע צייטונגען און זשורנאַלן אין פּוילן און אין ניו־יאָרק.

מיט סאָניעס טויט איז פֿאַרלוירן געגאַנגען אַן אויסערגעוויינלעכע קעמפֿערין. אַ פֿרוי וועלכע האָט ניט געוואוסט פֿון קיין שרעק. איר איבערגעבנקייט אָן גרענעץ, איר קענען מקריב זיין זיך און איר עניוות׳דיקייט איז געוואָרן אַ ביישפּיל און אַ סימבאָל פֿאַר אונדז אַלעמען.

רייזל קאָרטשאַק

קיבוץ עין החורש

ישראל 1965

אַרייַנפיר

מיט סאָניען האָב איך זיך באַקאַנט אין ווילנער געטאָ.

אין משך פון מיין גאַנצן לעבן פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה גייט מיר נאָך ווי אַ שאָטן די געשטאַלט פון סאָניען. סאָניע איז געווען פאַר מיר אַ נאָענטע חברטע, אַ נאָענטע פריינדין און אַ וועג ווייזער אין לעבן. איך געדענק ניט סאָניען זי זאָל רוען איין מאָמענט אין איר לעבן. זי איז געווען אַ טיפּישער אומרו. שטענדיק איז זי געווען פאַרנומען מיט געזעלשאַפטלעכע ענינים. אומעטום וואו מ'האָט איר געדאַרפט: צי אין דער אונטערערדישער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע, צי אין דער אַרבעט פון פ.פ.אָ. – פאַראייניקטע פאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע אין געטאָ, צי אין דער דערציאונג פון דער יוגנט, צי ביים אַריינטראָגן און פאַרבאַהאַלטן געווער, צי ביים אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן אַן אומלעגאַלע אונטערערדישע צייטונג, צי אין פּריוואַטן לעבן פון חברים און פריינד – שטענדיק האָט זי געפונען צייט פאַר אַלץ און אַלעמען. איר אַרבעט האָט זי שטענדיק אויסגעפירט מיט האַרץ און נשמה. און דער עיקר האָט מיר שטענדיק אין איר פאַרכאַפּט איר לאָגישער אַרט דענקען, איר טיף שכלדיקער באַנעמען פון פּראָבלעמען. זי איז קיינמאָל ניט געווען פּאַסיוו בלויז מיט רייד און פראַזן, זי איז אַלעמאָל געווען אַקטיוו אין די שווערע מאָמענטן וואָס מיר האָבן צוזאַמען אַדורכגעמאַכט.

איך בין מיט איר געוואָרן אַזוי נאָענט באַפריינדעט אַז זי האָט מיר אַפילו דערציילט וועגן אירע פּערזענלעכע אינטימע איבערלעבונגען. אַ סך פון אירע נאָענטע מיטאַרבעטער פון דער אונטערערדישער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע האָבן איר פאַרפאַלגט צוליב דעם אָבער איך האָב איר גוט פאַרשטאַנען. זי איז געווען אַ שיינע, סימפּאַטישע פרוי און זי האָט געהאַט געפילן ווי יעדער אַנדער פרוי.

ווען דער לעבן האָט אונדז צעשיידט – בין איך אַוועק בעת דער ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער און סאָניע איז געבליבן אויף אַרישע פּאַפּירן אין שטאָט. איך האָב שטענדיק דורך אונדזערע מיידלעך וואָס פלעגן גיין פון פּאַרטיזאַנקע אין שטאָט געהאַט לעבעדיקע גרוסן פון סאָניען. אויך אין שטאָט האָט זי ניט גערוט אויף קיין

איין מאָמענט. כאָטש זי האָט געשפּילט די ראָל פון אַ פּוילישע מיידל איז זי שטענדיק געווען און געבליבן אַ יידישע טאָכטער, געטריי געדינט דעם יידישן פאָלק. איר טראַגישער טויט האָט מיר געבראַכט דערצו איך זאָל מאָלן אַ בילד פון סאָניען אין איר לעצטן וועג פון אומקום. זי לעבט אין מיינע געדאַנקען ווי אַן אידעאַלע פּערזאָן, אַן אומדערמידלעכע העלדין פון אונדזער טראַגישן חורבן פּעריאָד. דאָס האָט מיר באַוואויגן אויפצוקלייבן די אַלע מאַטעריאַלן און דאָס דרוקן אין דער פאָרם פון אַ בוך, וואָס באַשטעטיקן אַלע מיינע השגות וועגן סאָניען. מיין ציל איז מען זאָל איר דערקענען און שטענדיק געדענקען.

איך דריק אויס מיינע ספּעציעלע דאַנקען פאַר מיין שוועסטער רבקה און איר מאַן יצחק גאָרדאָן ווי אויך צו זשעניע בערקאָן־מאַלעצקי, וועלכע האָבן מיר געהאָלפן אויפצושטעלן דעם דאָזיקן בוך. אויך אַ דאַנק דריק איך אויס מיין חבר לייזער ראַן פאַרן דערלויבן צו נעמען די פאָטאָגראַפיעס פון סאָניעס משפחה פון זיין בוך "ירושלים דליטא – אילוסטרירט און דאָקומענטירט".

אין די פאַרשיידענע אַרטיקלען וועלן זיך געפינען: סתירותדיקע און איבערחזרנדיקע פאַקטן דערציילן אויף אַ פאַרשיידענעם אופן די דאַטע פון סאָניעס געבורט און דער סוף פון איר לעבן ווערט אָנגעגעבן אַנדערש. אָבער דאָס ענדערט ניט די פּערזענלעכקייט פון דער לעגענדאַרער העלדין – סאָניע מאַדייסקער.

די דאָזיקע זאַמלונג פון אַרטיקלען גיט אויך אַ טיילווייזן בילד פון די ראַנגלענישן פון אונדזער פאָלק מיט די נאַציסע מערדער און זייערע באַהעלפער; ווי אויך אויסצוגן פון די אומדערמידלעכע, איבערגעגעבענע העלדישע טעטיקייטן, אין קאַמף און אומקום, פון אַנדערע מיטגלידער אויסער סאָניען פון דער אונטערערדישער פאַראייניקטער פאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע (קורץ – פ.פ.אָ.) אין ווילנער געטאָ און אין די פאַרטיזאַנישע מחנות אין די וועלדער אַרום ווילנע – אויך דאָס איז געווען מיין ציל ביים אָפּקלייבן די אַרטיקלען פאַר דעם בוך.

ש.ק.

דינה מאַדייסקער־שוכמאַן דערציילט וועגן איר משפּחה און ספּעציעל וועגן סאָניען

איך האָב ניט קיינע דאָקומענטן פון מיין משפּחה.

לויט מיין אויסרעכענונג איז מיין טאַטע געבוירן געוואָרן, מער ווייניקער, אין 1880, אין מאַלאַט, ליטע. מיין מאַמע – אין 1882 יאָר. אין קאַראָשטש – אַ קליין שטעטל ניט ווייט פון ווילנע. נאָכן פאַרענדיקן דעם לערער אינסטיטוט, האָבן מיינע עלטערן חתונה געהאַט. דער טאַטע האָט געאַרבעט אַלס אַ לערער. ווען מיר זיינען אין 1920 געקומען פון רוסלאַנד קיין ווילנע האָט דער טאַטע קיין אָפיציעלע שטעלע אַלס אַ לערער ניט געקענט באַקומען. ווי איך פאַרשטיי האָט דער טאַטע געקענט נאָר האָבן פּריוואַטע לעקציעס און ער איז געווען זייער אַריינגעצויגן אין דער אַרבעט אין סאָפיע מאַרקאָווגע גורעוויטש גימנאַזיע. די אַלע יאָרן וואָס מיר האָבן זיך דאָרט געלערנט איז ער געווען דער פאָרזיצער פון עלטערן קאָמיטעט.

כדי צו קענען אויסהאַלטן די משפּחה האָט דער טאַטע זיך גענומען צו האַנדלען מיט מעל. ער איז געוואָרן אַ פאַרמיטלער צווישן מעל סוחרים און די בעקערייען. דאַן האָט ער זיך באַקאַנט מיט זשעניע בערקאָנס עלטערן, וועלכע האָבן געהאַט אַ בעקעריי. (זשעניע בערקאַן־מאַלעצקי לעבט איצט אין ניו־יאָרק). צווישן מיינע עלטערן און די בערקאָנס האָט זיך ענטוויקלט אַ גרויסע פריינדשאַפט, וועלכע האָט זיך געצויגן ביז זייער אומקום. אין 1939 האָט מיין טאַטע אַרענדירט זשעניע עלטערנס קאַפע אויף ברייטע גאַס. איך בין מיט די עלטערן געווען ביזן סוף אָקטאָבער אָדער אָנהויב נאָוועמבער 1939, ווען ווילנע איז איבערגעגעבן געוואָרן צו ליטע. איך בין דאַן אַוועקגעפאָרן, איבערלאָזנדיק די עלטערן אין ווילנע.

וואָס איז געשען מיט זיי אין דער צייט ווען די רוסן האָבן

דינה מאַדייסקער־שוכמאַן. יינגערע שוועסטער פון סאָניע מאַדייסקער. אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט מלחמה געלעבט אין רוסלאַנד. ביי היינט צו טאָג לעבט זי אין לאָנדאָן, ענגלאַנד.

פאַרנומען ליטע אין 1940 און שפּעטער ווען אין 1941 איז אויסגעבראָכן די מלחמה מיט דייטשלאַנד און מ׳האָט זיי אַריינגעטריבן אין געטאָ, ווייס איך ניט גענוי. איך ווייס בלויז אַז מיינע עלטערן זיינען אומגעקומען ביים ליקווידירן דעם ווילנער געטאָ אין 1943.

מיין ברודער שמעון, געבוירן אין ווילנע, איז געווען דער עלטסטער פון די קינדער. ער איז געווען אַ קינסטלער. ער איז אומגעקומען, ווי מ׳האָט מיר דערציילט, גלייך פון אָנהויב פון דער מלחמה. ער האָט געלעבט אין לידע, וואו ער האָט חתונה געהאַט. ער איז אומגעקומען אין ביעניאַקאָן, וועלכע האָט זיך געפונען צווישן ווילנע און לידע. זיין פרוי איז אומגעקומען אין לידער געטאָ.

צעסיע, דאָס צווייטע קינד און די עלטסטע שוועסטער איז אומגעקומען אין יולי 1942 בעת אַן אַקציע אין מינסקער געטאָ, צוזאַמען מיט איר איין יאָריקע טעכטערל. סאָניע איז געבוירן געוואָרן אין 1914 אין יורבורגוס.

איך בין געבוירן געוואָרן אין קרעמענטשוק, אוקראַינע. אַלע 4 קינדער זיינען צוליבן טאַטנס אַריבערפאָרן אַרבעטן פון איין שול צו אַ צווייטער, געבוירן געוואָרן אין פאַרשידענע ערטער.

סאָניע האָט געהאַט אַ סך פאַראינטערעסירונגען. זי האָט האָלט געהאַט זיך פיין אָנטאָן, זיך האַלטן זייער ריין, די האָר שטענדיק פאַרקעמט. זי האָט געהאַט אַביסל קאָסאָקע אויגן. ווען זי פלעגט זיך פאַרטראַכטן, האָט מען עס געקענט זען, עס האָט איר אָבער געקלייט – זי האָט דאַן אויסגעזען ווי פאַרחלומט.

זי האָט אַלעמאָל געהאַט אַן אייגענע מיינונג. דער טאַטע האָט געהאַלטן, אַז קיין שענערע, בעסערע און קליגערע טאָכטער, ווי זי איז, האָט קיינער ניט. מיט דער מאַמען האָט סאָניע ניט געשטימט. די מאַמע האָט געהאַלטן, אַז סאָניע איז אַ קאָך און זי האָט איר גערופן קאָכלעפל. דער געפיל פון פליכט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז געווען ביי סאָניען ביז משוגעת.

סאָניע האָט געהאַט קאָלאָסאַלע דראַמאַטישע פעאיקייטן. זי פלעגט אַרויסטרעטן אויף די אָוונטן אין שול, וואו זי האָט געלערנט. זי האָט ניט געהאַט קיין שטימע און האָט שיין געזונגען. אַלע האָבן געזאָגט, אַז זי וועט זיין אַן אַרטיסטקע.

ווען מ׳האָט איר געשיקט אַרבעטן אויפן דאָרף, זיינען די אַרטיסטישע פעאיקייטן איר שטאַרק צוניץ געקומען. זי איז געווען אַ

פאַסטושקע. זי האָט ניט געהאַט קיין יידישן אויסזען. זי האָט געקענט זייער גוט ווייסרוסיש און זי האָט געפירט פּאָליטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן ווייסרוסישע יוגנט. שפּעטער ווען איך בין מיט איר געווען אין גלובאָקע, האָט זי זיך איינמאָל אַוועקגעשטעלט און אָנגעהויבן דעקלאַמירן פון יאַנקאַ קופּאַלאַ מיט אַ ריין ווייסרוסישע שפּראַך. זי האָט געוואָלט דערווייזן אַז ווייסרוסיש האָט אַ רייכע קולטור.

סאָניע איז געזעסן אין לוקישקער טורמע. נאָך דעם האָט מען איר איבערגעשיקט אין פּאַוויאַק (וואַרשע), שפּעטער אין סיערעץ, אַ טורמע פאַר מינדעריעריקע פאַרברעכערינס, וואו זי איז געזעסן מיט פּראָסטיטוטקעס און גנבטעס. פון סיערעץ האָט מען איר, אין 1933 יאָר (אויב איך האָב ניט קיין טעות) איבערגעשיקט צוריק קיין ווילנע. אין 1934 אָדער 1935 יאָר האָט מען איר ווידער אַרעסטירט. מ׳האָט איר ווידער געבראַכט אין לוקישקער טורמע. איך בין דאַן אויך געזעסן אויף לוקישקעס, אָבער אין אַ באַזונדערע קאַמער. מ׳האָט אַזוי געמאַכט אַז מיר זאָלן זיך אויף די אַפּעלן ניט טרעפן צוזאַמען. איך בין געוואָרן זייער קראַנק און מ׳האָט מיר אַרויסגעלאָזן אויף אַ חודש אָדער זעקס וואָכן. ווען איך בין געקומען צוריק אין טורמע, האָט מען די פּאָליטישע אַרעסטירטע אַריבערגעפירט אין אַ טורמע, אויף סטעפן גאַס, וואו מ׳האָט אונדז אַלעמען געהאַלטן אין אַן אַלגעמיינער צעלע. דאָרט איז אויך געווען סאָניע. מיר האָט מען אינגיכן באַפרייט און סאָניען האָט מען אַריבערגעפירט אין גראָדנע.

אין 1938 יאָר בין איך געקומען אין גראָדנע אויף אַ זעאונג מיט סאָניען. אין תפיסה, ווען מען האָט געלערנט אָדער שטודירט עפּעס, זיינען ביי סאָניען געווען הונדערט פראַגן אויף איין וואָרט. אָבער זי האָט אַלעמאָל געהאַט איר אייגענע מיינונג. – זי איז געווען זייער דיסציפּלינירט.

זייענדיק אין טורמע, האָט סאָניע, ביי אונדז אין צעלע אָרגאַניזירט פאָרשטעלונגען. איין פאָרשטעלונג האָט זי געמאַכט וועגן דער פעלקער ליגע. סאָניע איז געווען דער פאָרשטייער פון פראַנקרייך, איך בין געווען דער פאָרשטייער פון לאָנדאָן. מיר האָבן געמאַכט קאָסטיומען פון אַלטע שמאַטעס, וואָס מיר האָבן געהאַט ביי זיך. דער פאָרשטייער פון ר.״פ. איז געווען אָנגעטאָן אין שטיוול, געלעפּע הויזן מיט אַ פוראַזשקע אויפן קאָפּ – אַזוי האָבן מיר זיך אים פאָרגעשטעלט. דאָס איז מסתמא געווען אין 1935.

מיט סאָנקען האָט זיך געטראָפן אַלע מעשהס. בעת סאָנקעס פּראָצעס האָט מען געשאָסן דעם פּראָוואָקאַטאָר סטרעלטשוק. ווי זי איז אַריינגעלאָפן נאָך דעם אין צעלע, וועל איך דאָס אין מיין לעבן קיינמאָל ניט פאַרגעסן. מיר זיינען דאַן געזעסן אין טורמע צוזאַמען. סטרעלטשוק איז געווען אַ

פראָוואָקאַטאָר. מ׳פלעגט צו אים פירן פּאָליטישע אַרעסטירטע, ער זאָל דערקענען. מ׳האָט ניט געוואוסט ווי פּטור צו ווערן פון אים, האָט מען באַשלאָסן אים צו שיסן אויפן פּראָצעס. מיין מאַמע און מיין טאַטע זיינען געקומען צו סאָנקעס פּראָצעס. לעבן זיי האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ יונגער פּאָליאַק אָדער אַ ווייסרוס (זיי האָבן ניט געוואוסט גענוי) זיי האָבן געמיינט אַז דאָס איז אַ שפּיצל און ווען דער יונגער מאַן האָט שפּעטער געוואָלט זיך בייטן מיט איר מיט די ערטער, האָט זי געזאָגט "ניין". די מאַמע האָט שפּעטער דערציילט אַז זי וואָלט אים במילא ניט געקענט ראַטעווען. ס׳איז געווען דאָן אַ גרויסער פּראָצעס – סאָניע איז געווען מיט אַ סך פאַרמשפּטע, דער יונגער ווייסרוס, ווי ס׳האָט זיך דאָן אַרויסגעוויזן, איז געווען פּריטיצקי וועלכער האָט געשאָסן אין סטרעלטשוקן און איז אַנטלאָפן דורך די טרעפּ. די פּאָליציי האָט אים נאָכגעשאָסן און אַריינגעשאָסן אַ סך קוילן אין אים. מ׳האָט אים פאַרמשפּט צום טויט און שפּעטער פאַרביטן אויף 15 יאָר.

אַ קאַפּיטל פאַר זיך, איז ווי זי האָט זיך באַפרייט פון גראָדנער תפיסה. די תפיסה וואָך איז זיך פונאַנדערגעלאָפן, ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט אַז די סאָוויעטן קומען אַריין אין גראָדנע. די אַרעסטירטע זיינען אַרויס אויף דער פריי. אָבער פּוילישע כוליגאַנעס האָבן זיי געכאַפּט, אַריינגעזעצט ווידער אין טורמע און פאַרמשפּט צום טויט. פאַרטאָג האָט מען זיי געזאָלט שיסן. אינדערפרי זיינען געקומען סאָוויעטישע טאַנקען אויפן הויף פון תפיסה און זיי באַוויזן צו באַפרייען. ווען די רויטע אַרמיי איז אַריין אין גראָדנע, איז סאָניע געקומען צוריק אין ווילנע.

דעם 17־טן סעפּטעמבער 1939 איז די רויטע אַרמיי אַריין אין ווילנע. אַ טאָג פריער זיינען מיר אַוועק פון שטוב. מיר האָבן ניט געוואוסט פון דעם אָפּמאַך צווישן מאָלאָטאָוו און ריבענטראָפּ. מיר האָבן געהערט, אַז אָדער די רויטע אַרמיי, אָדער די דייטשן וועלן קומען אין ווילנע. האָב איך און צעסקיע גענומען די פּאָר וועש און אַוועק זיך באַהאַלטן אויף ליפּוווקע, צו צעסקיעס אַ חבר. פאַרטאָג איז געקומען מיין חבר, כאַציע, און געזאָגט, אַז די רויטע אַרמיי איז אין ווילנע. מיר זיינען אַרויסגעלאָפן און געקומען אויף ברייטע גאַס, וואו מיר האָבן דערזען דעם ערשטן סאָוויעטישן טאַנק. מיר זיינען געלאָפן ווייטער ביז מיר זיינען דערלאָפן צום טויער פון קלייסטער אויף אָסטראָבראַם. ס׳איז געווען אַ רעגנדל, ס׳איז געווען זייער גליטשיק. מיר האָבן געזען ווי עס גייט אַ טאַנק, אָבער אַנשטאָט צו גיין, האָט ער זיך געגליטשט און גלייך אויף אונדז. איך געדענק אַז איך האָב דאָן געטראַכט "אין אַזאַ מאָמענט זאָלן מיר אומקומען?". מיר האָבן זיך מיט צעסקען גענומען רוקן צוריק, אָבער די וואַנט פון קלויסטער

האָט אונדז געשטערט און דער טאַנק האָט צעבראָכן צעסקעס פוס און מיר צעהאַקט אַ האַנט, אָבער ניט צעבראָכן. מ'האָט צעסקען גענומען אין שפּיטאָל און אַריינגעלייגט די פוס אין אַ גיפּס.

שפּעטער זיינען מיר אַוועקגעפאָרן קיין גלובאָק. סאַנקע איז געקומען פון גראָדנע. זיינען געוועזן צעסקע, מיט איר מאַן, סאַנקע און איך מיט מיין מאַן. צעסקע איז שפּעטער אַוועקגעפאָרן קיין ברעסלאָוו.

סאָניעס געשיכטע מיטן מאַן, איז אַ געשיכטע פאַר זיך. סאָניע האָט געליטן איר גאַנצן לעבן, זי האָט ניט געהאַט קיין מזל. מיר זיינען געוועזן זייער נאָענט, ניט נאָר ווי שוועסטער. ווען איך האָב נאָך ניט געהאַט קיין אַנונג אין ליבע זאַכן, פלעגט זי מיר אַלץ אויפקלערן און דערציילן.

זייענדיק אין גראָדנע האָט זי זיך פאַרבונדן מיט אַ מאַן. דער מאַן האָט איר זייער ליב געהאַט. אָבער זי האָט מיט אים איבערגעלעבט אַ סך צרות. דעם מאַנס עלטערן האָבן די סאָוויעטן אַריינגעזעצט. אים האָט מען אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט און אויסגעשלאָסן פון דער פאַרטיי. מ'האָט אים איבערגעלאָזן אָן דאָקומענטן. דאָס אַלץ האָט שלעכט געווירקט אויף אים מאָראַליש. סאָניע האָט זיך אויך דערוואוסט, אַז נאָך זייענדיק אין פּוילן, האָט מען אים געהאַט פאַרהאַלטן. ער האָט ניט געקענט אויסהאַלטן די פּייניקונגען און ער האָט אַרויסגעגעבן חברים.

אַלע האָבן געהאַלטן אַז סאָניע דאַרף זיך מיט דעם מאַן מער ניט טרעפן. זי האָט מיט מיר גערעדט וועגן דעם אַ גאַנצע נאַכט. זי האָט פאַרשטאַנען אַז ער האָט ניט גוט געהאַנדלט, אָבער זי האָט געהאַט צו אים געפילן. זי איז אַוועקגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק און פון דאָרט קיין גראָדנע. זי איז זיך מיט אים ווידער צונויפגעקומען. אין גראָדנע האָט סאָניע זיך געלערנט אין פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. זי האָט זייער ליב געהאַט קינדער און זי האָט אַלעמאָל געזאָגט, אַז ווען די סאָוויעטן וועלן קומען, וועט זי אַרבעטן נאָר מיט קינדער. דערווייל האָט מען איר מאַן גענומען אויף פינף וואָכן אין מיליטער און ווי נאָר די מלחמה מיט דייטשלאַנד איז אויסגעבראָכן, איז ער אומגעקומען.

סאָניע איז ווידער געבליבן אַליין.

ווי סאָניע איז געקומען צוריק קיין ווילנע? מיר האָט מען געזאָגט, אַז פון גראָדנע איז זי געקומען קיין ווילנע, סאָניען מיט די עלטערן האָט מען אַוועקגעפירט אויף לוקישקעס. ווען מ'האָט גענומען אַרויסרופן ספּעציאַליסטן, האָט זי אַרויסגעשלעפּט די עלטערן. וועגן גענאַ, האָב איך בלויז געלייענט וועגן איר, געגעני ווייס איך גאָרניט.

ווען איך בין געווען אין ישראל, האָב איך זיך געטראָפן מיט צעסיע ראָזענבערג. זי האָט מיר דערציילט ווי זי איז געגאַנגען מיט סאָניען, געשיקט פון פ.פ.אָ. אַריבערגיין דעם פראָנט און דערציילן די פאַקטן פון די היטלעריסטישע מערדערייען. זיי זיינען אָבער ניט דערגאַנגען. זי דערציילט בלויז אַ קליינעם פאַקט וואָס כאַראַקטעריזירט סאָניען. די פּאָליציי האָט זיי געכאַפּט און אַרעסטירט ניט ווייט פון פראָנט. זיי זיינען געווען זיכער, אַז מ׳וועט זיי שיסן. סאָנקיע האָט זיך פאַרקעמט. צעסיע האָט זיך געוואונדערט, וואָס זי פוצט זיך – האָט סאָניע געענטפערט, אַז אַפילו ווען ס׳קומט דיין לעצטע מינוט דאַרף מען אויסזען און בלייבן אַ מענטש.

אַלס אויספיר. טראָץ אירע אידייען פאַר אינטערנאַציאָנאַליזם איז סאָניע געבליבן אַ יידישע טאָכטער. נאָך דער ליקווידאַציע פון געטאָ האָט זי זיך פאַרנומען מיט די אויסגעבאַהאַלטענע קינדער אין שטאָט, מיט די מענטשן פון ה.ק.פ. און קייליס פונוואַנען זי האָט אַרויסגעשיקט יידן אין פּאַרטיזאַנקע.

אין פוילן, האָט סאָניע געקראָגן אַ ווירטועטי מיליטאַרי אויסצייכענונג. אין ליטע איז זי באַלוינט געוואָרן מיטן אָרדן פון פּאַטערלענדישע מלחמה פון ערשטן גראַד. איך האָב אַ באַשטעטיקונג פון פּאַלגנדיקן אינהאַלט, אַרויסגעגעבן פון די קאָמפּאַרטיי אין ליטע: נומ. 15, 5־טן יוני 1946.

דער דאָקומענט איז אַרויסגעגעבן וועגן דעם, אַז מאַדייסקער שיינע, טאָכטער פון יוסף, איז באַלוינט געוואָרן דורכן פּרעזידיום פון העכסטן סאָוויעט פון ר״פ, יולי 1945 יאָר, מיטן אָרדן פון פּאַטערלענדישער מלחמה ערשטן גראַד, פאַרן קאַמף מיטן דייטשישן אַגרעסאָר.

אונטערגעשריבן דורך דעם פאַרטרעטער פון דער אָפּטיילונג פאַר די קאַדרען פון צ.ק. פון דער קאָמפּאַרטיי אין ליטע – אייזענאַס.

5טער קלאַס ס. גורעוויטש־גימנאַזיע; סאָניע – 1טע ריי, 2טע פון לינקס 1927

סאָניע מאַדייסקער

(ביאָגראַפישע נאָטיצן און זכרונות)

שלמה קאָוואַרסקי

דעם 13־טן יולי, 1944 זיינען פון ווילנע פאַרטריבן געוואָרן די לעצטע דייטשע חיילות. ווען איך בין מיט דער פאַרטיזאַנער מחנה אַריין אין ווילנע, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די גאַסן זיינען פאַרשטומט געוואָרן פון גרויזאַמקייטן, פונקט ווי נאָך אַ ריזיקן שטורעם, וואָס האָט געדויערט אומענדלעך. די הייזער וואו יידן, קינדער, יונגע און אַלטע האָבן יאָרהונדערטער געשפינט אַ פילפאַכיקן און פילפאַרביקן געוועב פון דורות, זיינען געוועזן פוסט און שטום. אָן יידישן לעבן זיינען געבליבן די גאַסן. ירושלים ד׳ליטע איז געבליבן אַ פאַרגאַנגענע הייליקייט, וואָס האָט זיך געצויגן איבער 400 יאָר. געבליבן זיינען בלויז איינציקע רינגעלעך פון לאַנגע, לאַנגע משפחה־קייטן, מענטשן מיט צעבראָכענע הערצער, אָבער מיטן ווילנער פונק פאַרן ווייטערדיקן לעבן. די שטאָט איז אויסגעליידיקט געוואָרן פון יידן און די יידישע ווילנע איז געבליבן הינטער דער שטאָט, אויף די פעלדער פון פאָנאַר.

סאָניע מאַדייסקער איז אינגאַנצן אַלט געווען 29 יאָר ווען די מערדער האָבן צוגענומען איר לעבן און איר קערפער באַהאַלטן צוזאַמען מיט אַנדערע הרוגים. ס׳איז ניטאָ קיין קבר פון סאָניען, ס׳איז ניט באַוואוסט אין וועלכער גרוב, מיט וועלכע קדושים זי איז באַערדיקט געוואָרן. אָבער סאָניעס נאָמען האָבן קיינע טייוולאָנישע זין ניט געקאָנט אויסמעקן פון צווישן די מוטיקע העלדן פון דער צייט פון גרויסן חורבן.

סאָניעס קורצער לעבן איז געווען איבערפולט מיט קאַמף פאַר הומאַניטאַרע אידעאַלן, אין וועלכע זי האָט טיף געגלויבט און זיי ערלעך געדינט.

ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זי געגלויבט מיט איר טיפער ערלעכקייט, אַז עס איז מעגלעך צו ברענגען צו אַן אידעאַלער וועלט פאַר אַלע מענטשן. פאַר אירע טרוימען און אידעאַלן האָט זי אַוועקגעגעבן איר

* געווען געדרוקט אין „נוסח ווילנע“ בולעטין

יוגנט. מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה ווענדט סאָניע אָן איר לעבנס־דערפאַרונג אין קאַמף קעגן די, וואָס האָבן געזייט איבער דער וועלט מאָרד און אומקום און וואָס האָבן אין זייער אידעאָלאָגיע געפּריידיקט די ענדגילטיקע לייזונג פון דער יידן־פראַגע ־ זייער מאַסן־מאָרד און מאַסן־פאַרניכטונג. סאָניע גיט אַוועק איר גאַנצע ענערגיע, יעדן מאָמענט פון איר לעבן פאַרן קאַמף מיטן ביטערן שונא, די מערדער פון אירע שוועסטער און ברידער, קעגן נאַציזם־פאַשיזם.

אין דיביידע פעריאָדן אויף אירע קאַמפּס פּאָזיציעס איז זי קרישטאָל־ריין אין איר טראַכטן, אָן עמאָציעס, קאָמפּראָמיסלאָז צו זיך, ווי אויך צו אַלע אירע אַרומיקע. געוואַלדיק דיסציפּלינירט אַליין, פאָדערט זי אַבסאָלוטע דיסציפּלין פון אַנדערע. זי איז ניט געווען קיין בלינדע אויספירערין פון באַשלוסן, ווייל זי האָט אַלע שווערע פּראָבלעמען אַליין דורכגעטראַכט, דורכגעדיסקוטירט מיט חברים און שפּעטער עס דורכגעפירט אין לעבן. ניט אַלעמאָל האָט זי געהאַט געגנוג צייט זיך צו פאַרשטענדיקן מיט חברים און די באַשלוסן אָנגענומענע פון איר אַליין, זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט טיפן שכל, זיכערע פאַר קאָנקרעטן דערפאָלג.

סאָניע האָט געהאַט צוויי שוועסטער, אַן עלטערע צעסיע און אַ יינגערע דינה. דער טאַטע איז געווען אַ לערער פון מאַטעמאַטיק און די מאַמע אַ שטוביקע. די עלטערן האָבן געטרוימט אויסצובילדן די טעכטער, ווי עס האָט געפּאַסט פאַר אַ ווילנער מיטל־קלאַס פאַמיליע. אָבער אַלע דריי האָבן אויסגעקליבן דעם וועג פון קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט און האָבן אַ גאַר גרויסן טייל פון זייער יונגן לעבן פאַרבראַכט אין די פּוילישע טורמעס אַנשטאָט אין אוניווערסיטעטן. איר שוועסטער דינה, וועלכע לעבט איצט אין ענגלאַנד דערציילט, אַז פון אַלע דריי שוועסטער איז סאָניע געווען די סאַמע אַקטיווסטע. שוין פון איר קינדהייט האָט זי פאַרוואָרפן אַלעמען מיט פראַגן און צו יעדער זאַך האָט זי געהאַט אַ מעשה.

צו זעקס יאָר איז סאָניע אָנגעקומען אין דער פאָלקס־שול ביי דער סאָפיע גורעוויטש גימנאַזיע און שפּעטער אַריבער אין דזיענציעלסקיס גימנאַזיע פון וועלכער זי איז זייענדיק אין 8טן קלאַס, צום דריטן מאָל אַרעסטירט און פאַרמשפט געוואָרן אויף זעקס יאָר טורמע. אין שול האָט זי אַרויסגעוויזן אַרטיסטישע פעאיקייטן, מ׳האָט איר פאָרויסגעזאָגט אַן אַרטיסטישע צוקונפט. זי איז קיינמאָל קיין אַרטיסטקע ניט געוואָרן, נאָר דאָס האָט איר געהאָלפן אין איר אונטערערדישער אַרבעט אין פּוילן און נאָך מערער אין דער צייט פון חורבן. זי האָט געקענט גלענצנד שפּילן די ראָל פון אַ פּוילישער מיידל מיט אירע אַרישע דאָקומענטן, ווען זי האָט געהאַט

די באַגעגענישן מיט די מענטשן פון דער אַנטי־פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע אין שטאָט.

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט סאָניען איז געווען ביי דער לערערין מירע בערנשטיין אין שטוב. גלייך פון דער ערשטער באַגעגעניש האָט סאָניע געמאַכט אויף מיר דעם איינדרוק פון אַ ניט־געוויינלעכער פערזאָן. איר פּנים איז געווען ווי פון שטאָל אויסגעשמידט – ערנסט, פאַרזאָרגט און איינגעהילט אין געהיימעניש. אין די אויגן האָט זיך געוואָרפן איר עסטעטישער אויסזען. די האָר גלאַט פאַרקאַמט, אָנגעטאָן זייער איינפאַך אָבער זייער ריין, ציכטיק, שטענדיק מיט אַ בייטל אונטערן אָרעם. די אויגן האָבן געברענט און צייטנווייז, זיך פאַרטראַכטנדיק אויף אַ מאָמענט, האָט זי איין אויג פאַרדרייט און אויסגעזען אַ ביסל קאָסאָקע. אַזוי האָב איך סאָניען געזען דעם ערשטן מאָל און אַזוי איז זי געבליבן אין מיין זכרון ביז היינט צו־טאָג.

אויסער אָרגאַניזירן די יוגנט האָט סאָניע געהאַט אויך אַנדערע אויפגאַבן. מ׳האָט סאָניען געשיקט אָנקניפּן פאַרבינדונגען מיט דער אַנטיפאַשיסטישער ניט־יידישער אָרגאַניזאַציע אין שטאָט. זי האָט די אויפגאַבע אויסגעפירט און אַזוי אַרום איז די געטאָ־אָרגאַניזאַציע געוואָרן אַ טייל פון דער אַלגעמיינער.

אין אָנהויב 1942 ווערט אָרגאַניזירט די פ.פ.אָ. – די פאַראייניקטע פאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע פון אַלע פאַרטייען אין געטאָ – אַ קאַמפס־אָרגאַניזאַציע.

סאָניע איז ניט געווען קיין מיטגליד פון שטאַב, אָבער זי איז געווען די נשמה און דער געוויסן פון פ.פ.אָ.. אַז מ׳האָט געדאַרפט אָרגאַניזירן דאָס אַריינברענגען געווער אין געטאָ, איז סאָניע געווען גרייט. אַז מ׳האָט געדאַרפט אָרגאַניזירן אַן אונטערערדישן ראַדיאָ, האָט זי עס אָרגאַניזירט. האָט מען געדאַרפט געפינען ערטער צו באַהאַלטן געווער, האָט זי ביי אירן אַ באַקאַנטן פריינד, אַ בעקער, אין אַ סקלאַד אונטער האָלץ געמאַכט אַ באַהעלטעניש פאַר די אָנגעזאַמלטע געווער. איך האָב מיט סאָניען געהערט צו דער זעלבער פינפטל פון פ.פ.אָ. די אַנדערע דריי זיינען געווען: ליזע מאַגון, ברוך גאָלדשטיין און אייזיק אַווערבוך. סאָניע איז געווען אונדזער גרופּן קאָמאַנדיר, ליזע די פאַרבינדלערין און אַווערבוך, אַליין אַ געשולטער מיליטערמאַן, האָט אונדז געלערנט ווי זיך צו באַנוצן מיט הייסע געווער. אונדזערע באַגעגענישן זיינען פאַרגעקומען ביינאַכט, אין דער געטאָ־ביבליאָטעק, וואו עס פלעגן זיך געוויינלעך מערסטנס טרעפן די פינפטלעך

פון פ.פ.אָ.. סאָניע, כאָטש זי איז געווען פאַרנומען אין פאַרשיידענע געביטן פון דער אָרגאַניזאַציע, סיי אין געטאָ און סיי אין שטאָט, האָט קיינמאָל ניט דורכגעלאָזט אַ טרעפונג פון אונדזער פינפטל. מיר אַלע און סאָניע מערער פון אונדז, האָבן זיך אינטערעסירט אין די לעקציעס פון באַנוצן זיך מיט אַ רעוואָלווער און אַ ביקס. מיר אַלע האָבן געקוקט אויפן נאַגאַן ווי אויף אַ הייליקייט, וואָס וועט אונדז דאַרפן דינען אין קאַמף מיטן שונא, אין קאַמף פאַרן כבוד פון אונדזער פאָלק. סאָניע האָט מער ווי אַלע פאַרוואָרפן אַוועקבוכן מיט פראַגן וועגן די דעטאַלן פון דער כלי. אַ סך פון אונדזערע פ.פ.אָ.-מיטגלידער האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו באַנוצן מיט געווער אין די פאַרטיזאַנער מחנות. סאָניע, צום באַדויערן האָט אויסגענוצט דעם רעוואָלווער אין די לעצטע מאָמענטן פון איר לעבן, פאַרן אַריינפאַלן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ, צו שיסן אין זיך און דאָס האָט זי ניט געטראָפן.

כאָטש איך האָב זיך שוין פריער געטראָפן מיט סאָניען, האָט מיר די פינפטל פון פ.פ.אָ. אַ סך מער דערנענטערט צו איר. נאָך מער האָט זי מיך פאַרכישופט מיט איר אויסערגעוויינלעכער פערזענלעכקייט, מיט איר אומבאַגרענעצטער איבערגעבנקייט צום קאַמף מיט אונדזערע שונאים אַרום.

וואָס מער סאָניע איז געוואָרן פאַרוויקלט אין די פאַרשיידענע געביטן פון דער אונטערערדישער אַרבעט, אַלץ ווייניקער איז מיר אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט איר. אָבער וואָס מער זי האָט זיך פאַרטיפט און געטראָגן מיט זיך די סודות פון דער אונטערערדישער אַרבעט, אַלץ מער האָט זי מיך אינטערעסירט און אַלץ מער איז זי געוואַקסן אין מיינע אויגן, ווי איינע פון די גרעסטע העלדינס פון ווילנער געטאָ און אפשר פון דעם גאַנצן חורבן פעריאָד.

ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט איז סאָניע ניט געווען קיין מיטגליד פון שטאַב פון פ.פ.אָ., נאָר זי האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף דער גאַנצער אַרבעט פון דער אָרגאַניזאַציע. זי האָט געשאַפן די פאַרבינדונגען מיטן שטאָטישן אַנטי-פאַשיסטישן קאָמיטעט, וועלכער האָט אָנערקענט די פ.פ.אָ. ווי איינע פון די הויפט קאַמפס-אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט. ווען מען האָט אין געטאָ געשאַפן דעם געזעלשאַפטלעכן הילפס-קאָמיטעט, ווי ד״ר דוואָזשעצקי האָט עס אָנגערופן ״געטאָ-פּאַרלאַמענט״ איז סאָניע דאָרט אויך אַקטיוו און קעמפט פאַר דער גערעכטיקייט אין דער פאַרטיילונג פון דער הילף פאַר די וואָס נייטיקן זיך אין דעם.

ווען עס ווערט רייף דער געדאַנק און די צייט פון אַרויסגעבן די אונטערערדישע פּרעסע, איז סאָניע די הויפּט-אָרגאַניזאַטאָרין. ווען די

פ.פ.אָ., צוזאַמען מיטן שטאַטישן קאָמיטעט באַשליסן, אַז מ׳דאַרף שיקן אַ פּאָר מיטגלידער דורכצורייסן די סאָוועטיש־דייטשישע פראָנטליניע, כדי צו קומען קיין מאָסקווע און דאָרט איבערגעבן וועגן די גרויזאַמקייטן פון די דייטשישע הענקער און אויך אָנקניפּן פאַרבינדונגען מיט די צענטראַלע פּאַרטיזאַנער אינסטאַנצן. באַשטימט מען סאָניען און צעסיע ראָזענבערג אויסצופירן די אויפגאַבע. זיי דערגייען ביז 12 קילאָמעטער פאַר דער פראָנטליניע. זיי ווערן אויפן וועג עטלעכע מאָל פאַרהאַלטן אַלס פאַרדעכטיקטע יידישקעס און מ׳ברענגט זיי צוריק קיין ווילנע, וואו ס׳געלינגט זיי זיך אַרויסצודרייען פון די הענט פון געסטאַפּאָ.

איר שוועסטער דינה, וועלכע וואוינט איצט אין לאָנדאָן, האָט מיר דערציילט, וואָס צעסיע האָט איר איבערגעגעבן וועגן דער האַלטונג פון סאָניען, ווען זיי האָבן געמיינט, אַז מ׳פיר׳ט זיי שיסן. סאָניע האָט אַרויסגענומען איר קעמעלע און גענומען פאַרקאַמען די האָר. זי האָט דערביי געזאָגט, אַז אַפילו אין די לעצטע מינוטן דאַרף מען אויסזען ווי אַ מענטש. דאָס איז געווען סאָניע.

מיר ווייסן אַלע וועגן דער האַלטונג פון סאָניען אין דער צייט פון דער וויטענבערג־טראַגעדיע. סאָניע איז דאַן געווען אין שטאָט. נאָר ווען זי האָט זיך דערוואוסט וואָס עס קומט פאָר אין געטאָ, איז זי גלייך געקומען אויף די קאַמפּס־פּאָזיציעס: זי איז געווען אין שטאַב, מיט די קאַמפּס־גרופּן, מיט די צעטומלטע מענטשן אין גאַס און מיט יצחק וויטענבערג, איידער ער איז אַוועק אויפן טויט.

נאָך איציק וויטענבערגס טראַגישן אומקום האָט זיך די טאַקטיק פון דער פ.פּ.אָ. אינגאַנצן געענדערט. מ׳האָט אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז דער קאַמף אין געטאָ איז ניט דער איינציקער וועג פון קאַמף מיטן שונא. מ׳האָט באַשלאָסן אַרויסצושיקן גרופּן אין פּאַרטיזאַנער מחנות אויף נאַראָטש, וואו עס האָבן שוין עקזיסטירט פיל אָרגאַניזירטע פּאַרטיזאַנער גרופּן.

דאָס אַרויסשיקן פון געטאָ אין די וועלדער איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן און גרויס ריזיקע. צוהילף זיינען געקומען סוויענציאַנער חברה, פאַרבינדלער, וועלכע זיינען געקומען קיין ווילנע פון די נאַראָטשער וועלדער מיט דעם ציל.

סאָניע האָט ניט גערוט קיין איין מינוט. זי מיט אַנדערע מיטגלידער פון שטאָט האָבן געמאַכט די צוגרייטונגען אַרויסצוגיין אין וואַלד.

דעם 23־טן סעפּטעמבער, 1943 האָט מען אָנגעהויבן ליקווידירן די ווילנער געטאָ. די רעשטלעך איבערגעבליבענע מיטגלידער פון דער פ.פּ.אָ.

מיטן שטאַב האָבן דורך די קאַנאַליזאַציע רערן זיך דערקליבן ביז סוויענטאָיאַנסקע גאַס. דאָ האָב איך געטראָפן סאָניען. זי צוזאַמען מיט חברים פון אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט האָבן אָרגאַניזירט דעם ווייטערדיקן עטאַפּ אויף סובאַטש גאַס. מיר האָבן זיך דאָ אויסבאַהאַלטן 2 טעג ביז מיר האָבן זיך געלאָזט גיין אין וועג צו די פּאַרטיזאַנער אין רודניצקער פּושטשע. אין קעלער אויף סובאַטש גאַס האָב איך צום לעצטן מאָל געזען סאָניען – זי איז געקומען מיט אַ טאָפּ זופּ און מיט עפּל – עסן פאַר אירע חברים פון פּ.פּ.אָ.. וועגן אַלץ האָט זי געטראַכט און פאַרזאָרגט אין צייט.

מיר זיינען אַוועק אין וואַלד ווייטער קעמפן, פאַרלירנדיק גלייך פון אָנהויב דריי פון אונדזערע נאָענטסטע חברים: יאַנקל קאַפּלאַן, אַברהם כוואָיניק און אַסיע ביג. סאָניע איז געבליבן אין שטאָט, כדי ווייטער פאָרצוזעצן די אַרבעט פון דער אונטערערדישער באַוועגונג. גלייכצייטיק האָט זי אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט די יידן, וועלכע זיינען געבליבן אַרבעטן ביי די דייטשן אין אַ ה.ק.פּ. קייליס און געסטאַפּאָ. אויך האָט זי אָנגעהאַלטן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט אונדז אין וואַלד. איר זאָרג איז אויך געווען וועגן די יידישע קינדער פון חברים, וועלכע מ׳האָט אויסבאַהאַלטן ביי קריסטן אין שטאָט. אויף סאָניען און די איבערגעבליבענע חברים פון דער אונטערגרונט איז געבליבן די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן די אונטערערדישע פּרעסע.

אין שטאָט האָבן זיך באַוויזן צוויי יידן – דרייזער און אַווערבוך. זיי זיינען געוואָרן אַגענטן פון געסטאַפּאָ. זייער אַרבעט איז געווען צו געפינען אויסבאַהאַלטענע יידן און זיי איבערגעבן דער געסטאַפּאָ. די שטאָטישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע, צוזאַמען מיט סאָניען באַשליסן זיי אומצוברענגען איידער זיי ברענגען אום אַנדערע. די אויפגאַבע איז געווען פאַרבונדן מיט אַ סך געפאַר, אָבער זי איז אויסגעפירט געוואָרן אין מיטן שטאָט, אויף זאַוואַלנע גאַס.

אין שטאָט האָט סאָניע געוואוינט אין אַ פּריוואַטער דירה. פון צייט־צו־צייט פלעגט זי קומען אין ראַיאָן פון דער געוועזענער געטאָ זוכן יידן, וועלכע האָבן זיך אפשר אויסבאַהאַלטן נאָך דער ליקווידאַציע פון געטאָ. זי האָט אָנגעהאַלטן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די פּאַרטיזאַנערינס, וועלכע פלעגן קומען אין שטאָט דורכצופירן פאַרשיידענע אויפגאַבעס. אונטער סאָניעס אָנפירונג האָבן זיי אויפגעריסן די עלעקטרישע סטאַנציע אין ווילנע.

אויף די פראָנטן האָבן די דייטשן גענומען ליידן גרויסע מפּלות. די לאַגע פון די איבערגעבליבענע יידן אין שטאָט, אין ה.ק.פּ. און קייליס איז

געוואָרן אַלץ מער און מער אומזיכער. סאָניע האָט זיך באַמיט צו אָרגאַניזירן דעם אַרויסגיין פון די יידן אין די וועלדער. אונדזערע פּאַרטיזאַנערינס פלעגן ריזיקירן מיט זייער לעבן און קומען אין שטאָט, כדי צו ברענגען יידן אין וואַלד. צום באַדויערן אָבער האָט דער גרעסטער טייל פון די יידן נאָך אַלץ געלעבט מיט דער פאַלשער האָפענונג, אַז עס וועט זיי געלינגען איבערצולעבן די מלחמה אין די דייטשע לאַגערן און ניט געוואָלט גיין אין וואַלד.

סאָניעס בלייבן אין שטאָט איז געווען אַלץ מער און מער ריזיקאַליש. די דייטשן האָבן געגוי געוואוסט וועגן איר טעטיקייט און האָבן פאָרגעלייגט 5,000 רייכסמאַרק פאַר איר קאָפּ. דער שטאַב פון די פּאַרטיזאַנער באַשליסט, אַז סאָניע מוז קומען צו אונדז אין רודניצקער פּושטשע. דריי טעג פאַר דעם ווי סאָניע האָט געזאָלט קומען אין וואַלד, האָט די געסטאַפּאָ אַרומגערינגלט איר קאָנספּיראַטיווע וואוינונג אויף זאַרעטשע 3, וואו זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן אַ לאַנגע צייט. זי האָט אַלעמאָל געטראָגן מיט זיך אַ רעוואָלווער, צוגעגרייט אין פאַל פון אַ דורכפאַל, מיטן געדאַנק זיך ניט איבערצוגעבן קיין לעבעדיקע. זי האָט זיך אָפּגעשאָסן און מיט דער לעצטער קויל זיך געוואָלט נעמען דאָס לעבן. זי האָט זיך אַריינגעשאָסן אין מויל, אָבער זי האָט זיך בלויז פאַרוואונדעט. מען האָט זי גענומען אין געסטאַפּאָ, וואו מ׳האָט זי געהיילט און שפּעטער אַריבערגעשיקט אין לוקישקער טורמע, וואו מ׳האָט זי שרעקלעך געפּייניקט. זיי האָבן אָבער פון סאָניען גאָרניט געקענט אַרויסבאַקומען וועגן דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע. ווי עדות פון איר תפיסה־קאַמער האָבן שפּעטער דערציילט איז זי צום סוף כמעט טויב און בלינד געוואָרן.

עטלעכע טעג פאַר דער באַפרייאונג פון ווילנע דורך דער סאָוועטישער אַרמיי, האָט מען סאָניען אַרויסגעפירט אויפן הויף פון טורמע און מ׳האָט זי דערשאָסן.

פאַרן גיין דעם לעצטן וועג האָט זי נאָך געדענקט פונאַנדערצוגעבן אַלע אירע זאַכן צו די מיטוואוינער פון איר טורמע־קאַמער און זיי געטרייסט, אַז אין גיכן וועט קומען אַ נייע צייט פאַר אַלעמען. די צייט פון באַפרייאונג איז טאַקע שנעל געקומען, אָבער ניט פאַר סאָניען.

אַזוי איז אומגעקומען איינע פון די אומדערמידלעכסטע קעמפער פון אונדזער ווילנער געטאָ, די גרענעצלאָזע העלדין, וועמעס נאָמען וועט בלייבן, ווי אַ ביישפּיל פאַר דורות.

אַ בינטל דערינערונגען צום 20טן יאָרצייט פון חורבן ווילנע

ראובן מאַדייסקער

דעם 14טן סעפּטעמבער, 1943, ווערט דער קאָמענדאַנט פון ווילנער געטאָ, יעקב גענס, אַרויסגערופן אין געסטאַפּאָ, וואו ער ווערט גלייך דערשאָסן. אין געטאָ ווערט דאַן אַ גרויסע צערודערונג און פאַרצווייפלונג. אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז די שפּיל איז געענדיקט.

איך האָב זיך גלייך פאַרבונדן מיט מיין קוזינע, סאָניע מאַדייסקער, וועלכע איז דאַן געווען דער פאַרבינדלער („ליעזאָן") צווישן די פּאַרטיזאַנער פון געטאָ און וואַלד. זי האָט מיר באַשטעטיקט אַז די ערד ברענט אונטער אונדזערע פיס, און מען מוז וואָס שנעלער פון דאַנען אַנטלויפן. זי האָט מיר נאָר געפרעגט, אויב איך האָב וואו צו זיין די ערשטע פּאָר וואָכן אין שטאָט, ביז זי וועט מיר קענען קאָנטאַקטירן. איך האָב איר געגעבן מיין אַדרעס וואו איך האָב געהאָפּט צו זיין. ניט פאַרלירנדיק קיין צייט האָט סאָניע, מיר, מיין פרוי און אונדזער זון געגעבן די מעגלעכקייט אַרויסצובאַקומען זיך אויסערן געטאָ. גלייכצייטיק האָט זי מיר געגעבן אַן אַדרעס פון אַ געוויסן אינזשענער, אַ געוועזענעם הויכן אָפיצער פון דער פוילישער אַרמיי, קאָנסטאַנטי טשערניקעוויטש. סאָניע האָט מיר דערביי אָנגעזאָגט, אַז צו אים זאָל איך זיך ווענדן נאָר דאַן, אויב עס וועט שוין זיין ביי אונדז די לעצטע ברירה.

נאָכן אַנטלויפן פון געטאָ, האָבן מיר זיך, אַ קורצע צייט (12 טעג), אויסבאַהאַלטן אויף ווילנער גאַס נומ׳ 22, ביי דער וועכטערין פון הויז קאַראָלינע מיט איר מאַן מיכאַל (דאָס הויז האָט געהערט צו מיין שוועסטער, פאַניע עפּשטיין). זיי האָבן אונדז באַהאַלטן, ניט האָבנדיק דערביי קיין שום מאַטעריעלן אינטערעס. פאַרקערט, זיי פלעגן אונדז ברענגען עסן אַ פּאָר

מאַדייסקער ראובן אַ שוועסטערקינד פון סאָניע מאַדייסקער. נאָכן קריג געלעבט אין טאָראָנטאָ קאַנאַדע.

געווען געדרוקט אין „נוסח ווילנע" בולעטין.

מאָל אַ טאָג אין אונדזער פינצטערן און פייכטן סקלאַדזיק מיט האָלץ, אָן אַ גראָשן געלט, ריזיקירנדיק דערביי מיט זייער לעבן.

סאָניע פלעגט אונדז אָפט באַזוכן אין אונדזער באַהעלטעניש, ברענגענדיק די לעצטע נייס פון די פראָנטן און שטאָט. איינמאָל, איז סאָניע געקומען צו אונדז זייער אַ דענערווירטע, אין געלע שטיוול מיט צוויי אָנגעלאָדענע רעוואָלווערן אונטערן קורצן מאַנטל. זי האָט די שטיוול ביי אונדז איבערגעפאָרבן אויף שוואַרץ און מיר געזאָגט, אַז אין שטאָט געפינט מען זייער אַ סך באַהאַלטענע יידן, איז טאָמער... זאָל איך ניט אָנגעבן מיין ריכטיקע פאַמיליע, ווייל מען וועט מיך מאַטערן און פייניקן. זי האָט מיר נאָך געזאָגט, אַז אויף די פראָנטן איז אַזוי גוט, אָבער אונדז איז אַזוי שלעכט! דאָס איז געווען דער לעצטער מאָל, וואָס איך האָב געזען מיין סאָניען, וועלכע מיר האָבן אַזוי שטאַרק ליב געהאַט.

אָט שטייט זי פאַר מיינע אויגן, די העלדישע געשטאַלט און גוט־באַקאַנטע רעוואָלוציאָנערע טוערין נאָך פון פאַרמלחמהדיקער ווילנע. פאַר איר פּאָליטישער טעטיקייט ביזן יאָר 1939 איז סאָניע מאַדייסקער געווען געצוואונגען צו וואַנדערן פון איין תפיסה צו דער אַנדערער; פון איין פוילישער טורמע אַרויס און אין דער אַנדערער אַריין. איך האָב זי באַזוכט אין 1936, אין וואַרשעווער פּאַוויאַק, וואו סאָניע איז געווען פאַרמשפט אויף אַ טערמין פון צוויי יאָר.

אין ווילנער געטאָ, איז סאָניע געווען איינע פון די גרינדערס פון דער פאַרטיזאַנער באַוועגונג. זי פלעגט עס אַלס פאַרבינדלער, צווישן די פאַרטיזאַנער אין געטאָ און די פאַרטיזאַנער אין וואַלד, זאַמלען און אַרויסשיקן די מענטשן פון געטאָ אין וואַלד אַריין.

איך דערמאָן זיך ווי סאָניע פלעגט אַלע טאָג גיין מיט מיר צו דער אַרבעט, פון געטאָ אין שטאָט. אויף מיין אַרבעטס־פּלאַץ פלעגט זי אַראָפּוואַרפן איר אייבערשטן מאַנטל מיט דער געלער לאַטע און גלייך אַוועקגיין אין שטאָט (וואו זי האָט געלעבט אויף אַרישע פּאַפּירן), כדי אָנצופירן מיט דער אונטערערדישער אַרבעט. סאָניע האָט אויף איר קאָנטע ניט איין געסטאַפּאָוועץ און פאַררעטער, וועמען זי פלעגט באַזייטיקן.

אונדזער צווייטע באַהעלטעניש איז געווען ביי אַרצישעווסקי אַלעקסיי, אויף אַנטאָקאָל. אין אַ שטאַל פון בהמות איז געווען אויסגעגראָבן אַ גרויסע גרוב אין דער ערד, לעבן דער וואַנט, וועלכע האָט זיך פאַראייניקט מיטן הויז, וואו די אַרצישעווסקיס (מוטער, פאָטער און אַ טאָכטער דאָניע) האָבן געוואוינט. ביינאַכט פלעגן מיר אַרויסקריכן פון

אונדזער גרוב, דירעקט אין שטוב אַריין. מיר פלעגן זיך דאַן איינוואַשן, עסן און אָפּטאָן אַלע מענטשלעכע באַדערפענישן. אַלץ איז געווען פאַרדעקט מיט דינע וועטקעס פון ביימער און אויף דער גרוב איבער די וועטקעס זיינען געווען אָנגעלייגט צעהאַקטע שטיקער האָלץ, כמעט ביזן דאַך. דער שטאַל איז געווען ביזן טיר פול מיט האָלץ און אָנגעוואָרפן מיט כלערליי אַלטוואַרג, אַזוי אַרום, אַז קיינער האָט אַפילו ניט געקענט אַריינשטעלן אַ פוס עפענענדיק די טיר. דאָרטן זיינען מיר געלעגן זיבן מיט אַ האַלב מאָנאַטן, ביז אין אַ גוטן פרימאָרגן איז געקומען אַ „גוטער" שכן און געמאָלדן די בעלי־בתים, אַז מען רעדט אין „געגנט" אַז „דאָ" באַהאַלטן זיך אויס יידן. דערהערנדיק דורך דער וואַנט אַזוינע רייד, האָבן מיר ווידער דערשפּירט די היץ פון דער גליענדיקער ערד אונטער אונדזערע פיס. מען מוז ווידער לויפן; און וואָס גיכער, אַלץ בעסער וועט זיין פאַר אונדז. סאָניע איז שוין צו יענער צייט געווען אַרעסטירט דורך דער געסטאַפּאָ. וואו צו גיין האָבן מיר שוין ניט געהאַט. דאַן זיינען מיר אַלע דריי – מיין פרוי, מיין זון און איך – פּשוט אַוועק צום אָנגעוויזענעם דורך סאָניען פאַלקאָוניק, קאָנסטאַנטי טשערניקעוויטש, וועלכער האָט אונדז צוזאַמען מיט זיין פרוי יוזעפא רוכליצקא, אויסבאַהאַלטן העכער ווי צוויי מאָנאַטן ביז דער באַפרייאונג פון ווילנע, דורך דער רויטער אַרמיי. למען־האמת, מוז איך אונטערשטרייכן אַז די טשערניקעוויטשעס האָבן אונדז געהאַלטן, נאָר אַ דאַנק זייער איבערגעגעבנקייט צו מיין קוזינע סאָניע מאַדייסקער, אונטערשטרייכנדיק מיר ביי יעדער געלעגנהייט, אַז אַזוינע ווי סאָניע, זיינען קיין סך ניטאָ.

ווי איך האָב זיך דערוואוסט נאָך דער באַפרייאונג, איז זי אומגעקומען פונקט אַזוי העלדיש, ווי זי האָט געקעמפט אין אונטערגרונט קעגן די בלוטיקע נאַצי־מערדערס. אַרעסטירט איז סאָניע געוואָרן בעת אַ געהיימער זיצונג פון דער ווילנער אונטערערדישער באַוועגונג. דאָס הויז וואו זיי האָבן זיך געפונען איז אַרומגערינגלט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ. ס'איז פאָרגעקומען אַן איבערשיסונג. אַלע חברים האָבן זיך שטאַרק פאַרטיידיקט מיט געווער אין די הענט און זיינען אומגעקומען. סאָניע האָט די לעצטע קויל אַריינגעשאָסן זיך אין מויל. מ'האָט זי גענומען אין שפּיטאָל, כדי זי צו היילן, מיטן געדאַנק, אַז זי וועט אַרויסגעבן וועמען פון אירע חברים. סאָניע איז שטאַרק געפייניקט געוואָרן, אָבער מיט קיין איין וואָרט זיך ניט אַרויסגעזאָגט. אַזוי פלעגט מען זי היילן און פייניקן ביז צוויי טעג פאַרן באַפרייען ווילנע דורך דער רויטער אַרמיי, ווען די דייטשע באַנדיטן האָבן אַוועקגעשלעפּט סאָניען אויף פּאָנאַר און דאָרט זי געשאָסן.

איך וואָלט אויך וועלן דערמאָנען דעם נאָמען און ליכטיקע געשטאַלט, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין דעם, וואָס מיר זיינען געבליבן לעבן, דעם פראָפעסאָר פון ווילנער אוניווערסיטעט אן גוט באַקאַנטן ווילנער אַדוואָקאַט, פאַרטיידיקער אין באַקאַנטן פשיטיקער פראָצעס, מיין האַרציקן און איבערגעגעבענעם גוטן פריינט, קאַזימעזש פעטרוסעוויטש. ער האָט אונדז די גאַנצע צייט פון געטאָ און באַהעלטעניש, אונטערשטיצט מאַטעריעל און מאָראַליש.

די נעמען פון דורך מיר אָנגעגעבענע אמתע חסידי אומות־העולם, דאַרפן פאַרצייכנט און פאַראייביקט ווערן.

סאָניעס פאַמיליע: אויבן, עלטערן, העלענע און הערשל; ברודער שמעון, שוועסטער צעסיע, דינה און סאָניע (1טע לינקס)

געשריבן פון סאָניעס אַ קרוב אין טאָראָנטאָ

סאָניעס נאָמען איז אויסגעקריצט אויפֿן מאָנומענט פֿון די ליטווישע ייִדן אין טאָראָנטאָ צוזאַמען מיט דער גאַנצער משפּחה מאַגידסאָן. אויך איר נאָמען איז דאָ געווען אין ווילנע.

מאַגידסאָן סאָניע (שיינע, אַ נאָמען נאָך אונדזער באָבע ע"ה), טאָכטער פֿון הערשל און העלענע, געבוירן אין יורבורג אין 1913 יאָר. באַוווּסטע פּאַרטיזאַנערין און אונטערערדישע קעמפֿערין מיטן היטלעריסטישן אָקופּאַנט אין ווילנע פֿאַרפֿײַנדט געוואָרן פֿון די געסטאַפּאָ-בעסטיעס און אומגעבראַכט דורך זיי אין פֿיר טעג, פֿאַרן באַפֿרײַען ווילנע, דורך דער רויטער אַרמיי.

אין ווילנער געטאָ נאָך-דעם, ווי איז געוואָרן באַקאַנט פֿלעגט סאָניע, טאָג טעגלעך אַרויסגיין, מיט מיר צו דער אַרבעט, וואו זי פֿלעגט אַרײַנוואַרפֿן פֿון זיך די קליינע מיט די ערשטע לײַטער פֿון פֿאָרנט און פֿון הינטן און פֿלעגט אַוועקגיין אין געטאָ צו איר טאָג טעגלעכער אונטערערדישער אַרבעט.

איך האָב באַזוכט סאָניען אין וואַרשעווער פּאַוויאַק, וואו זי איז געזעסן אַ 2 וואָכן טערמין אַלס מיטגלידערין פּאַרטיזאַנערן.

נאָך דער ליקווידאַציע פֿון ווילנער געטאָ, פֿלעגט סאָניע קומען צו אונדז אין אונדזער באַהעלטעניש אין ווילנע אויפֿן אַנטאָקאָל.

איך געדענק ווי היינט

עדוואַרדאַ אָרלאָווסקאַ

ס'איז אוממעגלעך אויסצורעכענען אַלע וואונדערבאַרע מיידלעך ווי יוזעפּאַ פּשעוואַלסקאַ, וועלכע איז געקומען אין תּפיסה ווי אַ סימפּאַטיקערין פון דער פּאַרטיי און נאָכן אַרויסגיין פון תּפיסה איז זי געוואָרן איינע פון אירע טעטיקסטע טוער; ווי מאַדזיאַ יוזעפּאַוויטש, די שפּעטערדיקע אונטער פרויען סטאַראַסטע, ווי שידלאָווסקאַ, ווי בתיה קנובאָווע, רוזשע זשעלעשאַנסקאַ, בתיה שווייליק, העלענאַ בורניק, רחל זילבערמאַן, האַלינאַ שעכאַשעווסקאַ, און אַ סך אַ סך אַנדערע.

איינע פון זיי סאָניע מאַדייסקער, די עלטערע שוועסטער פון דינה׳ן, וויל איך ווידמענען אַ סך מער אָרט און טיפערע דערינערונגען אין שייכות מיט די אַממערסטן געדענקבאַרע געשעענישן, פאָרגעקומענע מיט אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע פרויען אין תּפיסה.

אין דער דאָזיקער נאַכט האָט קיינער ניט צוגעמאַכט מיט קיין אויג. אויף מאָרגן האָט אין ווילנער קרייזגעריכט זיך געדאַרפט אָנהייבן דער פּראָצעס פון די ״17״, באַשולדיקטע אין אָנגעהעריקייט צום ק.פּ.מ.וו. פון אונדזער קאַמער האָבן געדאַרפט געזעצט ווערן אויפן באַשולדיקונג באַנק סאָניע מאַדייסקער און רוזשע זשעלעשאַנסקאַ. כאָטש פון יענעם טאָג איז שוין אַדורך צענדליקער יאָרן שטייען זיי מיר ביידע פאַר מיינע אויגן ווי לעבעדיקע, אינגאַנצן אַנדערע פון אויסזען און כאַראַקטער, אָבער ביידע שיינהייטן יעדערע אויף איר אופן.

סאָניע איז אַלט געווען 22 יאָר. אַן איידעלער אויסזען, אויסערגעוויינלעך גראַציעז, די צופרידנקייט פון אירע אויגן האָט זי אַרויסגעבראַכט דורך אירע ניט געוויינלעכע האַרמאָנישע באַוועגונגען. אַ הויט האָט זי געהאַט אַ העל ראָזע, אַ דורכזיכטיקע, דורך וועלכע עס האָט זיך אויסגעדאַכט האָבן אַרויסגעשיינט בלויע פּעדימלעך. דער קליינער געשליפענער נעזל האָט ביים ריידן זיך געפּאַלדעט אַזוי שפּילעוודיק פונקט

---

*גענומען פון דער פּוילישער אויסגאַבע ״קסיאָנזשקאַ אי וויעדזאַ״, 1973.

ווי ער וואָלט זיך גערייצט מיטן טיפן קוק פון די בלויע אויגן און מיטן הויכן ליכטיקן שטערן, וועלכע האָבן צוגעגעבן דעם גאַנצן פּנים דעם ערנסטן און פאַרטראַכטן אויסזען.

רוזשע איז געווען פון סאָניען אַ ביסל עלטער און עס האָט זיך אויסגעדאַכט אַז פאַר איר איז אַלץ אַלעמאָל קלאָר און פאַרשטענדלעך. קיינע ספקות האָבן ניט דערגרייכט איר באַוואוסטזיין און האָבן ניט געקענט צעשטערן איר רואיקן געמיט.

אַנדערש איז געווען מיט סאָניען. אַ שטענדיקער קיינמאָל ניט קיין געענוגנדער ווילן פון וויסן, פון פאָרשן זאַכן, פון אַריינטראַכטן זיך ־ זי איז געווען די פאַרקערפּערונג פון דעם שעפערישן אומרו. פאָדערנדיק פון זיך האָט סאָניע געהאַט אַ הויכן געפיל פון געזונטן קריטיק און זעלבסט קריטיק. פון יעדער געשעעניש האָט זי געקאָנט אַרויסבאַקומען זיין אינערלעכן טיפן אינהאַלט. אַן אויסערגעוויינלעך געוויסנהאַפטע און אַרבעטזאַמע, האָט זי געמאַכט גרויסע פאָרשריטן אין לערנען. זי האָט זיך געפרייט מיט יעדער דערגרייכטער נייעס פאַר איר. און ווי זי האָט עס געקענט איבערגעבן אַנדערע! ניט איין דערפאַרענער פּעדאַגאָג וואָלט איר מקנא געווען מיט וואָס פאַרא אויפמערקזאַמקייט עס האָבן זיך צו איר צוגעהערט אירע חברטעס.

אַזוי איז עס געווען מיט סאָניען אין אַלץ. וואָס נאָר מען האָט איר אָנפאַרטרויט האָט זי עס געטאָן מיטן גאַנצן האַרצן, ניט זשאַלעווענדיק קיין כח און געזונט.

זייער אַ מוזיקאַלישע, מיט ניט קיין דורכשניטלעכע אַרטיסטישע פייאיקייטן איז סאָניע געווען אין אונדזער קאַמער די אָרגאַניזאַטאָרין און די נשמה פון אונדזער קולטורעלן לעבן, וועלכע האָט אַרויסגעשיינט איבער דער גאַנצער פרויען אָפּטיילונג פון דער תפיסה.

די קוועל פון אירע איינפאַלן זיינען געווען אומאויסשעפּלעך. יעדן שבת איז געווען אַ נייע פּראָגראַם, וועמענס שעפער, רעזשיסאָר און אויספירערין פון די שווערסטע ראָלן איז געווען סאָניע. צייטנווייז זיינען עס געווען גאַנץ קאָמפּליצירטע אויפפירונגען אין עטלעכע אַקטן. זייער אָפט נאַאיווע, אָבער מיט אַ סך געשמאַק און באַפרידיקונג.

רוזשע זשעלעשאַנסקאַ נאָכן אַרויסגיין אויף דער פריי האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט איר גאַנצער ענערגיע אין די ווייטערדיקע פאַרטייאישע אַרבעט. זי איז אומגעקומען אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע.

סאָניע איז אַדורך אַ שטורמישן וועג. פאַרמשפּט פאַרן געהערן צו

דער ק.פּ.וו.ר. אויף זעקס יאָר שווערע תפיסה באַדינגונגען, איז אַדורך איר אורטייל אין דער באַוואוסטער פּייניקונג תפיסה אין גראָדנע. דעם 17־טן סעפּטעמבער 1939, ווען עס איז געוואָרן באַוואוסט אַז די סאָוועטישע אַרמיי גייט אַריין אין די געביטן פון ווייסרוסלאַנד האָבן זיך די פּאָליטישע אַרעסטירטע אַרויסבאַקומען פון תפיסה און צווישן זיי אויך סאָניע. אין סך הכל פון איר 25 יאָריקן לעבן איז זי זעקס יאָר אויסגעזעסן אין פאַרשיידענע תפיסות אין דעם אַ צוויי יאָריקן אורטייל, אויף וועלכן זי איז געוואָרן פאַרמשפּט ווען זי איז אַלט געווען 16 יאָר. סאָניע מיט אירע מיטחברים פון קאַמף האָבן ניט באַוויזן זיך צו אָנזעטיקן מיט דער לאַנג באַגערטער פרייהייט. אָבער אין שטאָט איז נאָך געבליבן און געבושעוועט אַ רעשטל פון די איבערגעבליבענע רעאַקציאָנערן, וועלכע האָבן אויסגעזוכט די פּאָליטישע אַרעסטירטע און צוריק זיי אַריינגעזעצט אין תפיסה. דער אימפּראָוויזירטער פעלד געריכט האָט פאַרמשפּט סאָניען צום טויט. פּאַרטאָג האָט געדאַרפט אויסגעפירט ווערן דער אורטייל. שרעקלעך איז געווען די נאַכט פון וואַרטן אויפן טויט ביים שוועל פון דער פרייהייט.

אָבער וואָס פאַרא מאָדנע קלאַפּעריי און געשרייען גלייך אונטער די פענצטער. אַנשטאָט דעם קאַט, אַנשטאָט דעם פּלוטאָן וואָס האָט געדאַרפט אויספירן דעם טויט אורטייל האָבן זיך אויפן הויף פון דער תפיסה געפונען סאָוויעטישע טאַנקען.

ענדלעך האָט מען געקאָנט אַ טראַכט טאָן וועגן בילדונג, וועגן ווייטער פאַרפולקאמען דעם לערנען. סאָניע טרעט אַריין אין פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אין גראָדנע, טרוימט צו ווערן אַ לערערקע, כדי צו לערנען קינדער, וועלכע זי האָט אַזוי ליב געהאַט. אָבער עס זיינען ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן אירע טרוימען ־ אַזוי ווי אַ שטורעם האָט דער יאָר 1941 אַלץ פאַרניכטעט.

סאָניע איז דעם 22־טן יוני אַנטלאָפן פון גראָדנע און צופוס גייט זי אַוועק קיין ווילנע, וואו זי האָפט אָפּצוזוכן אירע אַלטע קאַמפס חברים און אָנבינדן אַ קאָנטאַקט מיט זיי. און ווירקלעך גיט זיך איר איין אָפּצוזוכן בערל שערעשניעווסקין, יאַן פּשעוואַלסקין, דאָראַשקיעוויטשן, וויטענבערגן און אַנדערע, וועלכע זיינען אַריין אין באַשטאַנד פון דער אָרגאַניזירטער צום סוף 1941 אונטערערדישער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע. סאָניע ווערט די סעקרעטאַרין פון דעם שטאָטישן קאָמיטעט פון דער יוגנט אָרגאַניזאַציע און מיטן גאַנצן קראַפט וואַרפט זי זיך אַריין אין קאַמף מיט די היטלעריסטישע אָקופּאַנטן.

גרייט אויף קרבנות, אַ דרייסטע, פּאָליטיש אויסגעשולטע און מיט אַ סך דערפאַרונג פון דער אונטערערדישער אומלעגאַלער טעטיקייט רוקט מען סאָניען אַרויס אויף די אַממערסטן געפערלעכע אָפּשניטן פון אַרבעט. זי נעמט אָנטייל אין אָרגאַניזירן אַ דרוקעריי, רעדאַגירט די אויפרופן, פירט אַרויס די קעמפער פון געטאָ. טראָגט אַריבער געווער פאַר די פּאַרטיזאַנער.

אַ לאַנגע צייט פאַרמאַסקירן זיך האָט סאָניען געהאָלפן איר שיינער, יונגער אויסזען פון אַן אַרישער מיידל מיטן נאָמען קאַטאַזשינאַ ראָמאַנאָווסקאַ. צום סוף האָט דער שונא אָנגעטראָפן אויף אירע שפורן. געסטאַפּאָ האָט צוגעזאָגט פופציק טויזנט מאַרק פאַר סאָניעס קאָפּ. אין מערץ 1944 איז די שטוב, וואו זי האָט זיך געפונען געוואָרן אַרומגערינגלט - אַ גאַנצע באַנדע געסטאַפּאָווצעס האָבן זיך געוואָרפן אויף איין יונגע מיידל. פיר קוילן האָט סאָניע געהאַט אין איר רעוואָלווער. דריי האָט זי געווענדעט קעגן די היטלעראָווצעס די פערטע האָט זי געשאָסן אין זיך. אָבער אַ געסטאַפּאָווייעץ האָט איר געכאַפּט פאַרן האַנט און די קויל האָט פאַרבייגעשאָסן און איר געטראָפן בלויז אין פנים. אַ פאַרוואונדעטע האָט מען איר אַוועקגעפירט אין געסטאַפּאָ. מען האָט איר געהיילט און כסדר געפּאָרשט. מען האָט איר אַזוי געפּייניקט אַז זי האָט פאַרלאָרן איר ראיה און געהער. אָבער ווען זיי האָבן זיך איבערצייגט אַז זי וועט ניט עפענען דאָס מויל האָט מען איר אַריבערגעפירט אין תפיסה.

עטלעכע טעג פאַר דער באַפרייאונג פון דער שטאָט דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי האָט מען סאָניען אַרויסגעפירט פון קאַמער און איר דערשאָסן אויפן תפיסה הויף, דאָרט וואו מיר זיינען אַמאָל געזעסן אַלע צוזאַמען באַוואונדערנדיק איר, די בלויע אויגיקע, וואונדערבאַרע מיידל מיט דער ברייטער פלאַמענדיקער האַרץ.

דערינערונגען

הערשל סמאָליאַר

ווען סאָניען האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט אין צוזאַמענהאַנג מיט סערגיי פּריטיצקיס שיסן אין ווילנער געריכטס־געביידע, אויף דעם פּראָוואָקאַטאָר סטרעלטשוק. דאַן איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס איבער סאָניען און אייניקע אַנדערע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן.

דירעקט „צונויפגעטראָפן" זיך מיט סאָניען האָב איך אין יאָר 1938, ווען מ'האָט מיר פון לוקישקעס געבראַכט אין גראָדנער תפיסה. די גענדזן־פיסלעך ביים וואָרט צונויפגעטראָפן שטאַמען דערפון, וואָס אין תפיסה האָט מען דירעקט, מיט אַן אַרעסטאַנטין ניט געקענט זיך צונויפטרעפן. מיר איז אָבער אויסגעקומען מיט איר דירעקט צוזאַמענאַרבעטן אין דער קאָמאַנדע פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע. אַלס קאָאָפּטירטער אינעם „טעקאָ" (טורמע־קאָמיטעט), בין איך געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער גאַנצער קולטור־דערציִערישער אַרבעט אין די באַדינגונגען פון שרעקלעכן טעראָר. ס'איז געווען די צייט, ווען מ'האָט אונדז מיט כוח איבערגעטאָן אין קרימינעלע שמאַטעס, ווען מ'האָט אונדז געשיקט אויף צוואַנגס־אַרבעט, ווען מ'האָט שרעקלעך געשלאָגן פאַר יעדן פּרואוו פון קאָלעקטיוון ווידערשטאַנד.

מיט סאָניען, וועלכע איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פּאָליטיש־דערציִערישער אַרבעט פון דעם פרויען־קאָלעקטיוו, פלעג איך כמעט יעדן טאָג ריידן און דאָס אויף דעם אויסטערלישן אופן – דורך דער אוביקאַציע־רער, נאָכן אַראָפּלאָזן די דרעק. די ערשטע צייט איז עס מיר אָנגעקומען ניט לייכט – ריידן מיט אַ פרוי, וואָס האָט אַזאַ שטימעלע ווי סאָניע, דורך דער קלאָזעט־לאָך... אָבער מיט דער צייט איז עס געוואָרן

סמאָליאַר הערשל. זשורנאַליסט און שרייבער. אין צייט פון קריג געווען אין מינסקער געטאָ. שפּעטער אין די פּאַרטיזאַנער מחנות אַרום מינסק. נאָכן קריג געלעבט אין פּוילן, געווען טעטיק אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. רעדאַקטאָר פון די צייטונג „פאָלקס שטימע". לעבט איצט אין ישראל. פאַרעפנטלעכט אייניקע ביכער זכרונות פון מינסקער געטאָ און פּאַרטיזאַנקע ווי אויך פון די צייטן ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט מלחמה.
בריוו געשיקט פון ישראל ספּעציעל פאַר דער אויסגאַבע.

אונדזער „נאָרמאַלער" טעלעפאָן. דורך אים פלעגט מיר אויסקומען אָפּט זיך צו קריגן מיט סאָניען. זי איז, לויטן כאַראַקטער, געווען אַ געוואַלדיק־גראָדליניקע און אין מיין פאַרזיכטיקייט, וואָס שייך די קאַמפּס־פאָרמען אין אַ תפיסה, וואָס האָט שוין קיין שום קאָנטאַקטן מיט דער פרייהייט ניט געהאַט (די פּאַרטיי, אַפילו דער מאָפּר, זיינען שוין געווען, לויט סטאַלינס פּראָוואָקאַציע, פאַנאַנדערגעלאָזט), האָט סאָניע געזען... אָפּאָרטוניזם.

פלעגן מיר זיך קריגן און... בלייבן גוטע חברים. אזוי ווייט גוט, אַז שוין נאָכן אַרויסגיין פון תפיסה, בעת דער סאָוועטן־מאַכט אין מערב־ווייסרוסלאַנד, איז סאָניע געקומען צו מיר זיך עצהנען וועגן אַ ריין פּריוואַטער, אַפילו אינטימער פראַגע: זי האָט געהאַט אַ בחור, אַ צענטראַלן טוער פון קאָמסאָמאָל, פון מערב־ווייסרוסלאַנד. נאָכן פאַנאַנדערלאָזן די פּאַרטיי איז דורכגעפאַלן דער סעקרעטאַריאַט פון צ.ק. פון קאָמסאָמאָל און דער ערשטער סעקרעטאַר, אַ סאָוועטישער, האָט אין דעפענסיווע אַלעמען פאַרשאָטן. נאָכן אָנקומען פון דער רויטער אַרמיי – אים פאַרהאַלטן. דעמאָלט איז עס טאַקע אַריינגעפאַלן סאָניעס בחור און ער האָט, ווייזט אויס ניט אויסגעהאַלטן די קלעפּ און אַ ביסל „אַ שאָט" געטאָן.

סאָניע איז פון ווילנע געקומען ספּעציעל צו מיר, קיין ביאַליסטאָק (איך בין דאַן געווען דער רעדאַקטאָר פון דער יידישער צייטונג „ביאַליסטאָקער שטערן"), זיך אויסריידן דאָס האַרץ אויך זיך עצהנען מיט מיר, צי מעג זי חתונה האָבן מיט איר בחור. ביידע פאַלן, וועלכע איך גיב איך איבער, ריידן וועגן סאָניעס גאַנצער פּערזענלעכקייט, וועלכע ווייס ניט פון קיין צווייענדיקער בוכהאלטעריע – אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און אַנדערע – אין פּריוואַטן. זי איז געווען ערלעך (און איר ווייסט שוין, אַז פּערזענלעך האַלט איך עס פאַרן וויכטיקסטן קריטעריום ביים אָפּשאַצן מענטשן.) זי איז געווען דרייסט און קרבנותגרייט. די דאָזיקע מעלות אירע, וועלכע איך האָב דערקענט אין די שווערסטע צייטן, האָבן זיך מסתמא אַנטפּלעקט אין דער טראַגישסטער געטאָ־צייט און איר, דער קליינער (זי איז געווען פיל קלענער פון אירע שוועסטער און דינהן,) צאַרטער מיידל, געגעבן כוחות צו טאָן די אַזוי וויכטיקע און אחריותפולע אַרבעט סיי אין געטאָ און סיי מחוץ דער געטאָ.

מיר ברענגען דאָ דעם ענדע פון אַן אַרטיקל וואָס עס האָט געשריבן הירש סמאָליאַר אין וואַרשעווער "פאָלקס שטימע" אין 1958, אונטער קעפּל "אַזאַ מין אַנטוישונג". אפשר אייניקע פּרטים חזרן זיך איבער, אָבער עס איז געשריבן אין אַן אַנדער טאָן און אַנדערע באַדינגונגען פאַר הירש סמאָליאַר.

אונדזערע מענטשן

אַ סך מאָל איז נאָך אויסגעקומען אויף אַזאַ אופן צו שמועסן מיט סאָניען, אַ מאָל זיך צו ווינצלען, אַפילו "רעציטירן" אַ ניי ליד פון אונדזערע תּפיסה־דיכטער פיליפּ פיעסטראַק אָדער וואַלענטין טאַוולאַי און פרעגן גלייך מבינות. די פאָרשטעלונג אָבער וועגן סאָניען איז שוין ביי מיר פאַרבליבן במשך פון אַלע תּפיסה־יאָרן אַזאַ, ווי כ'האָב אויבן דערמאָנט.

מאַכט זיך, אַז מיט יאָרן שפּעטער, אין ברען פון דער אַרבעט אין דער רעדאַקציע "ביאַליסטאָקער שטערן" זאָגט מען מיר אָן, אַז ס'וויל מיך זען אַ יונג מיידל. כ'רייס נישט גערן איבער די אַרבעט און קוק אָן דאָס מיידל – אַ שלאַנקע, טונקל־בלאָנדע מיט אַ פּאָר בלויע אייגן, וואָס קוקן צעשמייכלט אויף מיר, ווי כ'וואָלט אירער אַן אַלטער באַקאַנטער געווען.

- סאָניע הייס איך, סאָניע מאַדייסקער...

כ'בין געבליבן שטיין ממש אַ געפּלעפטער. סאָניע האָט זיכער דערקענט די צעחושטקייט אויף מיין פּנים און האָט זיך הויך צעלאַכט מיט אַזאַ הילכיקער, כמעט קינדערישער שטימע, אַז קעגן מיין ווילן האָב איך גענומען מיט איר מיטלאַכן, כאַטש... געבליבן איז ביי מיר דער איינדרוק פון עפּעס אַ מיסטיפיקאַציע. ווי עמעץ וואָלט "מיין" סאָניען פּאַרטרעטירט אויף גאָר אַן אַנדערער.

ערשט דער שמועס וועגן ווייטערדיקן גורל פון אונדזער תּפיסה־קאָמונע, נאָך דעם ווי מיר האָט מען געהאַט איבערטראַנספּאָרטירט אין אַן אַנדער טורמע, האָט ביי מיר צוריק אויפגעשטעלט יענע סאָניען, כדי באַלד זאָל קומען... די אַטוישונג.

סאָניע, וועלכע האָט דורכן אָריגינעלן תּפיסה־טעלעפאָן מיר אויסגעזען צו זיין אַזוי קאָמפּראָמיסלאָז, גראַדליניק, – די זעלבע סאָניע איז צו מיר געקומען אַ שעמענדיקע, ווי זי וואָלט פון דער גימנאַזיע־באַנק

ערשט אַראָפּ, כדי מיט איר עלטערן פריינד זיך אָן עצה האַלטן וועגן... אַן אינטימען ענין.

...זיי האָבן זיך שטאַרק ליב געקריגן... צוזאַמען געווען אויף דער אונטערערדישער יוגנט־אַרבעט. ער – אַ געוועזענער אַרבעטער, אַ דערפאַרענער טוער, זי האָט די ערשטע טריט געשטעלט אין דער „פּראָפעסיאָנעל־רעוואָלוציאָנערער" וואַנדערניש איבער שטעט און דערפער. דאַן איז געקומען די תפיסה. זי איז פריער אַריינגעפאַלן. ער – ביים „פאַנאַנדערלאָזן" די פּאַרטיי און דעם יוגנט־פאַרבאַנד. איצט, ווען ביידע זענען אויף דער פריי און מ'קאָן זיך פריי ליבן, איצט...

ער האָט בעתן אַרעסט זיך מודה געווען צו זיין פּאַרטייאישקייט, וואָס איז געווייגלעך נישט געווען דערלויבט, לויט דער איינציק־שטרענגסטער, פרייוויליק אויף זיך גענומענער עטיק, פאַר אַלע דערצויגענע אין די קפּפּ־רייען. איז ווי זאָל עס איצט זיין?...

...יאָרן זענען דורך. מיט סאָניען האָב איך זיך מער נישט געטראָפן. ערשט פון די מיט בלוט־דורכגעווייקטע כראָניק־בלעטער פון ווילנער געטאָ איז מיט אַ העליש פייער אויפגעגאַנגען פאַר מיר די מערקווירדיקע העלדין, וועלכע איז אין די מוראדיקסטע באַדינגונגען געווען אַלע מאָל אויף דער פייער־פּאָזיציע ביים אָרגאַניזירן די געטאָ־קאַמפּס אָרגאַניזאַציע און דעם ווידערשטאַנד אין דער גאַנצער שטאָט, ביים טראַנספּאָרטירן געווער און דערגיין צופוס ביזן פראָנט, כדי אַ קאָנטאַקט ברענגען דעם טיפן אונטערערד. סאָניע מאַדייסקער!

ווען כ'פּרואוו אָבער דערביי אַרויסברענגען פון מיין געדעכעניש סאָניעס געשטאַלט – הייבט זיך אָן אַ געראַנגל צווישן דער האַרטער, גראָדליניקער, אַנטשלאָסענער און באַפעלערישער מיט דער צאַרטער, בלויאויגיקער און כמעט קינדערישער סאָניען, וואָס האָט מיך אין ביאַליסטאָק אַזוי מוראדיק „אַנטוישט".

...אַנומלט איז צו מיר דערגאַנגען די ידיעה, אַז דער אַמאָליקער יינגסטער אַרעסטאַנט אין דער לוקישקער קאָמונע, דער שפּעטערדיקער שפּאַניע־קעמפער, וועלכער האָט זיך פון דער שלאַכט אומגעקערט מיט איין האַנט, סימקע אייכער פאַרנעמט זיך איצט אין ווילנע מיט בלומען צוכט האָט ער אויסגעהאָדעוועט אַ וואונדערלעכן בלום און אַ נאָמען געגעבן „סאָניע".

צעסיע און סאָניע אויפן וועג צו דערגרייכן מאָסקווע

צעסיע ראָזענבערג און סאָניע מאַדייסקער זיינען געשיקט געוואָרן דורכן שטאַב פון פ.פ.אָ. (פאַראייניקטע פּאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע אין געטאָ) אַדורכצורייסן זיך ביי ווילעיקי לוקי ווייט אין רוסלאַנד דעם פראָנט, דערגיין ביז מאָסקווע און איבערגעבן וועגן די גרוילן פון די דייטשע מערדער. דאָ דערציילט צעסיע אַלס גבית עדות וועגן איר גאַנג מיט סאָניען צו דער פראָנטליניע.

דער אויסצוג איז גענומען פון דאָקומענטאַרן פילם "פּאַרטיזאַנער פון ווילנע" באַארבעט פון דזשאָש וואַלעצקי און אַביבה קעמפנער.

צעסיע ראָזענבערג דערציילט

אין דער ענדע פון דער זומער 1942 האָט איינער פון די פ.פ.אָ. מיטגלידער אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער, פאַראַשוטיסטן, וועלכע מען האָט אַראָפּגעוואָרפן פון מאָסקווע אין אונדזער געגנט, כדי צו אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג. זיי זיינען אינגאַנצן ניט מסכים געווען מיט דער אידייע פון אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד אין געטאָ. זיי האָבן געהאַלטן אַז מיר דאַרפן צוזאַמען קעמפן מיט די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער. נאָך אַן ערך צוויי מאָנאַטן איז די פאַרבינדונג צווישן אונדז אינגאַנצן איבערגעריסן געוואָרן.

אַבא קאָוונער: (נאָך וויטענבערגס טראַגישן טויט געווען דער קאָמענדאַנט פון פ.פ.אָ. ש.ק.)

מיר האָבן דאַן באַשלאָסן שיקן צוויי מיידלעך קעמפערינס פון געטאָ קיין מאָסקווע. מיר האָבן געטראַכט, אויב די וועלט וועט לערנען וועגן דעם וואָס עס קומט פאָר ביי אונדז, וועט עס אַרויסרופן אַ וועלכע ניט איז רעאַקציע. דער פראָנט איז געווען הונדערטער מייל אַוועק פון אונדז אָבער

*צעסיע ראָזענבערג לעבט ביי היינט צו טאָג אין ישראל.

מיר האָבן געגלויבט אַז ניט ווייט פון וויעליקי לוקי איז פאַראַן אַ ריס אין דער פראָנטליניע. זיי האָבן געוואוסט אַז זיי גייען אויף אַ ריזיקאַלישן וועג און זיינען אַוועק.

צעסיע ראָזענבערג: מיר האָבן געזאָלט זיין צוויי שוועגערינס, וועמענס מענער זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן דורך די רוסן. מיר זיינען געגאַנגען אין דער ריכטונג פון פּאָלאָצק צו אויסזוכן אונדזערע מענער.

אַבאַ קאָוונער: די דייטשן האָבן זיי געכאַפּט. זיי זיינען געוואָרן פאַרדעכטיקט.

צעסיע ראָזענבערג: זיי האָבן אונדז אַוועקגעפירט צו דעם עלטסטן פון דער לאָקאַלער פּאָליציי. זיי האָבן אָנגעהויבן מאַכן שפּאַס מיט אונדז: "אייגנטלעך זייט איר דאָך פּאַרטיזאַנער. און יידישע אויף זיכער. שפּיאָנען. מיר האָבן געכאַפּט דאָ גאָר גרויסע פישן!" זיי האָבן אונדז אַריינגעזעצט אין תפיסה. איך בין געווען זיכער, אַז דאָס זיינען די לעצטע טעג פון מיין לעבן. אָבער פּלוצלונג האָט סאָניע אָנגעהויבן צו פוצן אונדזערע שיך, קעמען מיינע האָר און שפּעטער אירע... איך האָב אויסגעבראָכן אין אַ צאָרן. איך האָב געזאָגט: "דאָס מאַכט מיר נערוועז. דו ווילסט אויסזען שיין פאַר די וועלכע גייען אונדז באַלד שיסן. דו ווילסט געפעלן ווערן אונדזערע תלינים. דאָן, איך וועל עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן, ווי סאָניע האָט געזאָגט צו מיר: "גיב אַ קוק צעסיע, איך בין עלטער פון דיר, איך האָב מער דערפאַרונג ווי דו. איך בין שוין דורכגעגאַנגען תפיסות. איך האָב אַנטיילגענומען אין אומלעגאַלע פּאָליטישע אַרבעט ביי זייער שרעקלעכע באַדינגונגען. מען האָט מיר איינמאָל געכאַפּט און איך האָב שוין געזען דעם טויט פאַר מיינע אויגן". און דאַן האָט זי איבערגעחזרט דעם פּוילישן ווערטל, וועלכער קלינגט מיר נאָך אין מיינע אויערן ביז היינט צו טאָג: "ניעך זשיווי ניע טראַצאָן נאַדזיעי"! (זאָלן די לעבעדיקע קיינמאָל ניט פאַרלירן די האָפענונג).

מען האָט אונדז געבראַכט צום קאָמענדאַנט, מיר האָבן געוויינט, געיאָמערט. מיר האָבן זיך געבעטן. מיר האָבן אים דערציילט וועגן אונדזערע שלאָפלאָזע נעכט און מיר ציטערן וועגן דעם גורל פון אונדזערע מענער. ער האָט זיך צוגעהערט זייער אויפמערקזאַם. ווען מיר האָבן געענדיקט האָט ער זיך פאַרטיפט אין זיינע פּאַפּירן - אַ גרויסע ליסטע פון באַשולדיקונגען, וועלכע שטעלן פעסט אַז מיר זיינען געווען פּאַרטיזאַנער, וועלכע זיינען געקומען פון די וועלדער.

סאָניע איז געווען אַבסאָלוט גערעכט וועגן פוצן אונדזערע שיך.

אונדזערע שיך האָבן ניט געהאַט קיין סימן פון קיין שטיוול. אונדזערע האָר זיינען געווען שיין פאַרקאַמט. ער האָט געקוקט אויף אונדז און געזאָגט: קוקט, קוקט אויף זייערע נאַאיווע בלויע אויגן! צי דען זעען פאַרטיזאַנער אויס אַזוי? צי שפּיאָנען זעען אויס אַזוי? צי דען האָבן יידן בלויע אויגן און בלאָנדע האָר?״ בקיצור ער האָט געקויפט פאַר גוט אונדזער גאַנצע געשיכטע און האָט אונדז פריי געלאָזן.

מיר האָבן פאַרלאָזן די שטאָט. טיילווייז האָבן מיר זיך אָנגעבאָטן מען זאָל אונדז אַרויפנעמען אויף אויטאָס, טיילווייז זיינען מיר געגאַנגען צו פוס ביז מיר זיינען אָנגעקומען אין וויעליקי לוקי. דער וואַלד האָט זיך אויסגעשפּרייט ווייט און ברייט פאַר אונדז. מיר האָבן געהערט די באָמבעס אויפרייסן פון פראָנט. מיר האָבן געזען שילדן מיט מעלדונגען: „סכנה, פאַרטיזאַנער״. אונדזערע הערצער האָבן זיך אָנגעפילט אַלץ מער און מער מיט האָפענונג. מיר זיינען אַריין אין וואַלד און מיט וויפל כח מיר האָבן נאָר געהאַט האָבן מיר אָנגעהויבן צו שרייען, מיר האָבן געהאָפט אויף אַן עכאָ אויף אַן אָפּרוף פון מענטשן. מיר האָבן געהאָפט צו געפינען פאַרטיזאַנער וועלכע האָבן אונדז געדאַרפט העלפן אונדזער וועג. אָבער צו אונדזער גרויסער אַנטוישונג איז דער עכאָ וואָס איז געקומען, געווען בלויז דער עכאָ פון אונדזערע אייגענע שטימען.

די שטימע פון ווידערשטאַנד, די שטימע פון ווילנע וועלכע איז געוואָרן אויסגעמאָרדעט, די שטימע פון די ליטווישע יידן האָט ניט דערגרייכט איר ציל.

דאָס לעבן און דער טויט פון סאָניע מאַדייסקער

ש. בעליס

"...זאָלן די געפאַלענע אין שלאַכט אייך זיין נאָענט, ווי פריינט, ווי אייגענע, ווי איר אַליין".

"...און טויטע וועלן מיר לעבן אין אַ טייל פון אייער גרויסן גליק, מיר האָבן דאָך אַריינגעלייגט אין אים אונדזער לעבן. אין דעם איז אונדזער פרייד".

יוליוס פוטשיק

1.

דריי טעכטער האָט דער לערער פון מאַטעמאַטיק, מאַדייסקער, פאַרמאָגט: שיינע מיידלעך, געראָטענע און קלוגע. אָבער צרות האָט ער געהאַט פון זיי ניט ווי פון דריי, נאָר ווי פון אַ גאַנצן טוץ.

– שווערע פּאַסאַזשירן, – פלעגט ער קרעכצן, – אוי, שווערע!

נאָר פאַרליבט איז ער אין זיינע "פּאַסאַזשירן" געווען ביז ווייטיק. די מאַמע פלעגט מיט די טעכטער ניט שטימען, זיך אַמפּערן, באַזונדערס האָט זי ניט געשטימט מיט דער מיטלסטער, מיט דער בלוי־אויגיקער סאָניען. סאָניע האָט אין אַלץ געהאַט איר אייגענע מיינונג און פלעגט זי פאַרטיידיקן מיט גרויס אימפּעט, מיט אָן אַ שיער "אַרגומענטן".

אַ פריילעכע, אַ רוישיקע, אַ שטענדיק מונטערע, אַ זינגעוודיקע, אַ טאַנצנדיקע איז זי געווען קליינערהייט.

צו זעקס יאָר, אין 1921, איז סאָניע אָנגעקומען אין דער סאָפּיע־

בעליס שלמה. זשורנאַליסט, שרייבער. לעבט איצט אין וואַרשע, פּוילן. אָנגעשריבן אַ בוך „פּאָרטרעטן און פּראָבלעמען".

גורעוויטש־גימנאַזיע אין ווילנע. דאָס איז געווען אַ פּריוואַטער לערן־אַנשטאַלט אין יידיש און האָט דערפאַר ניט געהאַט קיין שום "פּראַוועס", ד.ה. זי האָט ניט באַקומען קיין שום אונטערשטיצונג פון דער פּוילישער מלוכה און אירע רייפקייט־אַטעסטאַטן זיינען ניט אָנגענומען געוואָרן אין אוניווערסיטעט.

געלערנט האָט זיך סאָניע ווי אַ מיידים. איר לעבעדיקייט און שטיפערישקייט האָט איר ניט געשטערט צו זיין פון די בעסטע שילער. זי האָט אַרויסגעוויזן ניט קיין געוויינלעכע פעאיקייטן אין אַלע געביטן. זי האָט געקאָנט גיך אויפכאַפּן דעם עיקר און ניט לויט אירע יאָרן פאַראַלגעמיינערן. ענטפערן די לעקציעס פלעגט זי דרייסט און זיכער. און פלעגט אַמאָל טרעפן, אַז זי האָט אַ לעקציע ניט געמאַכט, פלעגט זי זיך גוטמוטיק מודה זיין: "כ'קען ניט". אין שול האָט מען איר פאָרויסגעזאָגט אַ קאַריערע פון אַן אַרטיסטן. קיין שטים האָט זי ניט געהאַט, אָבער געזונגען האָט זי זייער שיין, געטאַנצט מיט פיל אויסדרוק, – אויף די שול־ספּעקטאַקלען איז זי געווען די ערשטע.

סאָניע איז קיין אַרטיסטן און קיין טענצערן ניט געוואָרן. זי האָט אַליין באַשטימט איר וועג אין לעבן – דעם שווערן וועג פון אַ רעוואָלוציאָנער.

אין גימנאַזיע זייענדיק, האָט זי פון איר עלטערער שוועסטער צעסיע, זיך דערוואוסט אַ סך וועגן לעבן. די ווערטער פון דער עלטערער שוועסטער זיינען טיף געפאַלן אין האַרצן פון דעם קליינעם מיידל. סאָניע האָט אויסגענוצט אַ יעדע פרייע מינוט צו שמועסן מיט צעסיען, צו פאַרוואַרפן זי מיט פראַגעס, און צעסיע האָט זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן, ווי גיך סאָניע אַנטוויקלט זיך. סאָניע האָט דערזען אַ נייע וועלט און זיך באַמיט די נייע וועלט צו פאַרשטיין און דערגרונטעווען. סאָניע קאָן ניט האַלטן דעם אמת נאָר פאַר זיך. אַ צו אַקטיווע נאַטור איז זי, אַז געדאַנקען און ווערטער זאָלן בלייבן נאָר ווערטער און געדאַנקען.

איצט וויל זי זיך אָפּטשעפּען פון איר יינגערער שוועסטערל דינה, וואָס די מאַמע שיקט איר כסדר נאָך. – גייסט אין גאַס? – נעם מיט דינהלען! סאָניע פלעגט זיך אַרויסרייסן פון שטוב, נאָר הערנדיק דינה'ס געוויין און גוואַלדעריי, זיך תיכף אומקערן צוריק. אינגיכן איז אויך די קליינע דינה געוואָרן אַן אָביעקט פאַר סאָניעס קלוגער דערציונג.

דריי טעכטער זיינען געוואַקסן אין שטוב. איז איינע אַרויס פון טורמע – איז די צווייטע אַריין, און איידער די צווייטע איז אַרויס – איז די

דריטע אַריין. "שווערע פּאַסאַזשירן" האָבן זיך געהאָדעוועט ביים מאַטעמאַטיק־לערער מאַדייסקער.

2.

סאָניע איז אין אַכטן קלאַס דזיענצעלסקי־גימנאַזיע. סאָניע, וועלכע מען האָט שוין צו יענער צייט אין דער היים און צווישן חברטעס גערופן "סאָניע די מעשה", ווייל צו יעדער זאַך האָט זי געהאַט אַ מעשה, אַ משל, אַ דערציילונג, אַ ציטאַט, אַ ליד; סאָניע, וועלכע האָט גערעדט גיך־גיך און איז נאָך אַן ענטפער אין קעשענע קיינמאָל ניט געקראָכן, האָט שוין דאַן געוואוסט די גרויסע קונסט פון שוייגן ווען מען דאַרף און וואו מען דאַרף.

אין אַכטן קלאַס האָט זי שוין געהאַט אַ דערפאַרונג פון אַ גוטן קאָנספּיראַטאָר. זי האָט געפירט אַן אַגיטאַציע צווישן די שילער און געקאָנט מיט איר איינגעבוירענעם חוש פון אַ רעוואָלוציאָנער אָפּקלייבן זיכערע מענטשן.

אין 1930 פאַלט די פּוילישע פּאָליטישע פּאָליציי אויף אירע שפּורן. זי ווערט אַרעסטירט. אַ סוף צום לערנען. אַ פּופצן יעריקע אַרעסטאַנטן אין אַ שילער־פאַרטעך. זעקס וואָכן ווערט זי אָפּגעהאַלטן אין לוקישקער טורמע, דאַן באַפרייט צוליב מינדעריעריקייט און איבערגעגעבן אונטערן אויפזיכט פון די עלטערן: "גיט גוט אַכטונג אויף אייער טאָכטער, אַנדערש וועט איר פון איר גרויסע צרות האָבן". דער טאַטע ווייסט, אַז צרות פון זיינע טעכטער וועלן אים ניט פעלן: זי איז שוין די צווייטע, וואָס האָט פאַרזוכט דעם טעם פון "הינטער די גראַטעס".

וואָס פאַר אַן אויפזיכט קאָנען די עלטערן האָבן אויף סאָניען? סאָניע איז צוריק אין דער אונטערערדישער באַוועגונג, די נאָענטע געפאַרן פאַרשטאַרקן נאָך מער איר קאַמפס־ווילן, איר אַרבעטס־חשק.

די אַרבעט מיט דער יוגנט קאָכט. סאָניע רוט ניט. זי וויל זיך "פּראָלעטאַריזירן" און קומט אָן צו אַ חברטע זיך לערנען שניידעריי. זי איז אַן אַרבעטערן, צונויפגעגאָסן מיט דער אַרבעטער־מאַסע.

שפּעטער, האַרבסט 1930, ווערט סאָניע צום צווייטן מאָל אַרעסטירט. אין אַ פּאָר טעג אַרום ברעכט אויס אין דער לוקישקער טורמע אַ הונגער־שטרייק: די פּאָליטאַרעסטירטע פאָדערן אָנערקענען אַ פאַרשטייערשאַפט און פאַרבעסערן דעם טורמע־רעזשים.

דער קאַמף איז אַ פאַרביסענער און לאַנגער. אַכט טעג געדויערט

דער שוואַרצער שטרייק. די תפיסה־אַדמיניסטראַציע פּרוּאווט דער יונגינקער, פּופּצניאַריקער אַרעסטאַנטן איינריידן מיט גוטן: זאָל זי עסן, וואָס דאַרף זי פּטר׳ן אירע יונגע יאָרן. אָבער סאָניע איז גאָר לויט איר עלטער פּופּצן יאָר, איר גייסט איז דערוואַקסן און געשטאַלט.

אויפֿן פֿערטן טאָג פֿירט מען זי מיט אַנדערע אַרויס אין אַ גרויסן צימער און מען שטעלט זיי אויס מיטן פּנים צו די ווענט. מען וועט זיי שיסן – הייסט עס. זיי דאַרפֿן יעדע סעקונדע זיך ריכטן אויפֿן טויט דורך אַ שאָס אין רוקן. די וועכטער מאַניפּולירן מיטן געווער און אַלע ווײַלע פּאַלט אַ קאָמאַנדע: אָפּוואַרטן! אַזוי ציט זיך אַ שעה און אַ צווייטע שעה. דאַן רופֿט מען סאָניען אַרויס אין אַ צווייטן צימער?

– וועסט עסן?

– ניין, – ענטפֿערט זי רואיק.

קלעפּ. אַ צענדליק טורמע וועכטע כאַפּן זי, וואַרפֿן זי אום אויף אַ באַנק, שלאָגן און רײַסן פֿאַנאַנדער מיט כּוח דאָס מויל און רוקן אַרײַן די שלאַנג – איר קינסטלעך צו קאָרמענען. סאָניע רײַסט זיך מיט די לעצטע כּוחות, איר קערפּער קראַמפּט, די ציין שטשעמען זיך אײַן אין דער גומענער רער. אַ זעץ מיטן פֿויסט – און די ציין לאָזן אָפּ. ווען זי איז שוין אין אומבאַוואוסטזיין, לאָזט מען איר דורכן רער אַרײַן דעם נייטיקן קוואַנטום שפּייז און מען שלעפּט זי איבער די טרעפּ צוריק אין איר איינצל־קאַמער.

אויפֿן אַכטן טאָג חזרט זיך איבער ווידער די זעלבע פּראָצעדור. סאָניע קאָן שוין אויף די פֿיס ניט שטיין, אָבער זי קעמפּט ביזן סוף. אויפֿן ניינטן טאָג גיט דער קאָמיטעט צו וויסן: אָרגאַניזירט, אין איין מאָמענט איבערײַסן דעם הונגער־שטרייק. דער אַדמיניסטראַציע האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו ברעכן דעם ווילן פֿון די פּאָליטאַרעסטירטע, אײַנצוברעכן די ייִנגסטע און צאַרטסטע צווישן זיי – סאָניען.

צווישן די עלטערע חברים איז סאָניע אַן אופֿמערקזאַמע שילערן. זי הערט זיך צו צו יעדעס וואָרט, זאַפּט אײַן אין זיך ווי אַ שוואָם און וואַקסט. ס׳איז אַן אָן אָנאויפֿהעריקער וואַקסן. אַן אָנאויפֿהעריקע אָנזאַמלונג פֿון דערפֿאַרונג, ידיעות און אייגנשאַפֿטן. אַ היציקע, אַן איניציאַטיווע, אַ שפּירעוודיקע – לערנט זי זיך צו זײַן קאַלט, אויסגערעכנט, געדולדיק, און דער עיקר: זי קעמפּט אין זיך פֿאַר דער אויסאַרבעטונג פֿון אַן אַבסאָלוטער דיסציפּלין, יענע דיסציפּלין, אין וועלכער ס׳ליגט דער סוד פֿון דער גרויסער קראַפֿט פֿון אמתע רעוואָלוציאָנערן. אַלע חברים, וואָס האָבן ווען נישט איז

געאַרבעט מיט סאָניען, קאָנען זיך ניט אָפּוואונדערן פון דער גרויסער מאָראַלישער קראַפט אירער, וואָס איז אַמבעסטן געקומען צום אויסדרוק אין איר צילבאַוואוסטער דיסציפּלינירטקייט. דאָס איז געוואָרן דער גרונט־סימן פון איר כאַראַקטער.

פאַר אָנגעהערן צו דער יוגנט פאַר באַטייליקן זיך אין אַ פאַרבאָטענער דעמאָנסטראַציע ווערט סאָניע דורכן ווילנער קרייז־געריכט פאַרמשפט צו צוויי יאָר אויסבעסערונגס־הויז.

פון לוקישקעס ווערט סאָניע אָפּגעשיקט אין אויסבעסערונגס־הויז פאַר מינדעריעריקע פאַרברעכער אין וואַרשעווער פּאַוויאַק. דאָס זעכצן יעריקע צאַרטע מיידל ווערט אַריינגעוואָרפן צווישן מינדעריעריקע פּראָסטיטוטקעס און גנבים. דאָ דאַרף זי זיך דאָס אויסבעסערן. אָבער סאָניע איז "ניט צום אויסבעסערן". זי לעבט זיך צונויף מיט דער יונגער אונטער־וועלט. זי אָרגאַניזירט זיי, זינגט מיט זיי, פירט מיט זיי געשפּרעכן און הייבט אָן פאַרוואַרפן קערנער פון וויסן אין זייערע קעפּ. די טורמע־אַדמיניסטראַציע כאַפּט זיך, אַז סאָניע האָט איר קאַמער פאַרוואַנדלט אין אַ פּאָליטישער אַאודיטאָריע. זי שיקט ראַפּאָרטן, און עס קומט אָן אַ באַפעל סאָניען איבערצופירן אין דער תפיסה פאַר דערוואַקסענע פרויען אין סיעראַדזש.

אין סיעראַדזש איז שווער. די אַרעסטירטע ווערן דאָ געפּייניקט. אָבער אויך דאָ געפינט סאָניע גינציקע אויערן פאַר אירע באַגייסטערטע רייד: זי פירט אָן מיטן טורמע־אַגיטפּראָפּ, שרייבט רעפעראַטן. איר אַרבעט ווערט אין די תפיסה־ווענט ניט אָפּגעשטעלט.

3.

דעם 16־טן מערץ 1933 ווערט סאָניע באַפרייט פון תפיסה און קומט צוריק אין ווילנע. אין דער היים געפינט זי שוין ניט די יונגסטע שוועסטערל דינה. דער מאַטעמאַטיק־לערער מאַדייסקער טראָגט שוין פּעקלעך אין לוקישקעס זיין מיזינקע.

סאָניע איז אין דער היים אַ גאַסט. זי איז אַריבער אינגאַנצן אויף קאָנספּיראַטיווער אַרבעט. זי פאָרט אַרום איבער פאַרשידענע געגנטן. אַרבעט צווישן פּאָליאַקן, צווישן ווייסרוסן, צווישן יידן. דאָ קומט איר צוניץ איר אַרטיסטישער טאַלאַנט. זי איז אַן אַרטיסט אין דער אומלעגאַלער אַרבעט. זי ווייזט זיך אין אַ ווייסרוסישן דאָרף ווי אַ פּאַסטושקע, אין אַ פּוילישן דאָרף – ווי אַ לערערן, צווישן אַרבעטער – ווי אַן אַרבעטערן. זי רעדט

ווייסרוסיש. ווי אַ דאָרפישע פויערטע, פויליש – ווי אַ גוט דערצויגענע "פּאַניענקע", און ווען מען דאַרף – ווי אַן עכטע פּוילישע אַרבעטערן. איר גרויסע פעאיקייט און חוש פאַר שפּראַך, פאַר קאָלאָריט, פאַר ספּעציפישע ריידאַרטן קומען איר גוט צוניץ. נאָר אין יידיש קאָן זי זיך ניט באַפרייען פון שאַרפן, אַקצענטירטן "רייש".

די פּוילישע פּאָליציי קאָן לאַנג ניט פאַלן אויף די שפּורן פון דעם פלינקן יידישן מיידל, וועלכן זיי קאָנען אַזוי גוט.

אין פרילינג 1935 ווידער, ווען סאָניע קומט קיין ווילנע און כאַפּט זיך אויף אַ מינוט אַריין אין שטוב, ווערט די שטוב באַפאַלן פון געהיים־אַגענטן.

אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק פון ווילנער קרייז־געריכט זיצן פופצן אומפּאַרטייאישע, וואָס ווערן געמשפּט פאַר העלפן דער באַוועגונג, פאַר צושטעלן דירות און "יאַווקעס", און צוויי פאַרטיי־מיטגלידער: סאָניע און אירע אַ חברטע.

אין זאַל, צווישן די צוהערער, זעט סאָניע איר פאַרטיי־חבר סערניי פּריטיצקי. ער איז אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן קאָסטיום, זיצט רואיק און הערט זיך צו צו די געריכט־פאַרהאַנדלונגען. סאָניע פאַרשטייט, אַז ניט אומזיסט איז געקומען פּריטיצקי, זי ריכט זיך, אַז עפּעס דאַרף געשען. נאָר מיט קיין שום באַוועגונג פון געזיכט אָדער קערפּער גיט זי ניט אַרויס איר אָנגעשטרענגטע דערוואַרטונג. נאָר אָט קומט אַריין דער פּראָקוראָר סטרעלטשוק און הייבט אָן אָפּגעבן זיינע עדות־דערקלערונגען. באַלד דערהערן זיך שאָסן, שאָסן, וואָס האָבן אָפּגעקלונגען איבער גאַנץ פּוילן. פּריטיצקי, דער יונגער ווייסרוסישער קאָמוניסט, גיט אָפּ אַ שאָס נאָך אַ שאָס אין פּראָקוראָר. דער פּראָקוראָר, די ריכטער באַהאַלטן זיך באַלד נאָכן ערשטן שאָס אונטערן טיש, די גרויסע שמירה איז צעטומלט און פאַרלאָרן. פּריטיצקי פאַרלאָזט רואיק דעם זאַל און לאָזט זיך צום אַרויסגאַנג, וואו ער ווערט פאַרהאַלטן. אין דער גרויסער בהלה הערט זיך אין געריכט־זאַל נאָר דאָס קלינגענדיקע געלעכטער פון סאָניע מאַדייסקער.

אויף מאָרגן ווערט דער פּראָצעס פאַרגעזעצט. ווען סאָניע באַקומט דאָס "לעצטע וואָרט", האַלט זי אַ גרויסע באַשולדיקונגס־רעדע.

דער אורטייל: סאָניע ווערט פאַרמשפּט אויף זעקס יאָר טורמע.

אין דער תפיסה אויף סטעפּן־גאַס, וואו ס'זיצן די פּרויען־פּאָליט־אַרעסטירטע, דערוויסט מען זיך דורך סימנים, וואָס מאָפּר־טוער ווייזן פון אַ

קעגן איבערדיקן הויז, אַז סערגיי פּריטיצקי איז פֿאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. אין די קאַמערן איז געפֿאַלן אַ שווערע שטילקייט. די שטילקייט האָט זיך געצויגן שעהן נאָך שעהן, און קיינער האָט זי ניט געוואַגט איבערצורייסן מיט אַ באַוועגונג מיט אַ וואָרט, מיט אַ זיפֿץ. סאָניע איז געזעסן אַ פֿאַרגליווערטע מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ, און אירע אויגן־זיינען געווען פֿאַרשוואומען מיט טרערן. ווען ס'איז צוגעפֿאַלן דער אָוונט, האָבן די חברטעס פּלוצלינג דערהערט סאָניעס רואיקע, לויטערע שטים: "סערגיי פּריטיצקי, מיר זיינען שטאָלץ מיט דיר!"

אין עטלעכע טעג אַרום האָט דער וויצע־מיניסטער פֿאַר יוסטיץ באַזוכט די טורמע אויף סטעפֿן־גאַס. ווען ער איז אַריין אין צימער, וואו עס איז געזעסן סאָניע, האָט זי זיך אויפֿגעהויבן און אין נאָמען פֿון אַלע פּאָליט־אַרעסטירטע, ווי זייערע אַ באַפֿולמעכטיקטע, געפֿאָדערט אָפּשאַפֿן טויטשטראָף בכלל און באַזונדערס טויטשטראָף פֿאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע. זי האָט געזאָגט, אַז דורכן אויספֿירן טויטשטראָף אויף יוגנטלעכע ווייזט דער רעזשים זיין מענטשן־פֿרעסערישן פּנים און זיין שוואַכקייט. דער עלעגאַנטער מיניסטער האָט מיט אַן איראָנישן שמייכל געענטפֿערט: "כ'האָב אייך אויסגעהערט, אָבער צו קענטעניש ניט גענומען". "דאָס פֿאָלק וועט אייך צווינגען צו "נעמען צו קענטעניש" – האָט שטאָלץ סאָניע אויסגערופֿן. דער מיניסטער איז אַרויס, און סאָניע איז באַלד אָפּגעפֿירט געוואָרן אין קאַרצער.

אַ גוואַלדיקע כוואַליע פּראָטעסטן האָט זיך דורכגעטראָגן איבערן לאַנד, און דער רעזשים איז געווען געצוואונגען צו פֿאַרבייטן פּריטיצקין די טויט־שטראָף אויף לעבנס־לאַנגער טורמע.

סאָניע איז אָפּגעשיקט געוואָרן אָפּצוזיצן אין טורמע אין גראָדנע. יאָרן ציען זיך נאָך יאָרן. דער טורמע־רעזשים איז אַ האַרבער און שווערער, די אויפֿזעער – סאַדיסטן, אָבער קיין זאַך איז ניט בכוח צו ברעכן די לעבנסלוסט אין סאָניען. די גראַטעס און טורמע־ווענט קאָנען ניט איינהאַמעווען איר שטראָמיקע, יונגע פֿרייד, איר יונגן כוח, וואָס רייסט זיך צו נייע קאַמפֿן. סאָניע זינגט אין איר קאַמער, טאַנצט. אַפֿילו די אַלטע טורמע־אויפֿזעערינס קאָנען זיך ניט איינהאַלטן פֿון אַרויסווייזן סימפּאַטיע צו איר. די פֿריילעכע אַרעסטאַנטין פֿאַרנעמט זיך אַלע אינדערפֿרי מיט גימנאַסטיק, לייענט פֿיל, און דורכן "אייגל" קאָן מען אויך זען, ווי סאָניע זיצט שעהען אין טיפֿער פֿאַרטראַכטקייט, כדי שפּעטער ווידער אָפּרוען אין פֿריידיקער זאָרגלאָזיקייט. קאָנען דען ווענט צוימען סאָניעס גרויסע

באַגייסטערונג און ליכטיקן גלויבן? סאָניע איז אין גראָדנער טורמע אַ פאַרשטייערן פון די פּאָליטאַרעסטירטע. שיקט פאַנאַנדער אין די קאַמערן פּראָגראַמען פאַר זעלבסטבילדונג, טעזיסן צו רעפעראַטן. באַזונדערס אינטערעסירט זי זיך מיט אַ קאַמער, אין וועלכער עס זיינען געווען פאַרשפאַרט אַ פּאָר צענדליק ווייסרוסישע חברים, און מיט די יונגע חברה פון טורמע.

סענטיאַבר 1939. אונטער די קלעפּ פון די ברוינע היטלער־האָרדעס איז צעפאַלן דאָס פּריצישע פּוילן. די רויטע אַרמיי איז אַריבער די גרענעץ, כדי צו באַפרייען די פעלקער פון מערב־ווייסרוסלאַנד און מערב־אוקראַינע און ראַטעווען זיי פון דייטשישן אָקופּאַנט. די רויטע אַרמיי דערנענטערט זיך צו גראָדנע. די תפיסה־נאַטשאַלסטווע אַנטלויפט. די אַרעסטאַנטן ברעכן די טירן און טויערן און באַפרייען זיך אַליין. סאָניע איז פריי. אָבער אין גראָדנע בושעווען נאָך די פּוילישע מיליטערלייט. די קאַמפן גייען ביי די גרענעצן פון דער שטאָט. זי ווערט, צוזאַמען מיט עטלעכע חברים, ווידער אַרעסטירט דורך מיליטערלייט און דורך אַ מיליטערישן שנעל־געריכט פאַרמשפּט צום טויט. טויט – ווען די רויטע אַרמיי שטייט שוין ביי די טויערן פון שטאָט. אַ נאַכט פאַרביי אין טויטקאַמער. סאָניע איז גרייט צום טויט. זי פאַרשווערט זיך אַליין צו זיין שטאָלץ און גרייט צו שטאַרבן מיט אַן אופגעהויבענעם קאָפּ. פאַרטאָג. עס קומען ניט די תלינים. דער טורמע־הויף איז פּוסט און שטיל. אין האַרצן וואַקסט די האָפענונג. אַ שטאַרקער גערויש דערהערט זיך פון גאַס. סאָוועטישע טאַנקען בלייבן שטיין אויפן טורמע־הויף.– הוראַ? – רייסט זיך אַרויס פון די ברוסטן פון די צום טויט פאַרמשפּטע. סאָניע איז פריי. פריי פון טויט, פריי פון אומלעגאַלער אַרבעט. ס׳קומט אָן אַ יאָר פון פרידלעכן שעפערישן לעבן.

.4

יוני 1941. די היטלעריסטישע האָרדעס פאַרכאַפּן די מערב־ראַנדן פון פאַרבאַנד. סאָניען, וועלכע איז געווען אין גראָדנע ווי אַ סטודענטן אין פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, גיט זיך ניט איין צו עוואַקויִרן. אַרויסבאַקומען זיך פון דער שטאָט איז סכנות־נפשות, נאָר סאָניע ריזיקירט און לאָזט זיך קיין ווילנע – אַהיים.

ווי גיך די שטאָט האָט זיך געענדערט: אויסגעשטאָרבן איז זי און מרה־שחורהדיק. דאָ לויערט פון אַלע עקן די שאַנד און דער טויט. אָט טרייבט מען איבער דער גאַס אַ גרופּע יידן. וווּהין? אויף זייערע טויט־בלאַסע פּנים׳ער זעען זיך נאָר אויגן, פול מיט אנגסט און צער. אויף אַ

צווייטער גאַס זעט זי, ווי מען שלאָגט אַ ייד, וועלכן מען האָט געכאַפּט אויפן טראָטואר אָן אַ לאַטע.

אין שטוב:

– סאָניע, דו? דו ביסט ניט אַוועק? וואָס וועט עס זיין מיט אונדז? – דערציילט ניט, טאַטע, איך ווייס אַלץ, איך האָב שוין געזען. ניטאָ די פריילעכע סאָניע. אַ שטילקייט ווייעט פון איר. אַ וואָרעמער אָטעם צו די אַרומיקע. ניין, סאָניע טוט קיין לאַטע ניט אָן. עפּעס דאַכט זיך איר אויס, אַז די לאַטע ברענט אויפן האַרצן פון טאַטע־מאַמע. אין אַ מיטן נאַכט האָבן זיך דערהערט שרעקלעכע, יאָמערדיקע געשרייען. איידער זי האָט זיך באַוויזן אָנטאָן, האָט מען שוין געבראָכן די טיר: "עפנען!" אַ באַנדע רייסט זיך אַריין מיט ווילדע געשרייען: – ראוס, ראוס! סאָניע געפינט זיך אין אַ צעיאָמערטער מאַסע יידן אויף דער גאַס. עס קלאָגן ווייבער, עס וויינען קינדער, און די דייטשן אַרום שלאָגן מיט די ביקסן: "שנעלער, שנעלער!" אַ פּאָר גאַסן פאַרביי, און פון ריזיקן פלאַץ זעען זיך שוין די רויטע הויכע פאַרגראַטעוועטע מויערן פון לוקישקער טורמע. מיט ביקסן טרייבט מען די מענטשן אין די קאַמערן. אין אַן איינצלקאַמער צו דרייסיק – פערציק מאַן. ניט זיצן, ניט שטיין. אַזוי גייען פאַרביי אַ פּאָר טעג. באַטאָג הערט זיך, ווי די דייטשן רופן הויך אויס פאַמיליעס און פון די קאַמערן רופט מען אַנטקעגן: – איך, איך! סאָניע שפּאַרט זיך צו צו דער טיר. – איך! – שרייט זי אויס. מען עפנט די טיר, זי גייט אַרויס, זי פאַרשטייט ניט, וואָס דאָ געשעט, נאָר מיטן אינסטינקט דערשפּירט זי, אַז דאָס ראַטעוועט מען אַרויס מענטשן. ניט איר, ספּעציאַליסטן, וועלכע די דייטשן לאָזן דערווייל אַרויסנעמען זייערע פאַמיליעס. – מאַמע! – שרייט זי. - מאַמע! – און דערקענט ניט, פון אַ וועלכער קאַמער זי איז אַרויס. זי שרייט מיט אַלע כוחות. די עלטערן דערהערן איר שטים און רופן זיך אָפּ. מען שליסט אָפּ די קאַמער, און זי שלעפּט אַרויס דעם טאַטן מיט דער מאַמען. אַ משוגענער צופאַל. זי האָט געראַטעוועט זיך מיט דער משפּחה.

צוריק אין דער חרוב'ער דירה: וואָס טוט מען? אַ פּאָר מאָל כאַפּט זי זיך אַרויס אין גאַס זוכן באַקאַנטע, טרעפן מענטשן, דערוויסן זיך, ווער איז איבערגעבליבן פון אירע אַמאָליקע חברים. ניין, קיינעם ניט געטראָפן.

געטאָ: אַרום פערציק טויזנט מענטשן אין פינף־זעקס קליינע, שמאָלע געסעלעך. עס שוויבלט און גריבלט פון קעפּ און לייבער און פּעקלעך. מען לעבט אויף טרעפּ, אויף די הויפן: צו צענדליקער אין קליינע, דומפּיקע צימערן. און יעדע מינוט שפּאַלט דעם שטינקענדיקן כאָלעל אַ נייס: "לידער

גאַס האָט מען צוגענומען", "ווילקאָמירער האָט מען אַוועקגעשלעפּט אין לוקישקעס". עס רעדט זיך וועגן טויזנטער, וועגן צענדליקער טויזנטער, און פאַר די אויגן וואַקסן אויס בערג הרוגים. אַ טייל פון דער מאַסע וויל שוין אַפילו די נייס ניט הערן. אַ בלייענע טעמפּקייט פאַרגיסט די הערצער און די שטומע פּנים'ער.

ניין. אַזוי קאָן מען ניט, אַזוי טאָר מען ניט לעבן! איידער די געטאָ האָט נאָך גענומען "אָרדענען זיך", איז סאָניע נעלם געוואָרן. אין שטאָט האָט זי אויסגענוצט איר גאַנצע דערפאַרונג זיך צו פאַרמאַסקירן און פאַרקאָנספּירירן. דאָס מאָל ניט ווי אַ רעוואָלוציאָנערן, נאָר ווי אַ יידישקע. דאָס איז געווען זייער אַ שווערע און קונציקע אויפגאַבע. געגנוג געווען, אַז עפּעס אַ מנוול זאָל נאָר משער זיין און אָנווייזן, אַז זי איז אַ יידישע, עס זאָל בלייבן פאַר איר נאָר איין וועג: פּאָנאַר. סאָניע האָט געוואוסט, אַז יידן, וועלכע מען כאַפּט אין שטאָט, ווערן געשיקט דירעקט אויף טויט קיין פּאָנאַר. צענדליקער האָבן שוין איינציקווייז דורכגעמאַכט דעם דאָזיקן וועג. און פיל, וואָס האָבן געפּרואווט אַרויס פון געטאָ, האָבן אין אַ קורצער צייט אַרום זיך צוריקגעקערט. אין געטאָ האָט די סכנה געלויערט פון טאָג אויף טאָג, אין שטאָט – יעדע מינוט, יעדע סעקונדע. הונדערטער געסטאַפּאָווצעס און געדונגענע מנוולים האָבן זיך געלערנט די ספּעציאַליטעט פון דערקענען יידן. מען האָט ניט געדאַרפט האָבן דווקא אַ יידישע נאָז – גענוג געווען דער אויסדריק פון די אויגן, אַ מאָמענט ניט באַהערשן זיך, סימנים פון שרעק, אַן אומרואיקער בליק, צער אויפן פּנים, אַ יידישער אַקצענט, אַ פאַלש אַרויסגעזאָגטע פראַזע, – אַז דער טויט זאָל זיך פּלוצלינג שטעלן פאַר די אויגן. מען האָט געדאַרפט אַרויפנעמען אויף זיך ניט נאָר אַן אַנדער הויט, נאָר אויך אַן אַנדער געמיט. סאָניע האָט די דאָזיקע קונסט געקענט. אין אַ קורצער צייט אַרום איז שוין ניט געווען קיין סאָניע מאַדייסקער. עס איז געווען אַ "פּאַני" קאַטאַזשינאַ ראָמאַנאָווסקאַ, געבוירן אין 1914, אין ווילנע, אַ פּוילין פון רוימיש־קאַטוילישן גלויבן, אַ חתונה געהאַטע.

5.

די געטאָ ווערט מיט יעדער וואָך אַלץ שיטערער. איין געטאָ איז שוין ליקווידירט. די צווייטע – פאַר פאַך־מענער – ווערט יעדע עטלעכע טעג איבערגעפּאַלן. נאָך יעדער "אַקציע" – פעלן טויזנטער. ס'איז אַ לעבן צווישן איין "אַקציע" און אַ צווייטער. אין דער זעלבער צייט ווערט די געטאָ "געאָרדנט": אַ יידן־ראָט, אַן אַרבעטס־אַמט, אַ פּאָליציי־אָרדענונג מוז זיין אין רעזערוואַר פון טויט.

צוואַנציק טויזנט זיינען פאַראַן אין געטאָ. ס'הייסט – "זיי לעבן". נאָר ביז ווען? די דייטשן שמועסן אײַן, דער יידן־ראַט שמועסט אײַן, און יידן ריידן זיך אַליין אײַן, ווילן זיך אײַנריידן: די גרעסטע סכנות זיינען פאַרביי, די לעבנגעבליבענע וועלן לעבן.

סוף דעקאַבער 1941 טרעפן זיך דריי פון דער אונטערערדישער באַוועגונג אין געטאָ: בער שערעשניעווסקי, איציק וויטענבערג און כיענע באָראָווסקע.

די דריי באַשליסן: מען טאָר ניט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. מען דאַרף קעמפן אין אַלע באַדינגונגען. די געטאָ איז פאַרמשפּט – מען דאַרף עס אויפקלערן די אָפּגענאַרטע. מען דאַרף אויפקלייבן די כוחות. אין דער ערשטער ריי דאַרף מען געפינען אַן אָנשפּאַר אין שטאָט.

די דריי ווייסן: אין שטאָט איז פאַראַן סאָניע מאַדייסקער, זי דאַרף מען אין דער ערשטער ריי אויפזוכן.

סאָניע – קאַטאַזשינאַ ראָמאַנאָווסקאַ – באַקומט אַן אויפגאַבע: אויפזוכן מענטשן צום קאַמף, דערוויסן זיך, צי ס'זיינען פאַראַן וואָס־פּאַראַ־ניט־איז ווידערשטאַנד־גרופּעס, אומאָפּהענגיק פון ריכטונג.

סאָניע איז צוריק אין איר אַלטער ראָל: ניט אַ יידישקע באַהאַלט זיך אויס – אַ רעוואָלוציאָנערן איז טעטיק. דאָס לעבן באַקומט צוריק אַ זין. סאָניע ווענדט אַן אירע אַלע פעאיקייטן, איר שכל. זי פאַרבינדט זיך מיט פּוילישע נאַציאָנאַליסטן. ניין, פון דעם וועט גאָרניט אַרויסקומען. ס'איז ניטאָ מיט זיי קיין וועג צוזאַמען. מיט געמיינזאַמע כוחות פון די אונטערערדישע כוחות אין געטאָ און פון סאָניע מאַדייסקערן אין שטאָט געפינט מען זיכערע מענטשן – דעם וויירוס קאַראַבליקאָוו, דעם פּאָליאַק פּשעוואַלסקי א.א., וואָס זוכן אויך אַ פאַרבינדונג, רייסן זיך צום קאַמף. עס הייבט זיך אָן פעדעמען אַ שטאָטישער קעמערל, אַ קעמפערישער צענטער. באַלד וועט ער באַוואַקסן ווערן מיט פלייש. ס'וועלן צוקומען נייע, די אַרבעט וועט געבוירן נייע מענטשן, נייע קעמפער.

אין געטאָ קומט אויף אין יאַנואַר 1942 די פאַראייניקטע פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע. די בריק צווישן שטאָט און געטאָ איז סאָניע מאַדייסקער. ווערט געשאַפן די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע – באַקומט סאָניע אַן אויפגאַבע אָרגאַניזירן די יוגנט און אָנפירן מיט אים אין געטאָ און אין שטאָט. די אַרבעט ווערט אַלץ מער פאַרצווייגט און כאַפּט אַרום אַלץ מער מענטשן. סאָניע איז צוריק קוועקזילבערדיק ענערגיש, דרייסט און פול מיט אײַנפאַלן.

דער שטאַב פון פ.פ.אָ. אין געטאָ באַשליסט, אַז מען מוז אָנבינדן קאָנטאַקט מיט דער "גרויסער ערד". וועמען שיקן? דער פראָנט איז אין 1942 זייער ווייט – פיל פיל הונדערטער קילאָמעטער פון ווילניוס. וועמען טרויט מען אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע? וועמען דען? – סאָניען!

די חברים אָרדענען איין פאַר איר אַ געזעגענונגס־באַגעגעניש. אין געטאָ, אין אַ צימערל קומען זיך צונויף אַלטע, אויסגעפּרואווטע חברים. דאָ איז דאָ בער שערעשניעווסקי, כיענע באָראָווסקע, די לערערין מירע בערנשטיין, דער לערער יאַנקל קאַפּלאַן, דער פּאָעט אָפּעשקין, דער קאָמענדאַנט פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע איציק וויטענבערג.

סאָניע הערט די חברים פאַרטראַכטערהייט, קוקט אין זייערע אויגן. זי קען דעם קאָמפּס־קאָלעקטיוו אַן אויסגעשמידטן אין גרענעצלאָזער טרייַשאַפט פאַרן פאָלק. סאָניע אויפן וועג קיין מאָסקווע. זיי וועלן אַלע קאָנען שטאַרבן אָן באַדויערונג, ווען ס׳וועט נייטיק זיין.

סאָניע זאָגט קורץ:

– טייערע חברים מיינע, איך וועל אייער צוטרוי ניט אָפּנאַרן. – און פאַרענדיקט וויציק, מיט אַ דינעם שמייכל אויף די ליפּן און מיט אויפשיינענדיקן בלאָ אין די אויגן: – שטאַרבן, ווייסט איר דאָך, בין איך געוואוינט...

קאַטאַזשינאַ ראָמאַנאָווסקאַ האָט זיך געלאָזט אין וועג. זיך דערשלאָגן ביז צו וועליקיע־לוקי. בעת אַן אָבלאַווע ווערט זי אַרעסטירט. אַ ווילנערין? וואָס טוט זי דאָ? – די דינע פריילן דערוועקט אַ חשד ביי די דייטשן אין דער ווייטער רוסישער שטאָט. זי ווערט אַריינגעוואָרפן אין תפיסה, געפּאָרשט. קאַטאַזשינאַ ראָמאַנאָווסקאַ פּאָרט אויפזוכן איר מאַמען, וואָס איז פאַרפאַלן געוואָרן אין אָנהויב קריג. זי האָט געהאַט ידיעות, אַז יענע געפינט זיך אין וועליקיע לוקי, וויל זי טאַקע בעטן, מען זאָל זי העלפן אויפזוכן. די דייטשן געטרויען ניט דער יונגער עלעגאַנטער פּאָלקע. נאָר אַלץ רעדט קעגן חשד: דער הולך, דער אַרט ריידן, די תמימות. נאָך עטלעכע וואָכן ווערט זי אַרויסגעלאָזט מיטן האַרטן אָנזאָג תיכף אָפּצופאָרן צוריק קיין ווילנע. סאָניע ווענדט אָן איר גאַנצע מייסטערשאַפט. זי פאַרנעמט זיך אויף צוריק און פּרוּוווט מזל אין אַ צווייט אָרט. אָבער וואָס נעענטער צום פראָנט, אַלץ שווערער איז זיך צו באַוועגן. דער פּוילישער פּאַס איז דאָ ניט קיין תרופה.

צוריק קיין ווילנע. סאָניע האָט געליטן אַ מפּלה. ניט אַזוי האָט זי

געדאַרפט אָרגאַניזירן איר נסיעה. זי וואַרפט זיך צוריק אַריין מיט אימפעט אין דער אַרבעט פון ווילנער אונטערערד. פאַר דער צייט וואַקסט די פ.פ.אָ. די פאַרטיי קרעפטיקט זיך. מאָסקווע האָט ניט פאַרגעסן. די פאַרטיי־טוער האָבן שוין קאָנטאַקט מיט געשיקטע פאָרשטייער פון צענטער. ס׳ווערט באַשטעטיקט אַ שטאָטקאָם. די טוער זיינען שוין ניט קיין „סאַמאָזוואַנצעס״. ס׳ווערט אויך באַשטעטיקט די פ.פ.אָ. ווי אַ באַשטאַנד־טייל פון דער ליטווישער פאַרטיזאַנישער באַוועגונג. טרערן פון פרייד זיינען געשטאַנען סאָניען אין די אויגן, ווען זי האָט די דאָזיקע נייעס איבערגעגעבן דעם קאָמפּ־אָפּטייל, וועמענס קאָמאַנדיר זי איז געווען: ניטאָ קיין גרעסערע פרייד, ווי זיין אַ טייל פונעם מעכטיקן פראָנט קעגן אָקופּאַנט. ניטאָ קיין גרעסערע פרייד, ווי צו זיין קעמפער פאַר אונדזער פרייהייט, פאַר דער פרייהייט פון די פעלקער. איר אויפגערודערטקייט גיט זיך איבער אירע צוהערער, מיט שטאָלץ און מוט גיסן זיך אָן זייערע הערצער.

סאָניע מאַדייסקער העלפט אָרגאַניזירן די אומלעגאַלע דרוקעריי, זי רעדאַגירט אויפרופן, שטעלט איין אַ גאַנצע נעץ פון פאַרשפרייטער, דורך נאַכט ווערן טויזנטער פלוגבלעטלעך פאַרשפרייט אין פאַבריקן, אויסגעקלעפּט אויף די ווענט, אונטערגעוואָרפן אין שייך־פּאַרפּאַקטע פעקעלעך. די דייטשן קאָנען ניט כאַפּן די אומזעבאַרע הענט, און די אויפרופן טוען זייער זאַך: דערציילן וועגן דער אמתער לאַגע אויף די פראָנטן, רופן צו סאַבאָטאַזש און דיווערסיע, זאָגן אָן דעם גרויסן, גליקלעכן טאָג פון נקמה.

ניטאָ אַן אַרבעט, וואו ס׳זאָל ניט זיין סאָניעס מיטהילף: אירע אַן עצה, און איינפאַל, אַ דרייסטער פּרואוו. די פ.פ.אָ. ציילט שוין הונדערטער קעמפער. מען באַשליסט, אַז סאָניע דאַרף אויך זיין טעטיק אין פ.פ.אָ. זי ווערט געשיקט אין שטאַב פון דער אָרגאַניזאַציע. איר גרויס געזעלשאַפטלעך וויסן, איר דערפאַרונג, איר גוטער קאָפּ, איר גלענצנדיקע אָריענטאַציע, איר פעאיקייט זיך צופּאַסן צו פאַרשיידענע באַדינגונגען, איר פשטות און וואַרעמקייט צו מענטשן – דאָס אַלץ דינט דער באַוועגונג. וויטענבערג איז דער קאָמאַנדיר פון פ.פ.אָ., אָבער סאָניע מאַדייסקער איז דער מוח אין דער אומפאַרטייאישער קאָמפּס־אָרגאַניזאַציע.

.6

אין שטאָט זיינען דורכגעפאַלן וויכטיקע טוער. מען דאַרף פאַרהיטן די אָרגאַניזאַציע, זי זאָל ניט צעשטערט ווערן פון דער געסטאַפּאָ. די דרוקעריי ווערט נאָך מער פאַרקאָנספּירירט. דער קרייז מענטשן ווערט אויף

אַ געוויסער צייט ענגער, כדי זיך שפּעטער פֿאַנאַנדערצוזואָוואַקסן. דערווייל קומט אַ גוט געצילטער קלאַפּ אויף פּ.פּ.אָ.

סאָניע מאַדייסקער, כיענע באַראָוסקע און איציק וויטענבערג קומען צום געטאָ, און פּאָליציי־שעף יאַקאָוו גענס. זיי פֿאָדערן פֿון אים, ער זאָל זאָגן דעם אמת, צי ווייסט ער, אַז די געסטאַפּאָ גרייט אַ נייע אַקציע אין דער געטאָ. גענס פֿלירטעוועט מיט די פּאַרטיזאַנער. זיי זיינען אַ צו גרויסע און באַוואָפֿנטע קראַפֿט, ער זאָל פֿאַר זיי ניט מורא האָבן. ער פֿאַרזיכערט, אַז ער האָט פֿון קיין נייע "אַקציעס" ניט געהערט, אַז דאָס זיינען פּוסטע קלאַנגען. אין דעם מאָמענט פֿירט דער פּאָליציי־אַגענט דעסלער אַריין דייטשע פּאָליציי אין צימער און ווייזט אָן אויף וויטענבערגן. וויטענבערג ווערט געשמידט אין קייטן און געפֿירט צום טויער. ס'איז פֿינצטער. ביים הויפּט־טויער פֿון געטאָ ווערן די פּאָליציסטן צעשלאָגן דורך פּ.פּ.אָ. – מיטגלידער און וויטענבערג ווערט באַפֿרייט.

באַלד קומט אָן אַ ידיעה: די געסטאַפּאָ פֿאָדערט אַרויסגעבן וויטענבערגן, אין קעגנפֿאַל ווישט זי אָפּ די געטאָ מיט אַלע אירע צוואַנציק טויזנט איינוואוינער.

פּ.פּ.אָ. ווערט מאָביליזירט. דער שטאַב באַראַט זיך, וואָס צו טאָן. די געשעענישן און די שפּאַנונג שטייגן פֿון מינוט צו מינוט. די פּאַרטיזאַנער געפֿינען זיך אין אַ פּאָר הייפֿלעך. דאָס געווער ווערט אַרויסגענומען, עס ווערן אויסגעשטעלט פּאַטרולן. אָבער די הייפֿלעך ווערן בלאָקירט דורך דער פּאָליציי: קיינער ווערט ניט אַרויסגעלאָזט און ניט אַריינגעלאָזט. די פּאָליציי נעמט אַרעסטירן די פּ.פּ.אָ.־ניקעס, וואָס האָבן ניט באַוויזן שטעלן זיך אויף די מאָביליזיר־פּונקטן. אַ גרויסע גרופּע אונטערוועלט־מענטשן, וואָס זיינען געווען אין געטאָ, אונטערגעהעצט פֿון גענסן, באַפֿאַלן די פּ.פּ.אָ.־פּאַטרולן.

די פּ.פּ.אָ. געפֿינט זיך אין אַ דאָפּלטער פּאַסטקע: דער קאַמף איז איר אָנגעוואָרפֿן געוואָרן אין אַ ניט גינסטיקן פֿאַר איר מאָמענט. לויטן פֿאָרויסגעזעענעם פּלאַן האָט דער אויפֿשטאַנד געדאַרפֿט אַרומכאַפּן דעם גרעסטן טייל פֿון די קאַמפּספּעיקע עלעמענטן פֿון געטאָ און אויסברעכן אין אַ מאָמענט, ווען מען וועט די געטאָ קענען איבערצייגן, אַז עס דראָט איר ליקווידאַציע. און דאָ איז די געטאָ אויפֿגעהעצט קעגן פּ.פּ.אָ., זי האַלט, אַז די סיבה פֿון אומקום פֿון דער געטאָ קאָן זיין איין מענטש. מען קאָן די געטאָ ניט מיטרייסן אין קאַמף.

געדאַרפֿט וואָלט מען זיך דורכרייסן אין שטאָט, געווינען אַ פּאָר טעג און זיך צונויפֿריידן מיט דער שטאָטישער אונטערערדישער

אָרגאַניזאַציע. ס'איז אָבער ניט מעגלעך פון געטאָ זיך אַרויסצורייסן און אוממעגלעך צו פאַרציען די לאַגע.

וויטענבערג איז געווען געצוואונגען אַרויסגיין. וואָס איז פאָרגעקומען ווייטער מיט וויטענבערגן קיין פּרטים זיינען ניט פאַראַן. אַ ווערסיע זאָגט, אַז ער האָט מיטגענומען מיט זיך ציאַן־קאַלי, ער האָט זיך קיין לעבעדיקער ניט איבערגעגעבן דעם שונא. אויף מאָרגן פאַרטאָג האָט מען זיין קערפּער שוין געפונען אַ קאַלטן אין געסטאַפּאָ.

פאַר די פּאַרטיזאַנער אין הויף פון שטאַב פון פ.פ.אָ. האָט סאָניע געזאָגט:

– מיר האָבן היינט געליטן די גרעסטע מפּלה אויפן פראָנט פון ווידערשטאַנד אין געטאָ. מיר מאַכן דערפון די געהעריקע אויספירן: דער שטאַב האָט באַשלאָסן, נעמענדיק אין אַכט, אַז די געטאָ האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן אַלס מעגלעכע אַרענע פון קאַמף, עוואַקואירן די אָרגאַניזאַציע אויף אַנדערע פּאַרטיזאַנישע פּאָזיציעס: אין וואַלד.

סאָניע האָט געשפּילט די צענטראַלע ראָל ביים איבערשיקן גרופּעס אין וואַלד. אין אירע הענט איז געלעגן די פאַרבינדונג צווישן געטאָ און שטאָט. צווישן שטאָט און די פּאַרטיזאַנער־באַזעס, זי האָט אָנגעפירט מיטן אַרויסשמוגלען געווער אין שטאָט, האָט צוגעשטעלט ליטווישע חברים־פאַרבינדלער, האָט אויסגעשפּירט דעם וועג און באַשטימט די מאַרשרוטן. איר טעטיקייט איז וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ אימפּעטדיקער און געוואַגטער.

די געשעענישן אין געטאָ האָבן זיך דערווייל גענומען אַנטוויקלען מיט אַ געוואַלדיקן טעמפּ. די געסטאַפּאָ האָט געוואָלט אויסליידיקן די געטאָ פון קאַמפּספּעציקן עלעמענט און האָט דעריבער אין אויגוסט 1943 גענומען אַרויסשיקן גרויסע פּאַרטיעס יונגע מענער קיין עסטאָניע. דעם ערשטן סענטיאַבער איז די געטאָ איבערגעפאַלן געוואָרן און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ כאַפּעניש אין די הייזער און גאַסן. פיר טעג האָט געדויערט די כאַפּעניש. טויזנטער מענטשן זיינען געכאַפּט געוואָרן. דאָס איז געווען ערב ליקווידאַציע. פ.פ.אָ. האָט גערופן זיך אויסבאַהאַלטן, האָט גענומען אייליק איבערוואַרפן אין די וועלדער אַלע בעלנים צום קאַמף, אומאָפּהענגיק, צי ער איז אַ מיטגליד פון פ.פ.אָ. צי ניט. סאָניע מאַדייסקער האָט אויסגעאַרבעט אַ גאַנצע סיסטעם סיגנאַל־צייכנס. ווי אַ געוויטער איז זי געלאָפן איבערן שטאָט ווייזן די מענטשן דעם זיכערן וועג צו די זאַמל־פונקטן פונעם אָפּמאַרש.

חיים זיידעלסאָן דערציילט:

איך געדענק דעם אַכצנטן סעפּטעמבער 1943, ווען איך בין מיט אַ גרופּע אַרויס אין וואַלד. מיר האָבן מיט אַ נאָכגעמאַכטן שליסל צום טויער אויף ניקאָליי־געסל געדאַרפט אַרויסגיין אויף דער דייטשישער גאַס און פון דאָרט צום יידישן בית־עולם אויף זאַרעטשע, וואו עס איז געווען דער טרעפפּונקט פון דער גרופּע. אין לעצטן מאָמענט איז סאָניע צוגעלאָפן צו מיר און אָנגעזאָגט, אַז איך וועל טראָגן דעם קוילן־וואַרפער, וועלכער איז געווען פאַרפּאַקט אין אַ פוטליאַר פון אַ פידל. אויף יענער זייט טויער האָט שוין סאָניע צוגעגרייט אַ ליטווישן חבר, וועלכער האָט געדאַרפט באַגלייטן מיר, כדי אָפּצוהיטן דעם קוילן־וואַרפער. במשך פון אַ האַלבער שעה צייט האָט סאָניע אַרויסגעלאָזן די גרופּע פון דרייסיק מאַן.

7.

דעם דריי־און־צוואַנציקסטן סעפּטעמבער 1943 איז די געטאָ ליקווידירט געוואָרן. די לעצטע פּאַרטיזאַנישע מחנה איז אַרויס פון געטאָ דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן. דאָס איז געווען אַ פאַנטאַסטישער וועג, שווער און פול מיט איבערלעבונגען. אינמיטן שטאָט, אונטער דער נאָז פון געסטאַפּאָ, לעבן דער צענטראַלקע־טורמע, האָט זיך אויפגעהויבן אַ דעק איבער דער קאַנאַליזאַציע אין אַ קעלער, און דורך דער עפענונג האָבן זיך אַרויסגעהויבן איינע נאָך די אַנדערע די פּאַרטיזאַנער, וועלכע זיינען אָפּגעוואָרט געוואָרן, דורך סאָניע מאַדייסקער. זי האָט זיי אינסטרוקטירט און אָנגעוויזן זיי די אונטערפּונקטן און זאַמלפּונקטן. אָרגאַניזירן דאָס אַוועקגיין פון אַ הונדערט אויסגעשמירטע מענטשן, פון וועלכע עס האָט געטראָגן אַ ריח פון קאַנאַליזאַציע, איז געווען זייער אַן ערנסטע אויפגאַבע. די גאַנצע גרופּע האָט בשלום דורכגעמאַכט דעם וועג צו דער רודניצקער פּושטשע.

די געטאָ איז געווען ליקווידירט. די פּאַרטיזאַנער זענען אַוועק. סאָניע אַליין איז געבליבן אין שטאָט – האָט שטיל געדאַרפט ווערן אַרום סאָניען. געווען אַ געטאָ מיט יידן, געווען אַ פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ, אַ יוגנט אָרגאַניזאַציע וועלכן סאָניע האָט אָפּגעגעבן אַזוי פיל הארץ, אַ פאַראייניקטע פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע. אַלע טאָג זיינען אויפגעקומען נייע פראַגן, נייע דאגות, נייע פּלענער, יעדער טאָג האָט געקאָסט כוחות, נערוון, בלוט. איצט איז אַזוי שטיל אין שטאָט. די חרובע געטאָ איז פאַרהאַקט, פּאַטרולן היטן זי, עס זאָלן זיך חלילה ניט אַרויסכאַפּן פון איר קיין לעבעדיק געבליבענע. אַ בית־עולם אין מיטן שטאָט. די איינוואוינער

מיידן אויס פאַרבייצוגיין דעם ראַיאָן. עפּעס אַזאַ דראָענדיקע פוסטקייט ווייעט פון אים.

סאָניע וואוינט אין אַ ניט יידישן קוואַרטאַל. אָבער אַלע טאָג, צו עטלעכע מאָל, ווייזט זי זיך אַרום די געסלעך, וואו ס'איז געווען די געטאָ, אפשר וועט זי זיך אויף עפּעס אָנשלאָגן. אפשר דאַרף עמעץ איר הילף? די געסטאַפּאָ און די ליטווישע אַדמיניסטראַציע הויערט און לויערט. די גאַסן, די טויערן און הויפן שווימלען מיט געסטאַפּאָ־אַגענטן, וואָס זוכן געראַטעוועטע פון דער ליקווידאַציע. מען דאַרף ראַטעווען די פאַרבליבענע יוגנטלעכע און זיי איבערטראַנספּאָרטירן אין וואַלד. סאָניע טוט עס.

די אונטערערדישע דרוקעריי ווערט ניט אָפּגעשטעלט אויף אַ מינוט. סאָניע זוכט אויף אַלץ נייע און נייע פאַרשפּרייטער. זי אָרגאַניזירט אַ סיסטעמאַטישן צושטעל פון געווער צו די פאַרטיזאַנישע באַזעס. צו די קאָמוניסטן, וואָס קעמפן שוין אין די פאַרטיזאַנישע מחנות, שיקט זי בריוו: "קלערט אויף, ווער עס זיינען פאַרטיזאַנער, וועלכע זיינען זייערע אויפגאַבעס, ווי דאַרף מען קעמפן מיטן אָקופּאַנט". ניט קענענדיק סאָניען, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז די בריוו שרייבט אַ געניטער פאַרטיזאַן, וואָס האָט שוין אונטער זיך אַ גרויסע און לאַנגע דערפאַרונג. אירע בריוו גייען פון האַנט צו האַנט, און חברה לערנט זיי ממש אויף אויסווייניק.

געסטאַפּאָ דערוויסט זיך פון סאָניע מאַדייסקער, אָבער כאַפּן זי איז ניט מעגלעך. חדשים לאַנג יאָגן זיך אַרום געסטאַפּאָוצעס און אַנדערע אויסוואורפן און קאָנען ניט קומען אויף אירע שפּורן. איבער דער שטאָט באַווייזן זיך פּלאַקאַטן: פינף טויזנט רייכסמאַרק באַקומט יענער, וואָס ווייזט אָן אויף די שפּורן פון סאָניע מאַדייסקער. אָבער אויך די פּרעמיעס ברענגען קיין נוצן ניט. ערשט אין מערץ 1944 גיט זיך איין דער געסטאַפּאָ דורך אַ פּראָוואָקאַטאָר צו פאַלן אויף די שפּורן פון סאָניען. ווען סאָניע האָט זיך געפונען אויף איינע פון אירע אומלעגאַלע קוואַרטירן, אויף זאַרעטשער גאַס 3, איז דער הויף פלוצלינג באַפאַלן געוואָרן דורך עטלעכע צענדליק געסטאַפּאָוצעס. עטלעכע צענדליק גאַרגל־שניידער האָבן זיך געלאָזט אַרעסטירן איין יידיש מיידל. סאָניע באַמערקט דעם איבערפאַל דורכן פענצטער. קיין אויסוועג איז ניטאָ. קיין לעבעדיקע וועט מען זי ניט נעמען. זי פאַרהאַקט די טיר און נעמט אַרויס איר רעוואָלווער. פיר קוילן, עך, נאָר פיר קוילן אין אַנטשיידנדיקסטן קאַמף פון איר לעבן. איינע פאַר זיך! נאָר איינע פאַר זיך! מען קלאַפּט אין טיר. סאָניע שטעלט זיך איין אַ פּאָזיציע, זי זאָל קאָנען טרעפן אין די, וואָס וועלן זיך אַריינרייסן. די טיר פאַלט אונטער

די קלעפּ פון ביקסן און אַ מאַסע קערפּערס. איין שאָס, אַ צווייטער, אַ דריטער. דריי געסטאַפּאָווצעס וואַלגערן זיך אין זייער אייגן בלוט. די פּערטע קויל צילט סאָניע אין זיך – אין שלייף. אַ געסטאַפּאָוועץ טוט איר אַ כאַפּ ביי דער האַנט און די קויל זעצט דורך די באַק.

אַ צימער אין יאַקוב־שפּיטאָל. צוויי געסטאַפּאָווצעס האַלטן טאָג־און־נאַכט די וואַך ביי דער טיר. אַ געסטאַפּאָ־אויספאָרשער ביי איר בעט. סאָניען וועלן זיי ניט לאָזן שטאַרבן אַזוי גיך. סאָניען דאַרפן זיי אַ לעבעדיקע. געסטאַפּאָ דוכט זיך אויס, אַז זיי האָבן שוין אין זייערע הענט די אומלעגאַלע־אָרגאַניזאַציע פון שטאָט. זיי האָבן אָבער אַ טעות. אַ שווער פאַרוואונדעטע קאָן סאָניע אויך שווייגן. וואָכן־לאַנג אונטערן אויג פון געסטאַפּאָ־אויספאָרשער קאָן סאָניע שווייגן.

– ווינטשסט דאָס פרוויליין עטוואָס?

ניט קיין איינריידענישן און ניט קיין עינויים קשים קאָנען סאָניען צווינגען צו עפענען די ליפּן. אַ שווייגעניש נעמט דורך איר גאַנץ וועזן. זי האָט פאַרגעסן דעם קלאַנג פון איר אייגענעם קול. די גאַנצע כוחות נעמט זי צונויף, דעם גאַנצן ווילן אירן – צו שווייגן.

לוקישקער טורמע. די טורמע, וואָס סאָניע האָט געקענט פון אירע ערשטע אומלעגאַלע טריט – איר לעצטע טורמע!

בעלאַ מייזעל, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן אין שטאָט מיט אַ פּוילישן פּאַספּאָרט און איז פון לוקישקער תפיסה אָפּגעפירט געוואָרן אין קאָנצלאַגער שטוטהאָף, האָט געזען סאָניען אין לוקישקעס. פאַר די אַרעסטאַנטן אין שטוטהאָף האָט זי דערציילט:

– סאָניען האָט מען ניט געקאָנט דערקענען. איר פּנים איז געווען שוואַרץ און אויפגעלאָפן, געשוואָלן און מיט ריסן. זי האָט שוין געהאַט אינגאַנצן פאַרלאָרן די ראיה און איז געווען טויב. זי איז געזעסן תמיד מיטן פּנים צום פענצטער און – געשוויגן.

די געסטאַפּאָ האָט אָבער נאָך אַלץ געהאָפט צו צווינגען סאָניען ריידן און האָט זי געהאַלטן אין לוקישקעס ביז די רויטע אַרמיי האָט זיך דערנענטערט צו דער אויסגעמאָרדעטער שטאָט.

פאַרטאָג האָט מען זי אַרויסגערופן. סאָניע האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז איר לעצטער וועג. הויך דעם שטאָלצן בלינדן קאָפּ, איז זי געגאַנגען איר לעצטן קורצן וועג – פון קאַמער צום תפיסה־הויף. עטלעכע שאָסן האָבן אָפּגעהילכט. די אַרעסטאַנטן אין די קאַמערן האָבן אַ ציטער

געטאָן: געשטאָרבן די יונגע קעמפערין.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט די רויטע אַרמיי באַפרייט די שטאָט.

סאָניע האָט געזיגט!

סאָניעס ברודער שמעון

סאָניעס עלטערע שוועסטע צעסיע

באַלאַדע וועגן דעם ווילנער מיידל סאָניע מאַדייסקער

משה טייף

מיר ברענגען דאָס ליד אין שייכות מיטן 17 יאָרטאָג פון ליקווידירן די ווילנער געטאָ.

שטייט אויף! שטייט אויף! איך וועקט מיין ליד,
זי עפנט אייך די אויגן,
זי האָט פון אייער האַרץ צוריק
די קויל אַרויסגעצויגן.

שטייט אויף! איר לעבט! די גאַס איז פריי,
פון שפיר־הינט נישט באַלאַגערט,
איך עפן אויף די טיר פאַר אייך -
די טיר פון מיין באַלאַדע.

ווי יונג איר זייט! ווי שיין! ווי שלאַנק!
כאָטש בלייך פון יענעליידן,
יאָ, יאָ, איך בין פאַרליבט אין אייך,
אָ, חיותדיקע מיידל!

טייף משה, געבוירן אין מינסק, ווייסרוסלאַנד. געענדיקט דעם יידישן פאַקולטעט פון דעם ווייסרוסישן מלוכה אוניווערסיטעט אין מינסק. זינט 1920 געשריבן לידער און געדרוקט אין פאַרשידענע סאָוויעטישע זשורנאַלן און צייטונגען. אַרויסגעגעבן אַ ריי ביכער מיט זיין פּאָעזיע. האָט זיך אויך פאַרנומען מיט איבערזעצן פון קלאַסישע ווערק אין יידיש. זיין פרוי און קינד זיינען אומגעקומען אין מינסקער געטאָ. זיין באַלאַדע וועגן סאָניע מאַדייסקער האָט ער געדרוקט אין זשורנאַל "היימלאַנד" אין 1948.

איך הייב אייך אויף אויף מיינע הענט,
איך וויל אייך קושן, גלעטן,
יאָ, יאָ, אַזוי נאָר ליבן הייס
משוגענע פּאָעטן.

עס פלעגן שכנטעס אין הויף
מקנא זיין דער מאַמען:
געבוירן איז די שיינע מויד
צו זיין אַ רייכע דאַמע.

און לעבן אין אַ פיינעם הויז
דאָרט אין אַ שטילן געסל,
מיט פעטע העלדזלעך האָדעווען
דעם מאַן דעם באַלעבעסל.

נאָר אייך געוועזן זענען פרעמד
די ליאַלקעוואַטע פּאַוועס,
און אייער ליד האָט דורכגעקלאַפּט
די דיקע ווענט פון פּאַוויאַק.

נאָר פּריצים טאַנצן קראַקאָוויאַק,
און אָט איז דער סך־הכל:
ס׳האָט פוילן - ווי אַ קראַנקער צאָן
בלוט־טריפנדיק געוואַקלט.

ס׳קלאָגט פוילן. ס׳האָט דער האַקנקרייץ
איר האַרץ צעפּיקט, צעריסן,
היי, מיידעלע, באַהאַלט זיך וואו,
אַז נישט - מען וועט דיך שיסן.

נאָר בעט דעם ים - נישט שטורעמען,
דעם ווינט באַפעל - נישט פליען,
ניין! ניין! זי וועט נישט שווייגן, ניין!
כאָטש שטאַרבן אויף דער תליה.

...ס'איז שטיל אין שטאָט, אין הימל שוועבט,
ווי נאָך אַ לאַנגן תענית,
אַ וואָלקנדיק פאַרצאָרנטע
געל־גאַליקע לבנה.

זי קוקט פון געדימינער באַרג
און אויף דעם געטאָ לויערט,
נאָר וועמעס שאָטן שלייכט פאַרביי,
ווער שאַרט זיך לעם אַ טויער?

ווער גייט אויף ווילנער גאַסן, ווער
אַ טרוימעריש פאַרבענקטע?
אַ שטילע און גאָטספאָרכטיקע,
אַ פוילישע פאַניענקע...

אַ צלם־קייטל אויפן האַלדז
און אויף דער ברוסט אַ בראָשקע,
ווי יונג איר זייט! ווי שיין! ווי שלאַנק!
אָ, קאַטאַזשינאַ ראָמאַנאָווסקע!

די שפּיר־הינט לויפן אייך פאַרביי
(ווער ווייסט, אַז נאָך פון שולבאַנק
געדענקט איר פרצעס אַ זאַץ,
אַ ליד פון משה קולבאַק...)

ווער ווייסט, אַז די, וואָס קניט פאַרנאַכט
ביי קלויסטערס, פאַר די געטער,
וועט באַלד אַ פּיסטאָלעט אין ברויט
אַריינשמוגלען אין געטאָ.

און ווייזט דעם וועג אַהין, אַהין,
דעם זיכערן, באַקאַנטן
דאָרט, וואו מען גרייט שוין דאָס געווער –
אַ טויט די אָקופּאַנטן!

אָ, קאַטאַזשינאַ, קאַטאַזשינאַ,
היט זיך קאַטאַזשינאַ!
מען וועט אייך פּאַקן סוף־כל־סוף,
מען וועט אייך וואו געפינען,

נאָר איר די עקשנטע, די גיפט,
דעם קאָפּ - נישט איינגעבויגן!
איר גייט אַרויס אַנטקעגן טויט
און קוקט אים אין די אויגן.

און אפשר שלאָגט אין אייך דאָס האַרץ
פון יענע ווייטע טרוימער,
וואָס האָבן זיך מיט מעסער בלויז
געוואָרפן אויף די רוימער...

...מען קלאַפּט צו אייך! מען רייסט די טיר...
דער הויף - אַרומגערינגלט.
דער הייסער פינגער טוט אַ קוועטש
אויף דעם רעוואָלווער־צינגל.

און איינער פאַלט. אַ צווייטער פאַלט.
נאָר איר זייט איינע...
און אַט: דאָרט אויפן תפיסה־הויף
איר ליגט - אַ הייפל ביינער.

ניין! ניין! איר לעבט! איך וועקט מיין ליד!
זי עפנט אייך די אויגן,
זי האָט פון אייער האַרץ צוריק
די קויל אַרויסגעצויגן.

שטייט אויף! איך זינג אויף אייער גאַס!
דער הויף איז נישט באַלאַגערט,
איך עפן אויף מיין האַרץ פאַר אייך -
די טיר פון מיין באַלאַדע.

סאָניע מאַדייסקער

ש. קאַטשערגינסקי

סאָניע מאַדייסקער – געבאָרן אין ווילנע, 1917. קאָמוניסטקע. געזעסן 6 יאָר אין די פּוילישע תּפיסות. אין ווילנער געטאָ פון די גרינדער פון פ.פ.אָ. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ליטע אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע.

סאָניע איז געווען פון די לויטערסטע אידעאַליסטן קעמפער, ניט נאָר וואָס ווילנע האָט אַרויסגעגעבן און ניט נאָר פון דער אָקופּאַציע־צייט. איבערגעבן מיט דער גאַנצער נשמה דעם קאַמף פאַר דער פרייהייט, האָבן די דייטשן אין איר נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם אינערלעכן ווילן צום געפערלעכן קאַמף קעגן פאַשיזם. סאָניע איז זייער אָפט געגאַנגען אין שטאָט אויף אַרישע פּאַפּירן אויף זיצונגען פון דער פּאַרטיי, אויף פאַרבינדונגען מיט פּאַרטיזאַנישע שליחים, אויף צו געבן און באַקומען אינסטרוקציעס.

סאָניעס פאָרשלאָגן אויף די זיצונגען פון שטאַב זיינען שטענדיק געווען דורכגעטראַכטע, אַזוי קלוג, דייטלעך און קלאָר, אַז זיי זיינען ניט אונטערלעגן קיין שום דיסוקסיע.

אין 1942 באַשליסט דער פ.פ.אָ.־שטאַב צו שיקן 2 קעמפער אין מאָסקווע, כדי צו באַקומען אינסטרוקציעס פאַר פּאַרטיזאַנישער טעטיקייט אין ליטע און דורך מאָסקווע באַקאַנט מאַכן דער וועלט וועגן די

קאַטשערגינסקי שמריהו (1954 – 1908). באַוואוסט אַלס שמערקע. געשריבן לידער. אין ווילנער געטאָ אַ מיטגליד פון פ.פ.אָ.. אַ פּאַרטיזאַן אין די רודניצקער פּושטשע. נאָך דער מלחמה זיך אומגעקערט אין ווילנע. מיטגעאַרבעט אין ווילנער מוזיי. אַוועק קיין פּוילן. זיך באַזעצט אין אַרגענטינע. אומגעקומען אין אַן עראָפּלאַן קאַטאַסטראָפע. אַרויסגעגעבן ביכער: „ווילנער געטאָ", אייניקע פון פּאַרטיזאַנער לעבן און זאַמלונגען פון לידער אין די געטאָס און אַנדערע.

* פון בוך „חורבן ווילנע"

שווידערלעכע שחיטות, וואָס די דייטשן באַגייען לגבי דער יידישער באַפעלקערונג.

דער פּלאַן פון אַזאַ אויפגאַבע איז געווען אַזאַ פאַנטאַסטישער, אַז אפילו אָננעמען אַזאַ באַשלוס איז שוין אויך געווען פאַנטאַזיע.

...און די צוויי שליחים זיינען געווען סאָניע מאַדייסקער און די חברה פון „שומר הצעיר", צעסיע. אָנגעטאָן ווי יונגע פויערטעס, מיט אַרישע פּאַפּירן, זיינען די מיידלעך אַרויס פון ווילנער געטאָ. דורכרייסן דעם פראָנט און דערגיין צו מאָסקווע. הונדערטער קילאָמעטער זיינען די מיידלעך דורכגעגאַנגען. געפאָרן אויף אַלע וועגן. זיי גייען און גייען. אין וויעליקיע לוקי איז געווען דאַן אַ גרויסע קאָנצענטראַציע פון מיליטער און פעלדער זשאַנדאַרמעריע, וועלכע האָבן מיט טויזנטער אויגן נאָכגעשפּירט די באַוועגונג פון דער ציווילער באַפעלקערונג. אויך די ביידע מיידלעך זיינען דאָרט באַמערקט און אַרעסטירט געוואָרן. ס'האָט ניט געהאָלפן דער כסדרדיקער פאָרשן פון דער זשאַנדאַרמעריע, די קרייץ־פאַרהערן. די מיידלעך האָבן כסדר געטענהט אַז זיי גייען צו זייערע ברידער, וועלכע זיינען פאַרשלעפּט געוואָרן דורך באָלשעוויקעס.

מען האָט זיי געשלעפּט פון איין שטאָט אין אַ צווייטער און נאָר אַ דאַנק זייער פעסטער שטעלונג זיינען זיי באַפרייט געוואָרן נאָנט פון ווילנע, וואו זיי האָבן זיך צוריקגעקערט.

סאָניע העלפט אָרגאַניזירן די יוגנט און עלטערע אין געטאָ און העלפט אַרויסגיין פּאַרטיזאַנישע גרופּעס פון ווילנער געטאָ אין די וועלדער, וואו זי באַזאָרגט שוין אויסערן שטאָט אויך אָפּשטעל־פּונקטן פאַר זיי.

נאָך דער ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ בלייבט סאָניע אין שטאָט אויף אומלעגאַלער אַרבעט. זי ווערט מיטגליד פון שטאָט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, פאַרבינדערין פון שטאָט און די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד.

הונדערטער יידן שיקט סאָניע אַרויס פון די ווילנער אַרבעטס־לאַגערן „קיילים" און ה.ק.פּ. גרופּעסווייז אין פּאַרטיזאַנקע. סאָניע איז דער הויפּט נערוו, דער דעצידירנדיקער פאַקטאָר פון דער אַנטי־היטלעריסטישער באַוועגונג אין ווילנע און אין דער פּראָווינץ, אַרום וועלכער עס גרופּירן זיך יידן, פּאָליאַקן, ליטווינער און רוסן.

סאָניע ווערט געזוכט דורך דער געסטאַפּאָ און אין מאַי, 1944, ווערט די קעלער־שטוב אויף דער זאַרעטשע גאַס, וואו זי מיט איר חבר יוליאַן יאַנקאָווסקי געפינען זיך, אַרומגערינגלט דורך אַ פּאָליצייאישער

אָפּטיילונג. יאַנקאָווסקי האַלט צו זיי אַ רעדע אין ליטוויש און רופט די פּאָליציי גיין אין פּאַרטיזאַנקע און אויסקויפן אין קאַמף קעגן די דייטשן זייער שולד לגבי זייער פֿאָלק. נאָך אַ לענגערן ווערטער־קאַמף הויבט אָן די פּאָליציי אַ שיסערײַ דורך די פֿענצטער אין קעלער אַרײַן. די העלדן ענטפֿערן צוריק. מיט דער לעצטער קויל שיסט זיך סאָניע אַרײַן אין האַלדז, אָבער דער טויט קומט ניט. ביידן נעמט די פּאָליציי אין געסטאַפּאָ. סאָניע ווערט אַוועקגעפֿירט אין שפּיטאָל, וואו זי ווערט אויסגעהיילט און דערנאָך ווערט זי אַריבערגעפֿירט אין די קאַמערן פֿון געסטאַפּאָ. סאָניע ווערט דאָרט שוידערלעך געפּייניקט, אָבער קיין וואָרט באַקומט מען פֿון איר ניט אַרויס. מען האָט איר צום סוף אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַן אַלגעמיינעם קאַמער. דאָרט האָט זי אויסגעטאָן פֿון זיך די שטיוול, דעם פֿעלצל, די וואַרימע זאַכן און אָפּגעגעבן די אַרעסטירטע. „סײַ־ווי־סײַ וועל איך שוין די פֿרײַ ניט זען, — האָט זי זיך אָפּגערופֿן — אפֿשר וועט איר אַרויסגיין. וואָס דאַרפֿט איר לײַדן״. סאָניע איז העלדיש אומגעקומען אַ חודש פֿאַרן אַרײַנגיין אין ווילנע פֿון דער רויטער אַרמיי. אין די געסטאַפּאָ־קעלערן איז אויך געפֿונען געוואָרן סאָניעס אַרישער דאָקומענט.



אַ בלעטל פֿון פֿאַלשן אַרישן פּאַס א״נ קאַטאַזשינאַ ראָמאַנאָווסקאַ

דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אין פּאַרטיזאַנקע

דעם 23־טן סעפּטעמבער 1943 איז פאָרגעקומען די ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ.

שוין מיט אַ פּאָר וואָכן פריער האָבן מיר זיך געגרייט צו דעם מאָמענט, אָבער ביי אַלעמען פון פ.פּ.אָ. איז שוין געווען די איבערצייגונג, אַז קיין עפעקטפולן ווידערשטאַנד וועט מען ניט קענען שטעלן, אָבער דאָך האָט מען זיך געגרייט ניט צו גיין אויף פּאָנאַר אָדער ערגעץ אַנדערש־וואו, ד.ה. מען איז געווען גרייט זיך צו פאַרטיידיקן וויפל עס וועט זיך לאָזן און שפּעטער אומקומען. די מיטגלידער פון פ.פּ.אָ. האָבן זיך כסדר געפונען אין לייען־זאַל, אויף סטראַשון גאַס 6. דעם 22טן פאַרטאָג אַזייגער 4, האָט מען פאַרשפּרייט אין געטאָ די ידיעה, אַז די געטאָ ווערט ליקווידירט. אַלע פּ.פּ.אָ. מיטגלידער האָבן זיך גלייך צונויפגעזאַמלט אויף סטראַשון גאַס 6. פון וואַנען די ידיעה האָט זיך גענומען האָט קיינער ניט געוואוסט. עס האָבן זיך נאָך געפונען אַפילו אַזוינע אָפּטימיסטן, וועלכע האָבן מיט פאַקטן און באַווייזן געוואָלט אָפּלייקענען דעם פאַרשפּרייטן קלאַנג; ווייל ריכטיק איז, אַז מיט אַ טאָג פריער האָט מען נאָך געבראַכט אין די שניידעריי וואַרשטאַטן דייטשע זאַכן צו פאַרריכטן און אויפנייען. נאָר קענטיק, געשטאַפּאָ איז עס ניט געווען וויכטיק, ווייל שוין פרייטיק איז געווען דער געשטאַפּאָ פירער קיטעל אין געטאָ און האָט געמאָלדן, אַז מען ליקווידירט די געטאָ. מען פירט די יידן אין ווייוואַרע אויף אַרבעט; מען זאָל זיך איינפּאַקן און פאָרן. גלייך איז די לאַגע פאַר אַלעמען קלאָר געוואָרן: מען גייט פאַרענדיקן מיט די ביסל יידן וואָס זיינען געבליבן פון דעם גרויסן ווילנער יידישן קיבוץ. די אַלע וואָס האָבן געהאַט צוגעגרייט ״מאַלינעס״ האָבן זיך גענומען גרייטן אַראָפּגיין אַהין. די וואָס האָבן ניט געהאַט (דער גרעסטער טייל), זיינען אַרומגעלאָפן, ניט ווסנדיק וואָס צו טאָן. די פּאָליציי, אויף קיטעלס באַפעל, אויך שוין אין גאַנצן צעטומלט, האָט זיך געגרייט צום לעצטן אַקט. די

*געדרוקט אין שמערקע קאַטשערגינסקיס בוך ״חורבן ווילנע״

געטאָ איז געבליבן אָן אַ מאַכט, ווייל גלייך נאָך גענס - דעם געטאָ עלטסטנס טויט און דעסלערס - דער פּאָליציי שעף אין געטאָ - אַנטלויפן, איז די געטאָ מאַכט געווען שוואַך. דער עולם, כאָטש זייענדיק איבערצייגט, אַז מען פירט אויף טויט, האָט דאָך זיך גענומען אויסליידיקן די קראָמען. אַלץ וואָס עס האָט זיך נאָר געמאַכט אונטער דער האַנט האָט מען געכאַפּט - אַפילו זייף־פּראַשעק.

אין שטאַב פון פ.פּ.א. איז דאַן אַנטשטאַנען די פראַגע: וואָס טוט מען איצטער? ס'זיינען שוין געווען אַרויסגעשיקט גרופּן פון געטאָ אין וואַלד פריער. געבליבן איז שוין אַ קליינער טייל. דעם 22טן ביינאַכט איז פאָרגעקומען די לעצטע זיצונג פון שטאַב פון פ.פּ.א. אויף וועלכער עס איז געפאַלן דער באַשלוס פאַר יעדן פרייז זיך אַרויסבאַקומען פון געטאָ. ביי דער געשאַפענער לאַגע איז אַנטשטאַנען די פראַגע: ווי אַזוי באַקומט מען זיך אַרויס פון געטאָ?

דורך אַ מאַלינע האָט מען גלייך פאַרטאָג אַרויסגעשיקט אַ מענטשן אין שטאָט, זיך פאַרבינדן מיטן שטאָטישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, ער זאָל געבן וועלכע ניט איז אינסטרוקציעס. אין שטאָט איז דאַן געווען סאָניע מאַדייסקער, וועלכע האָט געדאַרפט מיט דער הילף פון שטאָט־קאָמיטעט צוגרייטן אַ פּלאַן פאַר אונדזער אָרגאַניזאַציע, ווי אַרויסצוגיין פון געטאָ. נאָכן אָפּוואַרטן אַ פּאָר שעה און קיינער איז פון שטאָט ניט געקומען, האָט מען אָנגעהויבן זוכן אַן אַנדער פּלאַן. שוין פון לאַנג האָט מען גערעדט וועגן דער מעגלעכקייט אַרויסצוגיין דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן. דער שטאַב, ניט זעענדיק קיין אַנדער אויסוועג, ווייל די געטאָ איז שוין געווען אַרומגעשטעלט דורך ליטווישע פּאָליציי און געסטאַפּאָ, האָט באַשלאָסן דעם פּלאַן דורכצופירן. מען האָט אַלעמען צונויפגערופן און געמאָלדן וועגן דעם. אַ קליינער טייל, צוליבן ניט וועלן פאַרלאָזן די משפחות אין לעצטן מאָמענט (כאָטש קלאָר איז געווען פאַר אַלעמען דער גורל) האָבן זיך אָנטזאָגט מיטצוגיין. גלייך האָט מען אַרויפגעבראַכט די גאַנצע געווער וואָס איז געווען, פאַרטיילט צווישן די מיטגלידער און מען האָט איינגעטיילט צו דרייקעס, וועלכע מען האָט אָפּגעשיקט דורך פאַרשיידענע וועגן אין די שלאָסעריי־וואַרשטאַטן אויף רודניצקער 1, אין די וואַרשטאַטן פון אינזש' ספּאָקאָיני. דאָרט איז געווען צוגעגרייט דורך אַ גרופּע אינזשינערן (פאַר זיך, פאַרשטייט זיך) אַ ספּעציעלער אַראָפּגאַנג אין דער אונטערערד צו דער קאַנאַליזאַציע.

די צייט איז געגאַנגען לאַנגזאַם. מען האָט געוואַרט אויפן שטאַב -

אויפֿן לעצטן באַפֿעל זיך אַראָפּצולאָזן. אַזייגער 12 איז געקומען דער קאָמענדאַנט אורי (אַבע קאָוונער) און דאַן האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַראָפּלאָזן זיך אין דער אונטערערד פֿון געטאָ. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ געשריי פֿון דער פּאָליציי, אַז מען זאָל זיך שוין קלייבן – די אַקציע הייבט זיך אָן. די געשרייען זיינען באַגלייט געוואָרן פֿן אַ שיסעריי. געסטאַפּאָ און ליטווישע פּאָליציי איז דאַן אַריינגעדרונגען אין געטאָ. עס איז געווען די העכסטע צייט צו פֿאַרלאָזן די געטאָ.

אין אַ פֿינצטערן צימערל האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ ברעט און מען האָט איינציקווייז, לויט די גרופּן, אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן די מענטשן. די ערשטע זיינען געגאַנגען די קאַנאַליזאַציע־קענער שמואל קאַפּלינסקי און מאַטעס לעווין וואָס האָבן געוואוסט דעם וועג צום אַרויסגאַנג אויף אינגאַטאָווסקע גאַס. דורך דער עפֿענונג האָט מען זיך אַראָפּגעלאָזן אין רערן וואָס האָבן געהאַט אַנדערהאַלבן מעטער די הויך. די שמוציקע וואַסער פֿון דער קאַנאַליזאַציע האָט שוין קיינעם ניט שאַקירט. מיר איז אויסגעקומען צו גיין אין מיטן פֿון דער קאָלומנע. געגאַנגען איז מען זייער פּאַמעלעך. פֿון די ברייטע רערן איז מען שפּעטער אַרויסגעגאַנגען אין שמעלערע, איין מעטער די הויך. די וואַסער איז געוואָרן העכער. איך האָב מיט זיך געטראָגן אַ קאָלבע פֿון אַ ביקס, וועלכע איז געווען זייער לאַנג, דאָס האָט מיר געשטערט צו גיין. כל זמן מען איז געגאַנגען מיטן שטראָם, בין איך געגאַנגען נאָך אַנדערע. ס'איז געווען שווער צו גיין, קרעכצן האָט מען אויך ניט געטאָרט. אינמיטן וועג איז מיר געוואָרן זייער שלעכט, אַזוי אַז איך האָב געמוזט אַוועקגעבן די קאָלבע, וואָס איך האָב מיט זיך געהאַט, אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך די קורטקע, דעם שאַליק און דאַן גיין ווייטער. ביי מיר איז געווען אַ דורכגעשאָסענע האַנט, אינגאַנצן אַ רויע וואונד, ניט געקוקט אויף דעם בין איך געגאַנגען, שלעפּנדיק זיך אויף אַלע פֿיר. וויפֿל שעה מיר זיינען אַזוי געגאַנגען ווייס איך ניט. וואָס ווייטער איז דער וועג געוואָרן שווערער, די שעהען האָבן זיך געצויגן לאַנג. וואו ניט וואו בלויז האָט זיך געזען אַן עפֿענונג – אַן אַרויסגאַנג אויף שטאָט. בלויז דאָרט האָט מען געקענט אויף אַ מינוט עטוואָס לייכטער אָפּאָטעמען. ווי גרויס ס'איז געוואָרן אונדזער אַנטוישונג, ווען נאָך אַ פּאָר שעה גיין האָט מען אונדז איבערגעגעבן, אַז מיר האָבן פֿאַרבלאָנדזשעט און נאָך אַ פּאָר מינוט אַרבעט פֿון אונדזערע "פּראָוואָדניקעס", האָט זיך איינגעגעבן אָפּצוגעפֿינען דעם וועג. מיר האָבן אָנגעהויבן גיין צוריק. דער וועג איז געוואָרן נאָך שווערער, ווייל מען האָט געדאַרפֿט גיין קעגן שטראָם פֿון די קאַנאַליזאַציע־וואַסער און איך האָב זיך קוים געהאַלטן. חברים האָבן געהאַט ביי זיך

צוקערקעס, האָט מען מיר געגעבן אין מויל. מען האָט מיר געשלעפּט פּאָר אַ האַנט און ביי אַ געוויסן קרייץ־וועג האָב איך געחלשט. איך בין געבליבן עטלעכע מינוט אין אומבאַוואוסטזיין. ס'איז געפאַלן דער באַפעל איך זאָל בלייבן און מען וועט מיר שפּעטער קומען נעמען. איך בין געבליבן. קאַלט איז געווען. רחל מיין פרוי איז געבליבן מיט מיר. איך בין געווען אינגאַנצן נאַס. איך האָב געפונען אַן אָרט וואו זיך צו זעצן. ווי גרויס איז געווען מיין איבעררעשונג, אַז איך האָב געפונען אונטער זיך אַ טאָרבע אין וועלכער ס'איז געלעגן אַ העמד מיט אַ סוועטער. ניט ווייסנדיק וועמענס דאָס איז האָב איך אויסגעטאָן מיין העמד – אַוועקגעוואָרפן און אָנגעטאָן די ריינע העמד און סוועטער. וויפל איך בין אַזוי געזעסן איז שווער צו זאָגן. עס האָט זיך געזען, אַז אויפן גאַס איז פינצטער. אַרום, אין דעם זעלבן אָרט, זיינען געלעגן נאָך יידן מיט קינדער, נידערגעשלאָגענע און רעזיגנירטע. איך האָב זיך דורכגערעדט מיט זיי. קיין אויסוועג האָבן זיי ניט געהאַט. נאָך אַ לאַנגן זיצן איז פאַרט געקומען אַ שליח, אַ קענער פון די קאַנאַליזאַציע־רערן, מיך ספּעציעל נעמען. געווען איז עס מתתיהו לעווין, אַ פּאַרטיזאַנער וועלכער איז שפּעטער אומגעקומען אין וואַלד אין קאַמף. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, זיינען די זאַכן וואָס איך האָב געפונען אויך געווען זיינע ער האָט אונדז אָנגעהייבן פירן, געגאַנגען פאַמעלעך, ביז מיר זיינען צוגעגאַנגען צו אַן אַרויסגאַנג. צימערן אונטערערדישע האָבן זיך געצויגן עטלעכע און ווי גרויס איז געווען מיין פרייד, אַז איך האָב סוף כל סוף דערזען דעם שטאַב און אַלע חברים. מען האָט זיך געגרייט אַרויסצוגיין אין שטאָט, אין אַ פּונקט אויף סובאַטש, וואו אויף אונדז האָט שוין געדאַרפט וואַרטן די חברטע זעלדע. מען האָט זיך צעטיילט אין גרופּן. צו צוויי, דריי און דורך די הויפּט־גאַסן זיינען מיר אַוועק אויפן אָפּגערעדטן פּונקט. אַ צווייטע טייל האָט מען אָפּגעשיקט אין "קייליס". געגאַנגען זיינען פאַראויס די חברה און פון הינטן – דער שטאַב. קומענדיק שוין אויף סובאַטש, הינטערן שטאָט, האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף אַ שיכורן פויער, וועלכער איז אַרויס צוליבן בילן פון אַ הונט אין זיינע אונטערוועש. מען האָט אים עפּעס פאַרדרייט דעם קאָפּ, געגעבן אַ פּאָר הונדערט רובל ער זאָל ווייזן דעם וועג און אַזוי האָט מען זיך אָפּגעטשעפּעט פון אים. שפּעטער האָבן מיר זיך געטראָפן מיט זעלדען און זי האָט אונדז אָפּגעפירט ערגעץ אין אַ קעלער פון אַ פּאַלאַצל אין אַ מאַיאָנטעק. ווי גרויס איז געווען אונדזער צער, ווען מיר האָבן זיך געכאַפּט, אַז צווישן אונדז פעלט יאַנקל קאַפּלאַן, כוואיניק, הירשקע וויטנבערג און נאָך אַנדערע. די השערה איז געווען, אַז זיי זיינען אַריינגעפאַלן. ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן,

איז אונדזער השערה געווען אַ ריכטיקע. יאַנקל קאַפּלאַנען מיט כוואָיניקן און נאָך צוויי האָט מען געכאַפּט. זיי האָבן געפּרוּווט זיך אַנטקעגנשטעלן, שיסן. מען האָט זיי אויפגעהאַנגען אויפן פּלאַץ אויף סובאַטש.

אין קעלער אויף סובאַטש זיינען מיר געלעגן דריי טעג. שפּעטער האָבן מיר זיך פאַרבונדן מיטן שטאַטישן קאָמיטעט פון דער אַנטי פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע ס'איז געקומען סאָניע און וואַנקע און דעם 27טן סעפּטעמבער זיינען מיר אַרויס אין רודניצקער פּושטשע.

* * *

צו דער אַרבעט וואָס איך האָב געשריבן אין 1947 און עס איבערגעגעבן שמערקע קאַטשערגינסקי וויל איך צוגעבן אייניקע וויכטיקע פּרטים, וועלכע איך האָב זיך איצט דערמאָנט.

פּרט 1. ווען מיר זיינען אַרויס פון די קאַנאַליזאַציע רערן אין דער חרובער הויז אויף סוועטאַיאַנסקע איז אויסער אונדזערע פ.פ.אָ. מיידלעך וויטקע און זעלדע אויך געווען דאָרט סאָניע מיט צוויי מענער פון דעם שטאָטישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט איבערגעטאָן אין מונדירן פון דער ליטווישער געסטאַפּאָ. סאָניע האָט מיר דערזען האָט זי זיך זייער דערפרייט. איך האָב זיך געטרייסלט פון קעלט. האָט יאַנקל קאַפּלאַן אויסגעטאָן פון זיך דעם מאַנטל און געהייסן מיר אים אָנטאָן. שפּעטער האָט אַבע קאָוונער מיט סאָניען און מיט וויטקע און זעלדע אונדז אַרויסגעלאָזן צו דריי אין אַן אָפּשטאַנד און געזאָגט דעם וועג אויף סובאַטש, וואו מיר האָבן זיך אַלע אויפגעקליבן און איבערגעוואַרט עטלעכע טעג ביז מיר זיינען אַוועק אין רודניצקער פּושטשע צו די פּאַרטיזאַנער.

פּרט 2. צווישן די וואָס האָבן געפעלט נאָכדעם ווי מיר זיינען אַרויס פון די קאַנאַליזאַציע רערן און אָנגעקומען אויף סובאַטש איז אויסער די דערמאָנטע נעמען יאַנקל קאַפּלאַן און אברהם כוואָיניק אויך געווען די יונגע טיכטיקע פ.פ.אָ. מיטגליד אַסיע ביג. איר האָט מען אויפגעהאַנגען צוזאַמען מיט כוואָיניקן און קאַפּלאַנען. ווי עדות דערציילן איז ווען די שטריק איז שוין געווען אויף אַסיעס האַלדז האָט זי מיט די לעצטע כוחות נאָך געהאַט דעם מוט אויסצורופן: „טויט די דייטשע מערדער, זאָל לעבן די יידישע נקמה־נעמער פון יידישן פאָלק”.

פּרט 3. פאַרן אַרויסגיין אין פּאַרטיזאַנקע, אין קעלער וואו מיר האָבן איבערגעוואַרט אויף סובאַטש בין איך געלעגן אינגאַנצן אַ צעטרייסלטער, פון גיין אין די קאַנאַליזאַציע רערן זענען מיינע קני געווען אויסגעריבן ביז

די ביינער. די האַנט האָב איך זיך אַליין דורכגעשאָסן ביי אַן אומגליק פּאַל. ווען איך בין אַראָפּ אין דער קאַנאַליזאַציע איז די האַנט געווען פאַרבאַנדאזשירט, אָבער דער שמוץ אין די קאַנאַליזאַציע רערן איז געפלאָסן מיט אַ גראויסער שנעלקייט און אַראָפּגעריסן דעם באַנדאַזש פון מיין האַנט. דער וואָונד אויף מיין האַנט איז נאָכן אַרויסגיין געווען אינגאַנצן רויט – עס האָט זיך געשאַפן אַן אָנצינדונג.

אויסער דעם בין איך ביים אַריינגיין אין דער קאַנאַליזאַציע געווען נאָך אַ שווערער לונגען קראַנקהייט אין געטאָ. זיצנדיק אין קעלער די פּאָר טעג אויף סובאָטש האָב איך געהאַט שטאַרקע ווייטאָגן אין די פיס און אין האַנט. אויסער וואָס פונקט ווי אַלע בין איך געווען שרעקלעך שמוציק פון די קאַנאַליזאַציע רערן. ווען סאָניע איז געקומען דעם לעצטן מאָל האָב איך געזען ווי זי מיט אַבען קוקן אויף מיר און שמועסן וועגן מיר. נאָך אַ ווײַלע איז צוגעגאַנגען צו מיר אַבע און געזאָגט: "איך מיט סאָניען ווילן דיר מיט רחלען איבערלאָזן אין שטאָט ביז דו וועסט זיך אויסהיילן און וועסט קומען צו דיינע כוחות. סאָניע וועט אייך באַזאָרגן מיט אַ זיכערן אָרט. שפּעטער ווען דו וועסט זיך אויסהיילן און קומען צו דיינע כוחות, וועט סאָניע דיר מיט רחלען איבערשיקן צו אונדז אין וואַלד". איך האָב אים אויסגעהערט. איך האָב געזען ווי סאָניע וואַרט מיט אומגעדולד אויף מיין ענטפער. „איך האָב געפרעגט אַבען צי עס איז אַ באַפעל - דאַן האָב איך ניט וואָס צו זאָגן אָבער אויב עס איז בלויז אַ פאָרשלאָג פון אים און סאָניען דאַן איז מיין באַשלוס, אַז איך וועל גיין גלייך אין וואַלד צוזאַמען מיט אַלע וואָס זיינען אַרויס פון דער קאַנאַליזאַציע". ער האָט מיר געענטפערט אַז „עס איז בלויז אַ פאָרשלאָג". און איך בין אַוועק אין דער רודניצקער פּושטשע צוזאַמען מיט אַלעמען, מיט שרעקלעכע ווייטאָגן אין די קני און אין האַנט. סאָניע איז דאַן צו צו מיר און געזאָגט: "שלמה, ביסט דרייסט און האַלט זיך. זי האָט נאָך אָפּגערופן רחלען אַן אַ זייט און איר געהייסן גוט אַכטונג צו געבן אויף מיר. דאָס איז געווען מיין לעצטער געשפּרעך מיט סאָניען. אין וואַלד האָב איך געטראָפן דעם יונגן דאָקטער סאַלקע גאַרפינקעל וועלכער האָט זיך גענומען צו מיינע פיס און הענט. מיט באַשרענקטע מעדיצינישע הילף מיטלען האָט ער אין אַ פאַרהעלטניסמעסיק קורצער צייט מיר אויסגעהיילט און איך בין אַריין אין די רייען פון די קעמפנדע פּאַרטיזאַנער. סאַלקע גאַרפינקעל, איז אומגעקומען אין ישראל אין 1948 אין די ערשטע קאַמפן מיט די אַראַבער.

אָנגעשריבן – שלמה קאָוואַרסקי, ווילנע, 15טן אויגוסט, 1944.

צום אָנדענק פון סאָניע מאַדייסקער

(20 יאָר נאָך איר טראַגישן טויט)

י. גוטקאָוויטש

סאָניע מאַדייסקער געהערט בלי ספק צו די שענסטע געשטאַלטן, וואָס די ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין ווילנער געטאָ האָט אַרויסגעגעבן. זי פאַרנעמט אַן אָרט ביי דער זייט פון דער העלדישער און גלייכצייטיק טראַגישסטער פיגור, וואָס איז אונדז באַקאַנט פון אַלע געטאָס - פון איציק וויטענבערג.

סאָניע איז אומגעקומען אין יולי 1944 יאָר, האַרט פאַר דער באַפרייאונג פון ווילנע דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי. די געטאָ איז געלעגן אין חורבות. די יידן זענען אַוועק אויף פּאָנאַר אָדער אַרויסגעפירט געוואָרן אין די טויט־לאַגערן פון לעטלאַנד און עסטלאַנד. בלויז געציילטע אין אַ קליינעם טייל פון דער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע האָט זיך איינגעגעבן דורכרייסן די קייט פון די הענקער און דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן זיך דערשלאָגן צו די פּאַרטיזאַנער־מחנות אין די ליטווישע און ווייסרוסישע וועלדער. סאָניע, וועלכע האָט זיי אין דעם געהאָלפן, היות דורך איר זענען געגאַנגען די פאַרבינדונגען מיטן "וואַלד", איז פאַרבליבן אין שטאָט, אויף דער "אַרישער זייט", פאָרזעצן איר אַרבעט אין די רייען פון דער ווילנער אָרגאַניזאַציע פון דער אומלעגאַלער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע. די געסטאַפּאָ האָט געוואוסט וועגן סאָניען (קיין מוסרים האָבן אין יענע צייטן נישט געפעלט), האָט זי אָבער קיינמאָל נישט געקאָנט כאַפּן. צו הילף איז

גוטקאָוויטש יאַנקל – (1909 – 1982). געבוירן אין ווילנע. אין צייט פון צווייטן וועלט קריג געדינט אין דער רויטער אַרמיי. צוריק אין ווילנע – געוועזן פאַרוואַלטער פון יידישן מלוכה מוזיי, וועלכן די סאָוועטישע מאַכט האָט פאַרמאַכט נאָך פיר יאָר עקזיסטענץ. פון 1969 געלעבט אין ניו־יאָרק. געשריבן וועגן יידישע קולטור פּראָבלעמען און יידישע שרייבער אין צייטונגען און זשורנאַלן אין פוילן און אין אַמעריקע. אָנגעשריבן אַ בוך „אויף אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר".

איר געקומען איר גרויסער איינגעבוירענער טאַלאַנט "צו שפּילן" (סאָניע האָט פאַרמאָגט נישט דורכשניטלעכע דראַמאַטישע פעאיקייטן) און נישט אין אַ קלענערער מאָס איר לאַנגיאָריקע דערפאַרונג פון אונטערערדישער אַרבעט אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ווייל כאָטש סאָניע איז דעמאָלט געווען אין די מיטעלע צוואַנציקער, האָט זי שוין געהאַט הינטער זיך אַ היפּשע געשיכטע פון אומלעגאַלער אַרבעט און יאָרן תּפיסה.

סאָניע איז נישט געווען די איינציקע רעוואָלוציאָנערין אין דער משפּחה. די עלטערע, די וואונדערשיינע צעסיע, איז שוין לאַנג אַוועק אויף דעם וועג. זי האָט אויסגעמיטן די ווילנער געטאָ, אָבער אַריינגעפאַלן אין מינסקער. צעסיע איז דאָרטן צוזאַמען מיט איר יאָריק קינד אומגעקומען בעת איינער פון די "כאַפּעניש" אין געטאָ.

אין 1930 יאָר איז סאָניע צום ערשטן מאָל אַרעסטירט געוואָרן. זי איז נאָך דאַן קיין פולע 16 יאָר נישט אַלט געווען. ווי אַ מינדעריעריקע ווערט זי באַפרייט, כדי שפּעטער, אין זעלביקן דרייסיקסטן יאָר, ווידער אַרעסטירט צו ווערן. און אַזוי קייטלט זיך עס: פון תּפיסה אויף דער פריי און צוריק אין תּפיסה. אין 1935 ווערט זי צוזאַמען מיט אַנדערע אַרויסגעגעבן אין די הענט פון דער פּוילישער דעפענסיווע דורך אַ פּראָוואָקאַטאָר און איז פאַרמשפּט געוואָרן צו זעקס יאָר שווערער תּפיסה. אויפן פּראָצעס טרעט דער פּראָוואָקאַטאָר סטרעלטשוק אויף ווי אַן עדות מצד דער באַשולדיקונג. ער האָט זיך שוין מער נישט געדאַרפט מאַסקירן. ער האָט שוין זיינס געהאַט אָפּגעטאָן. הונדערטער און הונדערטער זענען געפאַלן קרבנות פון זיינע פּראָוואָקאַציעס. אויפן פּראָצעס, בעתן אָפּגעבן זיינע דערקלערונגען, האָט אין אים געשאָסן סאָניעס חבר פון דער אומלעגאַלער אַרבעט, דער ווייסרוסישער פויערים־זון סערגיי פּריטיצקי. סאָניע פאַרגעסט אין איר אייגענער פאַרטיידיקונג און האַלט אַ פלאַמיקע רעדע אין דער פאַרטיידיקונג פון פּריטיצקי. זי האָט בכלל מער געטראַכט וועגן יענעם ווי וועגן זיך. דאָס דאָזיקע לעבנסלוסטיקע מיידל האָט אַלעמאָל און אומעטום אַלעמען אָנגעשטעקט מיט לעבנסגיריקייט, מיט פרייד און גלויבן. אויך אין די ערנסטע צייטן פון איר תּפיסה־"קאַריערע" איז זי געווען צווישן די מונטערסטע, צווישן יענע וואָס זענען שטענדיק "פול מיט קוועקזילבער".

אין 1939 יאָר, ווען די רויטע אַרמיי האָט זיך דערנענטערט צו גראָדנע, האָט סאָניע צוזאַמען מיט אירע קאַמפס־חברים אויפגעבראָכן די תּפיסה־טויערן. סאָניעס פרייד איז אָבער געווען אַ קורצע. אויפן וועג איז זי

פאַרהאַלטן געוואָרן דורך אַ גרופּע פּוילישע אָפיצירן און דורך זייער "שטאַנד־געריכט" פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט.

די 25־יאָריקע סאָניע, די פולע מיט לעבנס־ענערגיע און נישט אויסגעלאָשענער לעבנסלוסט, איז פאַרבליבן מיט זיך אַליין אין דער איינצלקאַמער, וואַרטנדיק אויפן אויספירן דעם טויט־אורטייל. ווען ס'איז אויפגעגאַנגען דער קאַיאָר, וואָס האָט געדאַרפט פאַר סאָניען ברענגען דעם סוף, איז זי שוין לאַנג געווען אויף די פיס. אָבער וואָס קומט דאָ פאָר? די ערב־פרימאָרגנדיקע שטילקייט איז איבערגעריסן געוואָרן דורך אַ בראַזגעריי. גייט מען שוין, הייסט עס, נאָך איר? נישט אַלע מאָל שטימט אָבער דער געוויינלעכער חשבון. אויפן תפיסה־הויף האָבן זיך אַריינגעריסן סאָוויעטישע טאַנקען. סאָניע איז געווען פריי.

זי פּרואווט אָניאָגן דאָס, וואָס זי האָט דורכגעלאָזן צוליב איר אומלעגאַלער אַרבעט און יאָרן תפיסה. סאָניע זעצט זיך צוריק אויף דער שול־באַנק אין פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אין גראָדנע. דער אויסוואַל - פּעדאַגאָגיק - איז נישט געווען קיין צופעליקער. זי האָט פאַרמאָגט אין זיך עפּעס איינגעבוירנס פון אַ דערציער. זי האָט איר דערפאָבערט וויסן נישט געהאַלטן פאַר זיך אַליין, זיך אַלעמאָל געטיילט מיט יענעם.

לאַנג פרייען זיך אָבער מיט דער פרייהייט איז סאָניען נישט באַשערט געווען. דעם 22־טן יוני 1941 יאָר אינדערפרי האָבן דייטשישע עראָפּלאַנען באָמבאַרדירט גראָדנע. עס האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה פון דייטשלאַנד קעגן רוסלאַנד. סאָניע לאָזט זיך צופוס אין איר היים־שטאָט, קיין ווילנע. דער וועג פירט דורך וועלדער און אומוועגן. איבער די גרויסע שליאַכן באַוועגן זיך די מיליטער־טיילן פון שונא. ווען זי קומט קיין ווילנע, טרעפט זי שוין דאָרטן די היטלעריסטן. עס הייבט זיך אָן דאָס לעצטע העראָישע און טראַגישע קאַפּיטל אין סאָניעס לעבן. מענטשן האָבן זיך דאַן פאַרלוירן אונטער דער לאַסט פון די אומאויפהערלעכע און אומגעריכטע קלעפּ פון דער היטלער־בעסטיע, זיך איינגעבראָכן און אונטערגעגעבן דעם גוואַלדיקן דרוק פון פּסיכישן און פיזישן מאָרד. אָבער נישט סאָניע. זי און אַזוינע ווי זי גיבן זיך נישט אונטער. זיי קומען אום, אָבער לייגן נישט דאָס געווער. האָבן זיי זיך אָפּגעפונען אויך אין געטאָ און באַשלאָסן: קעמפן. אויך דאָ גייט דורך דער פראָנט.

איר שפּרודלדיקע ענערגיע לאָזט זיך גיך פילן. און נישט בלויז אין געטאָ. זי זוכט פאַרבינדונגען מחוץ זיינע ווענט, אויף "יענער" זייט. איר העלפט אַרויס איר "גוטער" אויסזען, די בלויע אויגן, דער "פּוילישער

אַקצענט״, די פֿעאיקייט צו שפּילן און דער עיקר - איר גרענעצלאָזער מוט און דרייסטקייט. ס׳געלינגט איר. זי בינדט אָן אַ קאָנטאַקט מיט אַלטע ליטווישע און פּוילישע חברים, מיט די ערשטע פּאַרטיזאַנער־מחנות אין וואַלד. סאָניע איז אומדערמידלעך. זי איז איינע פֿון די איניציאַטאָרן און אָרגאַניזאַטאָרן פֿון דער אַנטיפֿאַשיסטישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין געטאָ. אויב וויטענבערג איז געווען איר טרייב־מאָטאָר, איז סאָניע געווען איר געוויסן. סאָניע האָט געווירקט אין געטאָ־אונטערערד ווי אַ גרויסער מאָראַלישער פֿאַקטאָר. ס׳האָט פֿון איר אַרויסגעלויכטן, עפּעס אַזוינס - גיבן איבער מענטשן וועלכע האָבן זיך מיט איר געטראָפֿן אין יענער צייט - וואָס האָט דערהויבן, נישט געלאָזט אַריינפֿאַלן אין פֿאַרצווייפֿלונג, וואָס האָט אָנגעשטעקט מיט גלויבן און נצחון איבערן שונא, נישט געקוקט אויף די שרעקלעכע קלעפּ, וואָס האָבן זיך געשאָטן טאָג־איין טאָג־אויס איבער די יידן פֿון געטאָ.

וואָס ווייטער איז געשען ווייסן מיר שוין: סאָניע איז געבליבן אויף איר קאַמפּס־פּאָסטן נאָך דעם ווי די ווילנער געטאָ איז פֿאַרטיליקט געוואָרן. אויך נאָך דעם ווי אירע לעבנגעבליבענע קאַמפּס־חברים פֿון געטאָ זענען אַוועק אין וואַלד. אונטער אירע פֿיס האָט געברענט די ערד און סוף־כל־סוף זי פֿאַרברענט. די געסטאַפּאָ איז געפֿאַלן אויף אירע שפּורן. דאָס איז געווען סוף מערץ 1944 יאָר. די סאָוויעטישע אַרמייען האָבן האַסטיק געטריבן די דייטשן פֿון דער ווייסרוסישער און אוקראַינישער ערד און זיך אַלץ מער און מער דערנענטערט צו ווילנע. די געסטאַפּאָ האָט דערשנאַפּט סאָניעס קאָנספּיראַטיווע דירה אויף זאַרעטשע 3. סאָניע האָט אַלעמאָל געטראָגן געווער מיט זיך, איינס האָט זי געהאַט באַשלאָסן: קיין לעבעדיקע וועלן זיי זי נישט נעמען. ווען די דייטשן האָבן אויפֿגעריסן די טיר, האָט זיי סאָניע באַגעגנט מיט פֿייער. די לעצטע קויל האָט זי געווענדט אין זיך. דאָסמאָל איז איר נישט געלונגען. זי האָט זיך בלויז פֿאַרוואונדעט. איינער פֿון די געסטאַפּאָ־לייט האָט איר געגעבן אַ האַסטיקן קלאַפּ איבער דער האַנט, וועלנדיק אַרויסזעצן דעם רעוואָלווער. זיי האָבן געוואָלט פֿאַר יעדן פּרייז נעמען סאָניען אַ לעבעדיקע. זיי האָבן זי אָפּגעפֿירט אין שפּיטאָל, וואו מען האָט סאָניען געפּרוווט היילן. ווען זי איז אַ ביסל צו זיך געקומען האָט מען זי איבערגעפֿירט אין דער לוקישקער תפיסה. דאָס איז שוין נישט געווען קיין תפיסה אין ״געוויינלעכן״ זין פֿון וואָרט, נאָר אַ מאָרד־הויז. סאָניע איז אוממענטשלעך געפּייניקט געוואָרן. זי האָט אָבער געשוויגן. פֿון די קלעפּ איז זי טויב און בלינד געוואָרן, אָבער זי האָט געשוויגן. אין דרויסן איז אויפֿגעגאַנגען אַ פֿרילינג, וועלכן סאָניע האָט שוין נישט געזען, אין דער

לופטן האָבן זיך גענומען טראָגן די אָפּקלאַנגען פון דער ווייטער קאַנאָנאַדע פון די אָנגרייפנדיקע סאָוויעטישע אַרמייען, אָבער סאָניע האָט זיי שוין נישט געהערט. סאָניע, אין וועמען ס'האָט אַלעמאָל געזונגען, האָט נישט געקאָנט דערהערן די קלאַנגען, אויף וועלכע זי האָט אַזוי לאַנג און מיט אַזאַ בענקשאַפט געוואַרט במשך פון די אַלע יאָרן דייטשישער אָקופּאַציע. און אפשר האָט זי געהערט מיט איר זעקסטן חוש? אָבער איר "צייט" איז שוין געקומען. איצט האָט די ערד גענומען ברענען אונטער די היטלעריסטן גופא.

רעזיגנירטע פון קאָנען עפּעס אַרויסבאַקומען פון איר, האָבן זיי סאָניען אַרויסגעפירט אויפן תפיסה־הויף און דערשאָסן. זי איז דאַן קוים דרייסיק יאָר אַלט געווען.

סאָניע איז אומגעקומען. זי האָט אָפּגעגעבן איר לעבן דער זאַך פון קאַמף קעגן פאַשיזם, און דערפאַר לעבט איר אָנדענק אין אונדז, אין די אַלע, וועלכע האָבן זיך מיט איר אַמאָל געטראָפן, און צוזאַמען מיט איר געקעמפט.

סאָניע פאַרן קריג

זאַרעטשע

לייזער ראַן

זאַרעטשע 3 —

אין די שאַנד־יאָרן פון מענטשן־האַס און יידן־מאָרד האָבן דאָ געלעבט, געקעמפט און געפאַלן צוויי גלויביקע אין מענטש, אין פרייהייט און אינטערנאַציאָנאַלער פאַרברידערונג:

מיין חברטע, די יידישקע סאָניע מאַדייסקער און דער ליטווינער יוליאַן יאַנקאַוסקאַס.

בלויז –

אַ דומפּיקער קעלער איז פאַרבליבן אַליין
דער דענקמאָל אויף זייער חלום און – זייער געביין.
און מיר, לייכט אין שטיקנדן חושך – אַ מאַרמאָר־שטיין,
וואו עס גאָלדיקט אַן אָדע צו זייער פאַרגיין.

* * *

דאָ איז געווען ישראלקעס קלויז, און – נישטאָ.

דאָ איז געווען די זאַרעטשער שול – אַ באַרג מיט שטיינער.

אונטערן באַרג: דעם טאַטנס שטאַט, דער מאַמעס, דעם ברודערס – אַלע שטעט אונדזערע און אַלע וועלטן – אין חורבן.

דעם אַלטן בנין האָט אַמאָל אַראָפּגעשווענקט דאָס שטילינקע ווילענקע־וואַסער.

נאָך דעם, ווי מען האָט דעם בנין פון זאַרעטשער קלויז

ראַן לייזער, (1912 –) יידישער שרייבער און פאָרשער. געבוירן אין ווילנע. אוועק קיין רוסלאַנד שטודירן אין מערב אוניווערסיטעט, פון וואַנען ער איז פאַרשיקט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע לאַגער. געשריבן אין פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן אויף טעמעס פון יידישן לעבן. זיינע צוויי וויכטיקע ווערק וועגן ווילנע זיינען „אַש פון ירושלים דליטא" און „ירושלים דליטא אילוסטרירט און דאָקומענטירט". געלעבט אַ געוויסע צייט אין קובאַ, איצטער אין ניו־יאָרק.

* פון בוך „אש פון ירושלים דליטא"

איבערגעבויט (תר״ב), האָט דאָרט דער גאון ר׳ ישראל סאַלאַנטער געזאָגט אַ שיעור פאַר 40 יונגעלייט און געלערנט מוסר מיט אַ חברה באַלעבאַטים (תר״ח־תר״ו).

דעם נייעם בנין האָבן אַצינד אַראָפּגעזבענקט די רוצחישע ווילענקער יידן־האַסער.

ר׳ שמואל דער שמש, דער היטער פון זאַרעטשער שול, איז געשטאָרבן באַצייטנס. דער רבש״ע האָט אים איינגעשפּאָרט צו זען דעם חורבן פון זיין היכל.

„געשטאָרבן דער לעצטער בעל־תפילה, געשענדט און פאַרברענט איז די שול."

יידיש בלוט האָט דאָ שוין אויסגעטריקנט, די וואַסער־קוואַלן זיינען פול. די „וואָדאָקאַטשקע" וואו פאָלאַצקער און זאַרעטשער פלעגן קומען וואַסער שעפּן, פאַר אַ גראָשן צוויי עמער, שטייט ווי געווען.

כל נדרי וועט מען דאָ מער ניט זאָגן. צו נעילה, וועט דאָ מער ניט זיין פול דער שול־הויף מיט פאַרכטיקע יידן, אנשים, נשים וטף.

יום כפור – צוויי עמער פאַר אַ גראָשן!...

Zadarrrmo!!!

Sam Direktor Homon przyjechal!

Zbankrotowal!

Zlicytowal!

Zwariowal!

Zadarmo!!!

פערד, פורן מיט „וויאַזקעס" האָלץ און פויערן, פרואוון צוריק מאַכן דעם מאַרק אַנטקעגן דער צעוואַלגערטער שול.

דער יידישער קויפער פעלט. דער יידישער פאַרקויפער איז נישטאָ.

דער אַרטיסטישער מאַרק־סטאַר, דער „זאַדאַרמאָניק", וואָס האָט פאַרמציאה׳ט די וועלט „ווישיסטקאָ – זאַ יעדען זלאָטי!" – איז אויף פּאָנאַר.

אַ קיילעכדיק יאָר – פויערן, האָלץ און – צוויי עמער פאַר אַ גראָשן! זאַרעטשע, אונדזער יידישע זאַרעטשע, הלכה לעולמה.

* * *

ימים נוראים:

אַ פאַרכמאַרעטע עדה יידן אין טליתים. אַ דיקער מחזור מיט תפילות און מיט טרערן. פון איינמאַטערדיקן טשאַד פון קאָפּטשענדיקע ליכט, פון דיקן וואָלקנדיקן נעפּל, וואָס הענגט ווי אַ שטן מקטרג איבער די נשמה־קוואַליקע מחילה־און סליחה־געבעטן, פלעגט שווער ווערן דער קאָפּ און איבערפולט דאָס קינדערישע געמיט. ביז – דער קילער, שמעקנדיקער דרויסן פלעגט אַרויסמאַניען צו זיך. צו אַ בלחשדיקער אויגן־תפילה פון דעם שיינעם הויכן ברעג פון דער ווילענקע, צו אויסטובלען דעם נשמה־אומעט אין דעם אָפּפרישנדיקן וואַסער־גאַנג־געזאַנג. און אַז דאָס אויג פלעגט זיך אָנזאַפּן מיט תפילה פון גרינגן גרינעם סדור־וועלט אַרום און אַרום, פון שלאָס־באַרג, זאַמד־באַרג און באַרג מיט די דריי קרייצן. און דאָס געמיט – מיט פייגל און בוים־געזאַנג, און בלומען־ריחות פון גאָרטן־טאָל באָטאַנישן און בערנאַרדינער, וואָס האָט זיך ווי אַ חלום אויסגעשפּרייט פון דעם צופוסנס ביזן הימל־האָריזאָנט – פלעגט יונגוואַרג נאָך אַ ביסל רעש און רויש אַרויס צום טויער פון דער גאַס, וואָס האָט זיך ווי אַ להבדיל אויסגעלייגט צווישן מאַרק און קלויז.

די גאַס האָט נאָענט דאָ געהאַט אַ ראָג. דער ראָג – אַ פענצטער, וואו יינגל־שטיפערישער בליק האָט אויסגעפונען אַן אָביעקט פאַר חוזק־שפּילערייען.

אַ יויזל אויפן וואַנט. אַ שיקסל אויף די קני. די הענטלעך אויפגעלייגט צו תפילה, די בלאָע אויגן פול געבעט. – ששש! בלויז עלנבויגנס האָבן אָנגעוואונקען צוגעשפּיצטע אויגלעך צו פאַרשייטן אויסדויער, ביז – חוזק וועט אַ קריי טאָן ווי אַ גאַלאַגאַנער האָן... – ששש! – די בלאָנדע האָר רעמלען איין אין זון־גאָלד דאָס פּנימל פון דער מאַדאָנע און ס׳טרינקט אַ זון־שטראַל, ווי אַ בין, דעם תפילה־דופט פון בלומען־ליפּ אַרויס... ששש! –

הייליקע סעקונדן – צניעות, פרומקייט און שיינקייט – ווען פון די שטיפער ס׳האָט דערמאָנט אַ בלום, ווען אַ ליד, און ווען אַ שמעטערלינג. סעקונדן. און – חוזק פלעגט פאַרשעמט אַריינשלייכן אין קלויז און צוכאַפּן זיך אָניאָגן די דורכגעלאָזענע תפילות אין דעם סליחה־און מחילה־מחזור.

יאָרן – די יומטובדיקע ראַנדעוואוען האָבן אונדז עלטער געמאַכט. די צוויי פרעמדע וועלטן פלעגן זיך אָפּט און אָפּטער טרעפן און באַגעגענען, באַטראַכטן זיך מיט וואונדער און – נישט צוזאַמענגיין. די בעקלעך פלעגן זיך רויטלען ביים אויגן־באַגעגן. איר הענטל פלעגט פאַרשעמט פאַרשטעלן דעם דעקאָלט וואו אַן אומשולדיקער מיידלשער סוד

האָט געצייטיקט. און מיר פלעגן שנעל אָפּווישן דעם טוי פון די זיידענע הערעלעך, וואָס האָבן זיך שעמעוודיק צעשפּראָצט אויפן געזיכט, און זיך באַמיט (שטאַרק באַמיט!), צו טראַכטן פון אַנדערע, טיפערע און בילכערע זאַכן...

דערנאָך, האָט מען אונדז פאַרטריבן.

דערנאָך, האָט מען אונדז געטויט.

זי אַנט ניט, אַז דער געבויגענער ייד מיט דעם אין חושך איינגערעמלטן פּנים, איז אַ לעבעדיקער שאָטן פון נעכטיקער יוגנט, וואָס איז דאָ אַצינד אויף זיין אייגענעם קבר געקומען. זי זיצט אַ יומטובדיקע צווישן לאַכנדיקע חברטאָרינס, די בלאָנדע האָר מיט זון באַגאָסן, די בלאָע אויגן פול נאָך מיט פרימאָרגן־תפילה. און אויפן שיינעם ביוסט שימערירט אין גאָלד און בלוט אַן אויסגעהאַפּטער יאַקעלע פון סאַמעט. פון זעלבן – יאָ, פון זעלבן – גאָלד־געהאַפּטן קאַרשן־סאַמעט, פון וועלכן דער פּרוכת האָט געלויכטן אין זאַרעטשער שול.

און איך ? איך זע נאָך אַלץ –

אַ שויב, און ברענענדיקע מנורות פינקלען דורך, דורך דעם קרישטאָל פון די דמיונות. איך זע – דעם בעלעמער – די עדה – און כ׳אייל אַניאָגן די דורכגעלאָזענע סליחה־און מחילה־געבעטן אין אַלטן, פון טרערן דורכגעווייקטן מחזור.

אַ נעץ פון שטעכלדראָט פאַרצוימט דעם טויער און דעם וועג צו די דמיונות. ס׳צערינט מיין חלום אין דעם אָנגעהויפטן באַרג פאַרשטיינטע תפילות פון זאַרעטשער שול. און ס׳יאָגט און ס׳טראָגט אַוועק מיר פון דעם מיט קינדהייט־ריחות שמעקנדיקן טאָל, דער שטיקנדער געשטאַנק פון אַ פאַרדעמפטן קעלער.

סאָניע (די ערשטע לינקס) מיט אַ גרופּע חברטעס פאַרן קריג אין ווילנע

„אין ווילנער געטאָ האָט מיך סאָניע מאַדייסקער געלערנט שיסן פון אַ רעוואָלווער״.

ווילנע, 1965.

יוסף ראַבין

ווינטער. נאַכט. אַ בלענדיקער שניי האָט זיך אויסגעשפרייט אַף די געסלעך פון דער ערשטער געטאָ. דורך די פענצטער, וואָס קוקן אַריין אין די געטאָ־געסלעך, זעט מען, ווי דער לייכטער און ווייכער שניי, אַן אומבאַוועגלעך־רואיקער און קינדעריש־פריילעכער, שיינט אונטער דער פערל־מוטער־העלער און פולער לבנה. מע זאָל אַ מענטשן פלוצעם אופוועקן פון שלאָף, וועט ער געוויס זאָגן: חנוכה. גוט זיך צו שליטלען, גוט אַף פאָדרעזעס פאָרן, גוט מיט שניי־גאָמלקעס זיך וואַרפן. גוט... וועט אָבער דער שלאָף אינגאַנצן אָפטרעטן, וועט זיך דער מענטש כאַפּן, ווו ער איז... אַ צולאָכעס, וועט ער זאָגן, ניט מער...

די פענצטער, וואָס קוקן אַרויס צו דער „אַרישער זייט״, זיינען פאַרקלאַפּט מיט ברעטער און פאַניער. דורך אַ שפּאַלט קאָן מען מיט איין אויג זען זאוואלנע. דורך אַ שפּאַלט גנבעט זיך אַריין פון דאָרט אַ לבנה־שטראַל און לייגט זיך אַף אַן אויער פון אַ שלאָפנדיקן אַפן דיל.

די דאָזיקע ווינטער־נאַכט וועקט פון שלאָף. מע שפּאַנט אַריבער אָדער מע שפּרינגט אַריבער איבער די שלאָפנדיקע אַפן דיל און מע קוקט אַריין דורך אַ פענצטער אין דער געטאָ אָדער דורך אַ שפּאַלט אויסער דער

ראַבין יוסף, סאָוויעטישער שרייבער. פון 1937 געווען פאַרשיקט אויף סיביר און נאָך סטאַלינס טויט באַפרייט. זיך באַזעצט אין מאָסקווע. זינט 1922 געשריבן דערציילונגען און ראָמאַנען. „איך זע דיך ווילנע״, פון וואַנען עס זיינען אַרויסגענומען די פראַגמענטן וועגן סאָניע מאַדייסקער, איז געדרוקט געוואָרן אין סאָוויעטיש היימלאַנד און שפּעטער געוואָרן איבערגעזעצט אין רוסיש אין 1965.

געטאָ. אַרום־און־אַרום איז שטיל און רויק. ס'איז אַ שאָד אַזאַ נאַכט צו פאַרשלאָפן, בעסער געניסן פון דער רויקייט. וואָרעם וויפל דאַרף אַ געליטענער מענטש איוף באַקומען אַ ביסל האָפענונג, איוף טרוימען וועגן גוטס ?

עטלעכע רויקע שעה אין אַ ליכטיקער לבנה־נאַכט, ווען דער גאַנצער אַרומיקער אומגליק און טרויער זיינען באַדעקט מיט ווייסן זויבער פון לייכטן און ווייכן שניי.

אין אַזאַ ליכטיקער נאַכט האָבן זיך אין לייב מירקינס פינצטערן קעלער אף קאַמניצקער גאַס, אונטער דער געטאָ־באָד, באַגעגנט צוויי מענטשן. אין קעלער האָט געברענט אַ קליין ליכטל, צוגעקלעפּט מיט חלב צו אַ לייסטל פון אַן אַלט פאַניער־קעסטל. ביידע זיינען געזעסן אַף אַ קעסטל, וואָס איז פון ביידע זייטן געווען אַרומגעקלאַפּט מיט פאַסן בלעך, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט פאַרזשאַווערטע טשוועקעס. זיי זיינען געזעסן פאַרזיכטיק און געשאַרט אַרום זיך מיט די הענט, ניט צו פאַרטשעפּען זיך אָן אַ טשוועקל. מחמת דער טונקלקייט, וואָס האָט אַרומגערינגלט דאָס פייערל פונעם ליכטל, מחמת דעם כוישעך בא די ווענט איז שווער געווען צו דערקענען די מענטשן. מע וואָלט נאָר געקאָנט דערזען, אַז ס'איז אַ פרוי מיט אַ מאַנצביל.

אין דער פינצטערניש, ווען מע זאָל זיך צוהערן צו די צוויי שטימען, כאָטש דאָס קומט פאַר אין אַ קעלער, וואָס דעמפּט צו דאָס קאָל, איז ניט שווער אופצוכאַפּן, אַז די שטים פונעם מאַנצביל איז רויק, אפילע טרוקן־רויק. ס'איז אַ רויקייט, וואָס לאָזט ניט צו דעם געדאַנק נאָענט צום האַרצן, דערוויייטערט אים עטוואָס, קעדיי דער געדאַנק זאָל זיין פשוט און ניכטער, ער זאָל זיין מאַנצביליש־קלאָר און זאָל באַטייטן נאָר דאָס, וואָס ער באַטייט. פאַרקערט, די פרויען־שטים איז ווייך, ליריש. עס פילט זיך, אַז בא דער פרוי איז דער געדאַנק ניט ווינציקער האַרץ, ווי קאָפּ.

דער מאַנצביל איז איציק וויטנבערג.

די פרוי – סאָניע מאַדייסקער.

היינט איז סאָניע אָנגעקומען אין געטאָ.

לויט איר פנים איז שווער צו דערקענען ניט נאָר, וואָס זי האָט איבערגעלעבט נעכטן, נאָר אפילע וואָס זי האָט איבערגעלעבט היינט. אַלע אירע שווערע איבערלעבונגען פאַרוקט זי אין זיך אַזוי ווייט, אַז זי געפינט זיי אַליין ניט. זי געפינט ניט, ווייל זי וויל ניט געפינען. לויט איר

איינגעבאָרענער טבע איז זי אַ קאָנצעטראַט פון אָפּטימיזם. די, וואָס קענען זי נעענטער, ווייסן אויך, אַז דאָס גרונט־געוועב פון אָט דער דרייסטער קעמפערישער נשמה איז מילדע פרויישקייט.

אָנהייב מלחמה איז זי צופוס געלאָפן פון גראָדנע קיין ווילנע. די דייטשן זיינען קיין ווילנע געקומען פריער פאַר איר. זי איז אַריינגעפאַלן אין לוקישקער טורמע, פונוואַנען מע קערט זיך זעלטן אום. זיינען אָבער די דייטשן געקומען פאָדערן ספּעציאַליסטן, האָט זי זיך אָנגעגעבן פאַר אַ געניטער ספּעציאַליסטן אין אַ געוויסן פאַך און איז פון טורמע געקומען אין געטאָ.

און ווען זי האָט נאָר באַגעגנט מיטן גוטן שמייכלע אָפּן פּנים, האָט זיך יענער געוווּנדערט: פון וועלכן קאָנצערט קומט זי אַזאַ צופרידענע.

איר אויסזען — ווי פריער: קאַשטאַנעווע האָר, פאַרקעמט מיט אַ שרונט אינמיטן און מיט צוויי דאַרע, קורצע צעפּלעך פון הינטן, בלויע אויגן. און ווי פריער — אומרויקע פיס, וואָס ווילן, דוכט זיך, באַלד אַוועק אַ טאַנץ.

באַ סאָניע מאַדייסקער איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזאַ פאַל, ווען זי זאָל האָבן עפּעס פאַרענדיקט אין לעבן און זאָל דעריבער זיך דערלויבן אַ געוויסע צייט זיין פריי, רוען. אַלעמאָל הייבט זי ערשט אָן. אויך מיט איר קומען אין געטאָ האָט זיך דאָס לעבן ניט פאַרענדיקט. עס הייבט זיך אָן... מיט איר קומען אַהער איז געקומען האָפענונג.

און אָט איז די ערשטע באַגעגעניש פון איציק וויטנבערג מיט סאָניע מאַדייסקער.

נאָך דעם, ווי איציק האָט אין דער פינצטער אַ שמייכל געטאָן: „עס פּאַסט צו זאָגן, גאָט צו דאַנקען, וואָס מע זעט זיך", האָבןביידע געדאַרפט קלאָר מאַכן די ערשטע און וויכטיקסטע פראַגע: באַ די איצטיקע באַדינגונגען און איבערלעבונגען פון דער לעצטער צייט צי זיינען זיי פאַרבליבן קאָמוניסטן, ווי פריער?

ער האָט געענטפערט:

— אָן צווייפל.

און סאָניע האָט אַ צופרידענע קימאַט אויסגעשריען:

– איך בין גליקלעך דאָס צו הערן. אין אַזאַ שווערער צייט איז ניט שווער אַראָפּצוגיין פון וועג.

איציק האָט פאַרגעזעצט: צי האַלט זי, אַז אויך אין דער געטאָ גייט דורך דער פראָנט פון דער מלחמה?

– ווי דען אַנדערש... אוודאי, אוודאי!

ער האָט ווידער פאָרגעזעצט:

– פון שמועסן מיט חברים איז קלאָר געוואָרן, אַז עס זיינען פאַראַן צוויי מיינונגען. איינע: אַרויספירן מענטשן צו די פאַרטיזאַנער אין וואַלד. די צווייטע: בלייבן אין געטאָ און אָרגאַניזירן דאָ דעם קאַמף.

– ווי איז דיין שטעלונג?

– אַוועקגיין איצט פון דער געטאָ און לאָזן די מאַסן אַליין אָפן באַראָט פון די פאַשיסטן איז פאַראט! – זיין שטים האָט ניט אויסגעהאַלטן די רויקייט, ווי ער וואָלט זיך גענומען בייזערן אַף עמעצן. – מיר, זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן פאָלק, מיר, יידן – זיינען אין די געטאָ־באַדינגונגען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר צענדליקער טויזנטער יידן, וואָס זיינען פאַרמשפט צו אומקום. מיר דאַרפן זיי פירן צום ווידערשטאַנד, צום קאַמף. אַוודאַי קאָנען הונדערט מאַן, צוויי הונדערט זיך דורכרייסן צו די פאַרטיזאַנער. דערנאָך וועט מען אונדז פאַרשילטן: געלאָזט אויף הפקר אַ פאָלק און אַליין אַנטלאָפן. אַזוי פאַרשטיי איך עס... איך בלייב!

די גאַנצע צייט, וואָס וויטענבערג האָט גערעדט און זיך אויף עמעצן געבייזערט, האָט סאָניע געשוויגן. אין די מינוטן איז זי געווען ניט קיין אָנטיילנעמער פון דעם געשפּרעך, נאָר ניט מער ווי אַ צוהערערן. און ווייל ער האָט זיין געדאַנק ניט געהאַלטן איצט ווייט פון האַרצן, ווייל עס האָט גערעדט ניט נאָר פאַרשטאַנד, נאָר אויך געפיל, האָט עס איר שטאַרק צוגעטראָפן. דאָס זיינען אירע אייגענע געדאַנקען און געפילן, נאָר זי הערט עס פון אַ צווייטן.

– ביסט גערעכט... – געזאָגט האָט זי עס שטיל, מיט מוטערלעכער געלאַסנקייט. – און ווייטער... וועלכע אויפגאַבן?

איציק האָט זיך באַרויקט. ער האָט ניט מער, אויף וועמען צו זיך ברוגזן. זיין שטים האָט ווידער אויסגעדריקט ניכטערקייט. די ווערטער האָבן אויסגעדריקט דעם געדאַנק זאַכלעך און גענוי.

– מיר זיינען קאָמוניסטן פון אַ ליקווידירטער פּאַרטיי. ווער זיינען מיר?

– דאָס נעם איך אַף זיך. איך וועל זיך אין שטאָט פאַרבינדן מיט דער ליטווישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. ווייטער?

– דער קאַמף דאַרף אַרומנעמען אַלע שיכטן פון דער געטאָ. מיר דאַרפן שאַפן אַ פאַראייניקטע פּאַרטיזאַנישע אָרגאַניזאַציע.

– דאָס נעמסטו אַף זיך. איצט האָט שוין סאָניע אָנגעפירט מיטן געשפּרעך. – ווייטער?

– געווער.

– וואָס מע וועט קאָנען באַקומען אין שטאָט, נעם איך אַף זיך. ווייטער?

– ווייטער זאָל זיין מיט מזל. זאָלסט זיך היטן...

– לויטן אויסזען נעמט מען מיך אָן פאַר אַ פּוילישער פּאַניענקע. פּויליש רייד איך גוט. קאָנסט זיך פאַרלאָזן... און בכלל... אָן ריזיקע...

ערשט איצט האָבן זיי דערזען, אַז דאָס פייערל אַפן קנייטל האָט זיך אַ נייג געטאָן אין אַ זייט און חלב־טראָפּנס האָבן גענומען פאַלן פון דער ליכט אויפן קעסטל.

זיי זיינען אַרויס פון קעלער. די געטאָ איז געשלאָפן. אפשר האָט עמעצער געזען גוטע חלומות. די לבנה איז אַראָפּ נידעריקער, אָבער איז נאָך אַלץ געווען ליכטיק און פול. עס האָט אַפילע זיך געקאָנט דוכטן, אַז זי וועט באַלד זיך אַראָפּלאָזן אַף אַ פאַרשנייטן דאַך אין איינעם פון די געטאָ־געסלעך.

ביידע, איציק און סאָניע, האָבן נייגעריק אָנגעקוקט די לבנה פון ווילנער געטאָ. זיי האָבן געשוויגן.

* * *

היימשטאָט!

אין מיין בלוט, אין מיין לייב־און־לעבן איז איינגעזאַפּט די ליבע צו דיר. וואָס ווייטער פון דיר, היים, אַלץ שענער האָסטו אויסגעזען, ווען דו ביסט מיר געקומען צו חלום. די זון אַף דיינע געסלעך איז געווען גאָלדענער, ווי אומעטום, דאָס וואַסער אין דיין טייך פרישער און ווייכער,

ווי אין אַלע טייכן און ימען. דיינע קוואַלן און קרענעצעס האָבן געריישט מיטן געזאַנג פון מיין יוגנט. דער שטויב פון דיינע גאַסן איז געווען אָנגענעם, דער רויך פון דיינע קוימענס איז געווען ליב, דיינע סעדער און גערטנער – איינגעבאַקן אין האַרצן. דיינע מיידלעך – די שענסטע, דיינע בחורים – די בעסטע. מיין היים, מיין היימשטאָט, ביסט מיר ליב, ווי די ערשטע ליבע.

ווילנע. ווינטער. אָוונט־דעמערונג. אַ לייכט שנייעלע פּאַלט. פון דער אָסטראָבראַמע צו דער ברייטער גאַס גייט אַ פּוילישע פּאַניענקע און צלמט זיך פרום. זי גייט לאַנגזאַם, סטאַטעטשנע. לויט איר געלאַסענעם טראָט און רויקן בליק איז צו זען, אַז דאָס מיידל איז גוט דערצויגן, אַ גאָטספּאַרכטיקע, פרומע קאַטאָליקערן, וואָס גייט געוויס פון קאָסטיאָל, ווו זי האָט געבעטן צו גאָט און צו זיין מוטער.

דאָס יונגע פּוילישע מיידל מיט די פינקלענדיקע שנייעלעך אויפן היטעלע און אויפן מאַנטל קאָן פון אינדערפרי אָן ניט פּטור ווערן פון עטלעכע שורות, וואָס האָבן זיך היינט אין איר איינגעגעסן:

גייסט אַרויס:

סאַרא הייליקער באַגינען!

ראָז און ראָז און מער ניט ראָז

סיי די שוואַרצערד, סיי דאָס גראָז...

פאַר סאָניע מאַדייסקער, וואָס איז אין ווילנע געבאָרן, אויסגעוואַקסן, געשפּילט אין צייכנס, געציילט קליינערהייט אירע חברטעס מיט „מאַדמואַזעל אוווו זאַווע...", געלערנט אין סאָפּיע מאַרקאָוונעס גימנאַזיע, דעקלאַמירט אויף אָוונטן קולבאַקס לידער, – פאַר איר איז איצט די שטאָט ווילנע פרעמד. ניט נאָר פרעמד, נאָר געפערלעך. פאַר יעדן אומפאָרזיכטיקן טראָט קאָן זי באַצאָלן מיטן לעבן. וויפל לעבנס האָט זי ? סאָניע דאַרף אַוועקגיין וואָס ווייטער פון זיך אַליין, זי איז אַ פּוילישע. זי הייסט קאַטאַזשינאַ ראָמאַנאָווסקאַ. זי איז אַ פרומע קאַטאָליטשקע, אַף איר האַלדז הענגט אַ קייטעלע מיט אַ צלמל. די פּוילישע שפּראַך באַהערשט זי גוט. עס קומען איר צוניץ אירע איינגעבוירענע אַרטיסטישע פעיקייטן.

שוין עטלעכע טעג שפּאַצירט זי אַזוי אַרום איבער די ווילנער גאַסן און געסלעך. ווען זוכט זי וועמען וויל זי געפינען?

אַך, ווען איר גליקט אָפּ און זי קאָן ערגעץ באַגעגענען אָדער כאָטש

זיך דערוויסן, ווו מע קאָן געפינען דעם אַלטן פּוילישן אַרבעטער, וואָס בא אים איז געווען די יאַווקע. עטלעכע מאָל איז איר פריער אויסגעקומען מיט אים זיך טרעפן. אָבער זיין פּנים האָט זי ניט געזען, ניט פאַרגעדענקט. ער האָט געטראָגן אַזאַ היטל מיט אַזאַ דאַשעק, אַז אי דו זעסט דעם מענטשן, אי דו זעסט אים אינדערעמעסן ניט. ער האָט אָבער יעדן פאַרגעדענקט פונעם ערשטן מאָל אָן. ווען זי קאָן זיך מיט אים באַגעגענען, וואָלט דער וועג פאַר איר געווען אָפן. אָבער קיין האָפענונג אף דעם האָט זי ניט. אַלץ האָט זיך געענדערט. זוכט זי אַנדערע באַקאַנטע פון דער אונטערערד. אין גראָדנער טורמע האָט זי זיך באַפריינדעט מיט אַ פּוילישער חברטע פון ווילנע. גערופן האָט מען זי מאַרישע. טאַקע אין טורמע האָט איר מאַרישע דערציילט, ווו זי וווינט אין ווילנע: אינעם געסל, ווו אדאם מיצקעוויטש האָט אַמאָל געלעבט, כמעט אַ הויף קעגן אַ הויף. סאָניען איז באַקאַנט דאָס שמאָלע געסל, די פאַרציייטיק־שווערע הייזער, געדעקטע מיט ברוינע דאַכלקעס, די טונקעלע הויפן מיט פאַרמאַכטע טויערן און שמאָלע קאַליטקעס. זי האָט דאָס געסל עטלעכע מאָל דורכגעשפּאַנט פון אָנהייב ביזן סוף און צוריק אַריינגעקוקט אינעם הויף אַנטקעגן מיצקעוויטשעס הויז און קיין לעבעדיקן נפש דאָרט ניט באַמערקט. דעמלט האָט זי זיך געלאָזט גיין צום קאָסטיאָל פון דער הייליקער אַנע. דערביי האָט סאָניע אין זינען, אַז זי דאַרף ניט אַזוי אַרויסווייזן, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס מאַכט אף איר די שיינקייט פון דעם קאָסטיאָל. זי גייט דאָך ניט קוקן טעאַטער, נאָר מתפּלל זיין צו גאָט.

פון דער יוגנט אָן איז איר געפעלן די לייכטע, שיינע געביידע, וואָס איז אינווייניק אָנגעפילט מיט אַזויפיל לופט, אַז עס דוכט, זי קאָן זיך יעדע רגע אופהייבן מיט אירע גלייכע גאָטישע ליניעס צום הימל. סאָניע ווייסט, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געזאָגט וועגן דער הייליקער אַנע, ווען ער איז אַריין אין ווילנע: אַז ער וואָלט זי גענומען אף דער דלאָניע און אָפּגעטראָגן קיין פּאַריזש. סאָניע לאָזט אַראָפּ די אויגן צו דער ערד, ווי עס טוען מאָנאַשקעס. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ קומט זי אַריין אין קאָסטיאָל. וואָס און ווי צו ריידן מיט גאָט, ווייסט זי שוין. צוריקגייענדיק, לאָזט זי זיך ווידער צום שמאָלן געסל, ווו עס האָט מיט אַ סאַך יאָרן צוריק געלעבט אדאם מיצקעוויטש. צוזאַמען מיט איר גייט אַרויס פון קאָסטיאָל אַן עלטערע פרוי אין ברילן, וואָס גייט אויך צום זעלבן געסל.

סאָניע טוט אַזוי ווי פאַרבייגייענדיק אַ פרעג בא אַט דער פרוי, צי קען זי ניט צופעליק אַ פּאַניענקע מיטן נאָמען מאַרישע, וואָס האָט אין אַט

יענעם הויף געווווינט. זי מאָלט דערבײַ אויס מאַרישען.

– איר האָט שוין אויך וועגן איר געהערט ? יאָ, זי האָט טאַקע דאָ געוווינט... אַנטלאָפן. אַ נאַרישע צי אַ דרייסטע, דייטשן זוכן זי. זאָל די פאַנענקע בעסער אָף איר זיך ניט נאָכפרעגן. – די פרוי גייט שנעל אַוועק.

סאָניע שפּאַנט ווייטער. מאַרישען האָט זי ניט געפונען, אָבער אַ גרוס האָט זי באַקומען אַ גוטן. די אונטערערדישע באַוועגונג איז ניט אָפּגעשטאָרבן. פאַראַן חברים, זי ווייסט ניט וויפל, אָבער פאַראַן. זי וועט זוכן. זי וועט געפינען. זי געדענקט אַן אַדרעס פון נאָך אַ חברטע, פון אַ ווייסרוסיש מיידל מיטן נאָמען פעדאָרע. ביידע, סאָניען און פעדאָרען, האָט מען אין 1939 פאַרמשפּט צום טויט, און ביידע האָט געראַטעוועט די רויטע אַרמיי. פעדאָרע האָט געוווינט אָף אַנטאָקאָל. און דער סימן איז אויך אַ קאָסטיאָל – פּיאָטער און פּאַוועל.

פעדאָרעס נאָמען רופט אַרויס בא סאָניען דערמאָנונגען. 1939. הארבסט. צי דער הארבסט איז טאַקע געווען אינדעראמתן אַזאַ שיינער, צי האָט טאַקע די זון געשיינט אין די גאָלדענע בלעטער אַזוי, אַז עס האָט זיך געדוכט, די ביימער האָבן געגומען אַפּסניי בליען ? קאָן זיין, אַז דאָס אַלץ איז גאָרניט געווען, נאָר אַפּן האַרצן איז געווען זון און פרילינג. די רויטע אַרמיי דערנענטערט זיך צו גראָדנע, וווּ סאָניע זיצט דאָס פערטע יאָר אין תפיסה. באַ סאָניען טאַנצן די פיס אַליין פון זיך. די רויטע אַרמיי גרייפט אָן. אַרטילעריע דונערט. אין דער גראָדנער טורמע טרייסלען זיך די שויבן. סאָניע זינגט, סאָניע טאַנצט. זי פרייט זיך, זי נעמט אַרום אירע חברטעס. אינמיטן טאַנצן בלייבט זי פּלוצעם שטיין, הערט זיך איין. איר אויער כאַפּט שטענדיק אוף, וואָס אַרום טוט זיך.

– די וואך איז, דוכט זיך, אַנטלאָפן, מיר זיינען אַליין...

און באַלד דערהערט מען טאַקע, ווי אין די מאַנצבלשע קאַמערעס עפנט מען די טירן. אַט עפענען זיך אויך די פרויען־קאַמערעס, און מיט אַ געשריי „הורא" לויפן אַלע צוזאַמען אַרויס אין הויף ברעכן דעם טויער.

צי קאָן עמעצער, וואָס האָט עס אַליין ניט פאַרזוכט, פאַרשטיין און פילן דעם טעם פון אַליין עפענען די טורמע־קאַמערעס, פון אופברעכן, אופפּראַלן דעם טויער, הינטער וועלכן מע האָט אַזויפיל יאָרן געהאַלטן מענטשן פאַרשפּאַרט. איין טויער, דוכט זיך, איז ווינציק. מע קאָן איצט די וועלט איבערקערן. און די סאָוועטישע אַרטילעריע גיט אַלץ צו וויסן, אַז די רויטע אַרמיי גייט, קומט, דערנענטערט זיך...

סאָניע מיט פעדאָרען,ביידע ווילנערקעס, לאָזן זיך קיין ווילנע. אָבער קורץ איז זייער וועג. פוילישע אָפיצערן פאַרהאַלטן זיי, און מע פאַרמשפּט זיי צום טויט. ווידער ברענגט מען זיי אין טורמע, אין דער זעלבער גראָדנער טורמע. מע זעצט זיי אַריין אין איינצל־קאַמערעס, אין טויט־קאַמערעס.

סאָניע וואַרט אויפן טויט און גלייבט ניט אין אים. שטאַרבן? זי, סאָניע, שטאַרבן? עס קאָן ניט זיין. עס לייגט זיך ניט אויפן שכל. דאָס האַרץ איז קעגן. איר לעבנסלוסט און האָפערדיקייט, איר פרוייִשקייט גלייבט ניט. ווי קאָן עס זיין: ניט לעבן ? די נאַכט גייט זי אַרום איבער דער קאַמערע הין־און־צוריק. זי דערמאָנט זיך די שול־יאָרן. אַלע יינגלעך זיינען אין איר געווען פאַרליבט. און זי אין זיי... אַלע האָבן איר פאַרויסגעזאָגט, אַז זי וועט זיין אַ באַרימטע אַרטיסטן. אויף די אָונטן פלעגט זי דעקלאַמירן:

און טרעפסטו אַ פויער אַן אַלטינקן ערגעץ, באַקלאָגסטו זיך אים אויף דעם מזל פון מענטשן:

טשי טשויעש, מאנילא, זיי עסן כסדר,

און מיר – איך און דו – דאַרפן בענטשן...

...און אַז עס קומט אָן דער האַרבסטיקער פאַרנעפּלטער פאַרטאָג, הערט זיך סאָניע איין אין דער שטילקייט פון טורמע־קאָרידאָר, צי הערט מען ניט קיין טריט, צי גייט מען ניט צונעמען בא איר דאָס לעבן... צי דען קאָן עס זיין ? און אויב יאָ, אויב עס וועט געשען, וואָס איז נאָכן לעבן? גאָרניט... שוואַרץ און פוסט. אפשר קאָן מען צוריק קומען ? ווען מע קאָן, וואָלט זי געוויס געקומען! און דער וועלט אויף צו להכעיס באַזונדערס דעם טויט אויף צו להכעיס, חזרט זי די שורות:

גייסט אַרויס:

סאַרא הייליקער באַגינען!

ראָז און ראָז און מער נישט ראָז

סיי די שוואַרצע ערד, סיי דאָס גראָז...

...און פלוצעם... אַ בראַזגעריי פון אייזן... אפן הויף פון דער טורמע איז אַריין אַ סאָוועטישער טאַנק.

– ברידער און שוועסטער, איר זייט פריי! פעדאָרע איז אַוועק קיין ווילנע. סאָניע איז געבליבן אין גראָדנע און געוואָרן אַ סטודענטן פון

פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט.

איצט זוכט זי פּעדאָרען אין ווילנע. און אויך איצט, אין טעג פון געפאַר און אומגליק, וויל סאָניע ניט פאַרלירן די האָפענונג. זי וויל ניט און קאָן ניט.

זי קומט אַריין אויך אין דער געדיכטעניש פון די געוועזענע יידישע גאַסן און געסלעך. זי קומט אַריין און פאַרגעסט אויף אַ ווײַלע, ווער זי איז איצט. זי איז שוין ניט קיין פּוילישע פאַניענקע מיט אַ צלמל אפן האַלדז. זי איז ווידער סאָניע מאַדייסקער. די יידישע שכנים לויפן איר אַנטקעגן. דער טאַטע מיט דער מאַמען קומען אָן, די שוועסטער. און עס האָט שוין איינמאָל אפילו געטראָפן, ווען זי האָט אין אַ פאַרשנייטן ווינטער־אָוונט דערזען אין אַ פענצטער אַ ליכטל אויפן אושאַק, און ס׳האָט איר אין האַרצן אַ זעץ געטאָן מיט אומגעריכטקייט: חנוכה! זי איז גרייט צו לויפן אַהיים, די שוועסטער וועלן אַלע לאַטקעס אופעסן. און צוזאַמען מיט דעם קומט איר פאַר די אויגן דער ערשטער חנוכה יום־טוב אין דעם ערשטן קלאַס פון סאָפיע מאַרקאָווענעס גימנאַזיע. סאָניע האָט געזונגען „חנוכה, חנוכה, אַ יום־טוב אַ שיינער...״ זי האָט געטאַנצט. זי איז געווען גליקלעך.

דאָס דויערט אָבער ניט לאַנג. זי קומט צו־זיך. זי איז אף גרויס־סטעפּן־גאַס, זי גייט ארוף אף קליין־סטעפּן־גאַס, דורך זאַוואַלנע לאָזט זי זיך צו נאָווגאָראָד... גאָר ניט די זעלבע גאַסן, וואָס אַמאָל. יידישע גאַסן אָן אַ יידיש וואָרט. אף דער „פאַרשיוועער רעמיזע״ הערט מען ניט דאָס פאַרהאָרעוועטע פעטע און שאַרפע פורמאַניש־טרעגערישע לשון, אויפן האַלץ־מאַרק רופט מען ניט קיין קונים; די אַלטע אויבס־הענדלערקעס מיט די פייערטעפּ אונטער זיך שרייען מער ניט, אַז זייערע געפראָרענע עפּל זיינען „פלעשער ווײַן״. די שוסטער־ און שניידער־װאַרשטאַטן זיינען פאַרמאַכט, און די אַלטע שילדן מיט אָנגעמאָלטע שטיוול און שער־און־נאָדל הענגען פאַריתומט.

סאָניען ווערט אומהיימלעך און ניט גוט. דער אומגליק גייט איר אַנטקעגן. זי אַנטלויפט, זי וויל זיך ראַטעווען. און ווידער ווערט זי קאַטאַזשינאַ ראָמאַנאָווסקאַ. אַ סטאַטעטשנע פּוילישע פאַניענקע, אַ פרומע קאַטאָליקערן. זי גייט רויק און שטעלט געלאַסענע טריט. איר איז גוט, זי האָט אַ גאָט.

זי וויל גאָר ניט טראַכטן וועגן געפאַר, ווען זי באַגעגנט דייטשן אף דער גאַס. זי וויל ניט דערלאָזן דעם געדאַנק, ווען מע קוקט אף איר פאַרדעכטיק, אַז מע וועט זי דערקענען, אַז מע ווייסט, ווער זי איז און

וואָס זי איז. זי טאָר אַליין ניט צווייפלען און קיינער טאָר ניט צווייפלען אין דעם, אַז זי איז קאַטאַזשינאַ ראָמאַנאָווסקאַ.

און איינמאָל, אַרויסגייענדיק פונעם רייך־באַפּוצטן און העל־באַלויכטענעם קאָסטיאָל פון פּיאָטער און פּאַוועל, באַגעגנט זי אַף אַנטאָקאָל מאַרישען. ביידע וווּנדערן זיך (באַזונדערס – מאַרישע), קוקן זיך אָן און פאַרשטייען איינע די אַנדערע.

* * *

דער ערשטער אויפרוף פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיזאַנישער אָרגאַניזאַציע:

„לאָמיר ניט גיין ווי שאָף צו דער שחיטה!

יידישע יוגנט, גלייב ניט די פאַרפירער. פון די אַכציק טויזנט יידן אין ירושלים דליטא איז געבליבן נאָר צוואַנציק. פאַר אונזערע אויגן האָט מען אָוועקגעריסן די עלטערן, ברידער און שוועסטער. ווו זיינען די הונדערטער מענער, געכאַפּטע אַף אַרבעט דורך דער שטאָטישער פּאָליציי? ווו זיינען די נאַקעטע פרויען און קינדער, אַרויסגעפירטע אין דער גרויליקער נאַכט פון דער פּראָוואָקאַציע? ווו זיינען די יידן, די געכאַפּטע אום יום כיפור? און ווו זיינען אונדזערע ברידער פון דער צווייטער געטאָ? וועמען מען האָט אַרויסגעפירט פון דער געטאָ, דער וועט זיך מער ניט אומקערן, ווייל אַלע וועגן פון געסטאַפּאָ פירן קיין פּאָנאַר. און פּאָנאַר איז – טויט!

רייסט אַראָפּ די אילוזיע פון פאַריאושטע: אייערע קינדער, פרויען און מענער זיינען ניטאָ! פּאָנאַר איז ניט קיין לאַגער, מע האָט זיי אַלעמען דערשאָסן. עס האָט היטלער פאַרטראַכט אַ סיסטעם אומצוברענגען אַלע יידן אין אייראָפּע. אַף אונדז איז אויסגעפאַלן די ערשטע ריי.

לאָמיר ניט גיין ווי שאָף צו דער שחיטה! אמת, מיר זיינען שוואַך און האָבן קיין הילף ניט. אָבער דער איינציקער ווירדיקער ענטפער דעם שונא איז – ווידערשטאַנד!

ברידער! בעסער פאַלן ווי פרייע קעמפער, איידער לעבן אין דעם מערדערס גענאָד! זיך קעגנשטעלן ביזן לעצטן אָטעם!

ערשטער יאַנוואַר 1942. ווילנע אין געטאָ.

סאָניע,
די אומפאַרגעסלעכע העלדין

סיעניא רינדזיונסקי*

יעדע היסטאָרישע עפּאָכע רוקט אַרויס אירע העלדן.

אין דער קאַטאַסטראָפאַלער תקופה פון דער צווייטער וועלט־מלחמה ווען אויף דער דורכגעוויקטער מיט יידיש בלוט און טרערן אָקופּירטער טעריטאָריע פון אייראָפּע איז אַנטשטאַנען די יידישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין פאַרשיידענע געטאָס און לאַגערן, ווי אויך אין דער אונטערערדישער אַנטינאַציסטישער טעטיקייט אויף דער אַרישער זייט, אין די פּאַרטיזאַנער וועלדער און פאַרשיידענע אַנדערע פאָרמען פון קאַמף, האָבן זיך באַוויזן אַ סך העלדינס און העלדן, וועלכע האָבן אין די טראַגישסטע באַדינגונגען פון יענער פינצטערער צייט אַרויסגעוויזן מוט און גבורה אין דעם ניט גלייכן קאַמף קעגן די היטלעריסטישע מערדער און זייערע געהילפן.

אָבער אַזעלכע, ווי סאָניע, זיינען קיין סך ניט געווען. דאָס יידישע פאָלק האָט פּאַקטיש דאַן געפירט 2 מלחמות געגן היטלער־דייטשלאַנד און אירע סאַטעליטן. איין מלחמה – צוזאַמען מיט אַנדערע פעלקער אין די אַרמייען פון דער אַנטיהיטלעריסטישער קאָאַליציע, וואו עס האָבן זיך געפונען פיל הונדערטער טויזנטער יידישע זעלנער, די צווייטע מלחמה – אויף דער אָקופּירטער טעריטאָריע, וואו די יידן זיינען געווען כמעט פולשטענדיק איינזאַם אין זייער קאַמף, אָן קיין שום רעאַלער הילף, אין אַ פיינטלעכע סביבה פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

אין אַ באַזונדער שווערער לאַגע האָבן זיך געפונען די יידן אין ווילנער קאַנט, ווען אויסער די דייטשע שטראָף־אָרגאַנען, ווי געסטאַפּאָ ס.ס., זיינען געווען די ליטווישע אַרמיי פון פלעכאַוויטשעס, די איפּאַטינגאַ

* באר־שבע

רינדזיונסקי סיעניע. אין ווילנער געטאָ אַ מיטגליד פון פ.פ.אָ. אַ פּאַרטיזאַנער אין רודניצקער פּושטשע. נאָכן קריג געלעבט אַ געוויסע צייט אין ווילנע. אַוועק דורך פּוילן קיין ישראל, וואו ער לעבט ביז ביי היינט צו טאָג אין באר־שבע, אָנגעשריבן אַ בוך וועגן ווילנע אין צייט פון צווייטן וועלט־קריג.

(ליטווישע געסטאַפּאָ), ליטווישע לעגיאָנען פון ס.ס. באַוואָפנטע דורך די דייטשן ליטווישע דערפער, ווי אויך די פוילישע א.ק., וועלכע האָט נאָך דער דייטשער מפּלה ביי סטאַלינגראַד, אָנגעהויבן איר קאַמף קעגן די יידישע פּאַרטיזאַנער און איינצלנע געראַטעוועטע יידן.

מען דאַרף דאָ אונטערשטרייכן, אַז עס זיינען געווען אויך נאָבעלע, קרישטאָל־ריינע מענטשן צווישן די פּאָליאַקן און ליטווינער ניט נאָר צווישן די אַקטיווע אַנטיפאַשיסטישע קעמפער וועלכע האָבן ריזיקירנדיק מיטן לעבן, אין אַ סך פאַלן, באַצאָלנדיק מיטן לעבן באַמיט זיך ראַטעווען די אומגליקלעכע יידן, העלפן זיי אויסהאַלטן די גרויזאַמע צייט, אָבער אַזעלכע זיינען געווען ווייניק.

דאָס זיינען געווען איינצלנע, פאַרבאַהאַלטענע אינזעלעך פון הילף און פריינדשאַפט אין דעם שטורמישן ים פון יידן־שינאה.

אָט אין וועלכע באַדינגונגען, נאָך צוויי יאָר אינטענסיווער קאָנספּיראַטיווער טעטיקייט אין געטאָ און גלייכצייטיק אין שטאָט, פירט סאָניע איר אומדערמידלעכע אַרבעט נאָך דער ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ, אין איר געבורט־שטאָט ווילנע, וועלכע זי האָט אַזוי ליב געהאַט, אָבער וועלכע איז איצט געבליבן יידן־ריין, (אויסער נאָך דאַן עקזיסטירנדע צוויי לאַגערן „קייליס" און ה.ק.פּ.)

איין זאַך, איז זיין אַ העלד, אַפילו אין דער גרעסטער געפאַר, אָבער אין אַ קאָלעקטיוו פון מענטשן מיט אַ געמיינזאַמען גורל פון פאַרמשפּטע צום אונטערגאַנג, ווי אין געטאָ, אין וואַלד אָדער אויפן שלאַכטפעלד צוזאַמען מיט די חברים פון קאַמף.

גאָר אַן אַנדער זאַך – געפינען זיך שטענדיק אין אַ סביבה פון שינאה, און פולער איינזאַמקייט, ווען מען דאַרף אַליין אָננעמען דעצידירנדע באַשלוסן אין געציילטע מינוטן.

דאָס איז געווען דער פרייוויליק אויסגעקליבענער דורך איר גורל פון סאָניען אין איר שטאָט ווילנע, וווּ זי איז געבוירן געוואָרן, וווּ עס זיינען פאַרביי אירע יוגנט־יאָרן, אָבער וואָס איז איצט אַ פרעמדע, גרויזאַמע שטאָט, אין וועלכער אויף יעדן שריט און טריט לויערט אויף איר דער טויט.

און דאָס אין פאַרלויף פון כמעט אַ יאָר, 24 שעהען בייטאָג און ביינאַכט, פירט זי איר הייליקע, געפערלעכע אַרבעט צוזאַמען מיט געציילטע וווּנדערבאַרע פּאָליאַקן, רוסן און ליטווינער, אויסגעפּרוווטע אַנטי־פאַשיסטישע קעמפער.

די אַרבעט איז אַ פאַרצווייגטע, פירן אַ סאַבאָטאַזש און דיווערסיע־טעטיקייט, פאַרברייטערן די קאָנטאַקטן און אויסגעפינען אַנטינאַציסטישע מענטשן און גרופּן אין שטאָט, אָנהאַלטן אַ פאַרבינדונג מיט די יידן אין די פאַרבליבענע 2 לאַגערן, עראַבערן געווער, שטענדיקע טרעפונגען מיט די פאַרבינדלערינס פון קעמפנדן וואַלד (זעלדע, וויטקע, לענא און אַנדערע). איבערשיקן דורך פאַרשיידענע וועגן נייע פאַרטיזאַנער, געווער און מעדיקאַמענטן אין וואַלד, אויספירן אַ גאַנצע ריי ספּעציעלע אויפגאַבן, וואָס זי פלעגט באַקומען פון שטאַב פון דער פאַרטיזאַנער־בריגאַדע אין וואַלד.

איך וויל זיך דאָ טיילן מיט מיינע ערינערונגען וועגן דער וווּנדערבאַרער, העלדישער סאָניען.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך זיך געטראָפן מיט סאָניען אויף דעם צוזאַמענטרעף פון מיין גרופּע (פינפטל) אין דער פאַראייניקטער פאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע (פ.פּ.אָ.) אין ווילנער געטאָ.

די קאָנספּיראַטיווע פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין דער פאָלקס־קיך אויף רודניצקער גאַס 5.

סאָניע איז געקומען צו אונז אַלס קאָמאַנדיר פון אַ אָפּטיילונג, צו וועלכער עס האָבן געהערט 4 גרופּעס, אין די ערשטע מינוטן האָבן מיר דערשפּירט, אַז עס שטייט פאַר אונז אַ אויסערגעוויינטלעכע פּערזענלעכקייט. מיר האָבן דערזען אַ יונגע און שיינע מיידל מיט איר צויבערן שמייכל. אָבער אין איר האַלטונג, און אירע קורצע, קלאָרע ווערטער דורכגעדרונגענע מיטן טיפן גלויבן אין אונזער מיסיע, האָבן מיר דערזען אַ מוטיקע, שטאַלצע קעמפערין מיט אַ באַזונדער גלאַנץ פון רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק, וועלכע איז אומשטאַנד פירן נאָך זיך באַגייסטערטע דורך איר מאָסן.

אַזאַ איז געווען סאָניע. ניט קוקנדיק אויף איר יונגן עלטער (זי איז דאַן אַלט געווען 26 יאָר) האָט זי געהאַט הינטער זיך שוין לאַנגע יאָרן פון אַנטיפאַשיסטישער טעטיקייט, פול מיט געפאַרן, פאַרפאָלגונגען, אַרעסטן.

סאָניע פלעגט פון צייט צו צייט קומען אויף אונזערע צוזאַמענטרעפן. יעדע באַגעגעניש מיט איר איז געווען אַ מין קוואַל פון דערהויבונג, גלויבן און האַרציקער נאָענטקייט. גלייכצייטיק פלעגט זי אויך זיין אין שטאָט, אויף דער אַרישער זייט, ווו זי פלעגט אויספירן דרייסטע, געפערלעכע אויפגאַבן.

ווען אין האַרבסט 1942 האָבן זיך איבערגעריסן די קאָנטאַקטן פון פ.פּ.אָ. מיט דער פאַראַשוטיסטן־גרופּע, וועלכע איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן

פון מאָסקווע אין ראַיאָן פון ווילנע, (אין וועלכע סאָניע האָט גענומען אָנטייל), האָט דער שטאַב פון פ.פּ.אָ. אַרויפגעלייגט אויף סאָניען מיט נאָך אַ פּאַרטיזאַנערין צעסיא ראָזענבערג (געפינט זיך איצט אין קיבוץ גבעתי ברענער) אַריבערגיין די ליניע פון פראָנט, צוקומען ביז מאָסקווע, אינפאָרמירן דאָרט די געהעריקע אינסטאַנצן וועגן דער טראַגישער לאַגע ביי אונז און בעטן הילף אין אונזער קאַמף קעגן די מערדערישע אָקופּאַנטן.

ווען זיי זיינען צוגעקומען נאָך לאַנגע, געפערלעכע מאַטערנישן ביז דער פראָנט־ליניע ביי וועליקיע לוקי, זיינען זיי געוואָרן אַרעסטירט דורך געסטאַפּאָ. זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט ווי פּוילישע מיידלעך – ספּעקולאַנטינס. צעסיא ראָזענבערג דערציילט וועגן דער העלדישער און רואיקער האַלטונג פון סאָניען, אַפילו אין די מינוטן, ווען עס האָט זיך געדוכט אַז באַלד וועט מען זיי דערשיסן. אַ דאַנק דער קלוגער און דערפינדערישער טאַקטיק פון סאָניען איז זיי געלונגען אַנטלויפן פון ווילנער וואקזאל און קומען אין געטאָ.

איך וויל איצטער דערציילן וועגן איינעם פון די טראַגישסטע טעג אין ווילנער געטאָ, דעם אַזוי גערופענעם וויטענבערג־טאָג, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 16־טן יולי 1943 יאָר.

דער דאָזיקער טאָג איז ברייט באַשריבן אין פאַרשיידענע ביכער וועגן ווילנער געטאָ.

ווען איציק וויטענבערג, דער קאָמאַנדיר פון פ.פּ.אָ. איז אויף אַ פּראָוואָקאַטיוון אופן אַרעסטירט געוואָרן אין געטאָ דורך אַגענטן פון ליטווישן געסטאַפּאָ־איפּאַטינגאַ, איז ער אָפּגעשלאָגן געוואָרן דורך אַ גרופּע פ.פּ.אָ. קעמפער.

די דייטשע מאַכט האָט דורכן שעף פון דער יידישער פּאָליציי יעקב גענס געפאָדערט אַרויסגעבן וויטענבערגן.

דער שטאַב פון פ.פּ.אָ. האָט דערקלערט אַ מאָביליזאַציע פון אַלע קעמפער.

דער שעף פון דער יידישער פּאָליציי האָט צונויפגערופן אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג פון די געטאָ־יידן אויפן הויף רודניצקער 6 און דערקלערט זיי אַז אויב וויטענבערג וועט ניט אַרויסגעגעבן ווערן, וועט פאָרקומען די ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ „איינער אָדער צוואַנציק טויזנט" האָט דערקלערט גענס.

ער האָט געשפּילט דעמאַגאָגיש אויף דעם זעלבסטדערהאַלטונגס־

אינסטינקט פון די מאַסן, וועלכע האָבן נאָכן אומקום פון 3/4 פון ווילנער יידנטום געוואָלט דערלעבן די באַפרייאונג.

די מערהייט פון די יידן האָט דאַן ניט פאַרשטאַנען, אַז דער גורל פון ווילנער געטאָ איז שוין פאָרויס באַשטימט, וואָס די ווייטערדיקע געשעענישן האָבן דאָס באַשטעטיקט. אָנהויבנדיק פון 6־טן אויגוסט. ביזן 23 סעפּטעמבער, ווען עס איז פאָרגעקומען דער טראַגישער עפּילאָג פון דער רומפּולער ירושלים דליטא.

די אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געשטרעבט צו זיין דער אוואנגארד פון די באַגייסטערטע מיט דער אידעע פון קאַמף און נקמה מאַסן, איז געשטאַנען פאַר דער דראַמאַטישער דילעמע פון ברודער־קריג אין געטאָ.

די פאַראורטיילטע צום טויט אין געטאָ, איבערהויפּט פרויען מיט קליינע קינדער האָבן אין די שמאָלע געסעלעך אָנגעהויבן פאָדערן און זוכן, וויטענבערגן. אין דעם האָבן זיי געזען די האָפענונג בלייבן ביים לעבן.

ווער עס האָט דאָס געזען און איבערגעלעבט וועט קיין מאָל ניט פאַרגעסן, דעם שרעקלעכן שטורם, וואָס האָט זיך דורכגעטראָגן דאַן אין געטאָ.

דער שטאַב פון פ.פ.אָ. האָט אומאויפהערלעך אָפּגעהאַלטן זיצונגען וועגן דער געשאַפענער אין געטאָ לאַגע ווען די יידישע מאַסן, וועלכע האָבן געצילט צושטיין צום קאַמף קעגן די היטלעריסטישע רוצחים, האָבן אין דעם טראַגישן לאַבירינט פון דעמאַגאָגיע און דעם מעכטיקן אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאַלטונג, געזען אין פ.פ.אָ. די שולדיקע אין דעם פריצייטיקן, ווי זיי האָבן געמיינט, אומקום פון געטאָ.

דער שטאַב האָט אין אָנבליק פון דער טראַגישער לאַגע, שטייענדיק פאַר דער דילעמע פון ברודער־קריג אין געטאָ, צו וואָס מען טאָר ניט דערלאָזן, געקומען צום באַשלוס, אַז די קאָנצעפּציע פון ווידערשטאַנד אין געטאָ האָט ניט קיין רעאַלן באָדן, אַז דער ווייטערדיקער קאַמף דאַרף אָנגיין אין וואַלד.

כדי ראַטעווען די פ.פ.אָ. ווי דעם קעמפנדן כח פון געטאָ, האָט דער שטאַב צוזאַמען מיט וויטענבערגן, באַשלאָסן, אַז איציק וויטענבערג גיט זיך פרייוויליק איבער אין די הענט פון די געשטאַפּאָ.

איך דערמאָן זיך, ווי סאָניע איז געקומען אויף אָשמיאַנסקי געסל, וואו מיר עטלעכע צענדליק פ.פ.אָ.־קעמפער האָבן זיך געפונען אויף צוגעגרייטע פּאָזיציעס, און אויף די טרעפּ פון דעם הויז האָט זי אונז

אינפאָרמירט אַז אונזער קאָמאַנדיר, איציק וויטענבערג, וועט באַלד דורכגיין דורך די בלוטיקע גאַסן פון געטאָ זיין לעצטן וועג.

סאָניע האָט אין שטאַרקע ווערטער געשילדערט די דאָזיקע טראַגעדיע און דערקלערט, אַז ווען זי, סאָניע, וואָלט געווען אויף דעם אָרט פון וויטענבערגן, וואָלט זי געהאַנדלט אַזוי, ווי ער.

קיינער פון אונז האָט ניט געצווייפלט אין די אויפריכטיקע ווערטער פון דער דאָזיקער קרישטאָל־ריינער העלדין.

וויטענבערג האָט אָפּגעגעבן זיין לעבן כדי די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע זאָל קענען פאָרזעצן איר טעטיקייט (מען האָט אים אויף מאָרגן געפונען אַ טויטן אין געסטאַפּאָ, ווי מען האַלט, האָט ער געהאַט ביי זיך ציאַן קאַלי און באַגאַנגען זעלבסטמאָרד).

סאָניע האָט מיט איר אויסערגעוויינלעכער ענערגיע אָנגעהויבן פאַרווירקלעכן דעם באַשלוס פון שטאַב וועגן איבערשיקן די געטאָ־קעמפער אין וואַלד. צוזאַמען מיט דער שטאָטישער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע האָט זי אָנגעפירט מיט דער דאָזיקער געפערלעכער אַרבעט.

אָנהויבנדיק פון 23־טן יולי ביזן 23־טן סעפּטעמבער 1943 האָט זי אָרגאַניזירט און געשאַפן די באַדינגונגען פון איבערשיקן הונדערטער באַוואָפנטע געטאָ־קעמפער אין וואַלד.

דעם 23־טן סעפּטעמבער 1943, אין טאָג פון דער ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ, בין איך געווען צווישן די פאַרטיזאַנער, וועלכע זיינען דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אַרויס פון געטאָ אין די צוגעגרייטע פאַר אונז קאָנספּיראַטיווע ערטער, פון וואַנען מיר זיינען אַרויס אין די רודניצקער וועלדער. די פריערדיקע גרופּן זיינען אַוועק אין די נאַראָטשער וועלדער. מיט דער דאָזיקער פאַרצווייגטער, פול מיט געפאַרן טעטיקייט האָט אָנגעפירט טאָג און נאַכט סאָניע מאַדייסקער. אין דעם האָבן איר געהאָלפן אונזערע פאַרבינדלערינס זעלדע טרעגער – ניסאַנילעוויטש און וויטקע קעמפּנער – קאָוונער. אויסערגעוויינלעכע העלדישקייט און ענערגיע האָט אַרויסגעוויזן ביי דעם שמולקע קאַפּלינסקי.

פון די קאַנאַליזאַציע־רערן זיינען מיר אַ גרופּע פאַרטיזאַנער, אַוועק אין דעם באַשטימטן פאַר אונז אָרט, אין דעם אַרבעטס־לאַגער קייליס, וואו מיר זיינען געווען עטלעכע טעג ביזן אַרויסגיין אין וואַלד.

אין די טעג האָט סאָניע אונז עטלעכע מאָל באַזוכט, אַזוי ווי די אַנדערע גרופּן אין פאַרשיידענע ערטער.

איך דערמאָן זיך סאָניען אין די דאָזיקע אָנגעשטרענגטע טעג. זי פלעגט קומען מיט איר שטענדיקן שמייכל, פלעגט זיך אינטערעסירן מיט יעדערן פון אונז, געזאָרגט וועגן דעם, אַז יעדער זאָל זיין פּאַסיק אָנגעטאָן, ער זאָל האָבן באַקוועמע שיך כדי דורכצומאַכן דעם לאַנגן וועג אין וואַלד. זי האָט געדאַרפט באַזאָרגן מיט באַשפּייזונג די אַלע אַרויסגעגאַנגענע פון געטאָ קעמפער. זי האָט אונז דערציילט וועגן דעם העלדישן טויט פון אונזערע קאַמפּס־חברים יאנקל קאַפּלאַן, אבראשא כוואָיניק און אסיא ביג, וועלכע זיינען נאָך אַ קאַמף מיט די דייטשן אַרויסגייענדיק פון דער קאַנאַליזאַציע, געוואָרן פאַרכאַפּט און שפּעטער אויפגעהאָנגען אויף דעם זאַמל־פּלאַץ ראָסע, פון וואַנען מען האָט געשיקט די לעצטע יידן פון געטאָ אין די גאַז־קאַמערן. זי האָט מיט טרערן אין די אויגן וועגן דעם דערציילט.

מיר זיינען געווען פאַרוווּנדערט, וואָס אין אַזעלכע מינוטן האָט זי געפונען אַ וואַרעם וואָרט פאַר יעדן פון אונז פאַרן אַרויסגיין אין וואַלד.

סאָניע האָט די גאַנצע צייט, זייענדיק ניט לעגאַל אין שטאָט, אָנגעהאַלטן אַ שטענדיקע פאַרבינדונג מיט דער ווילנער בריגאַדע, אין די רודניצקער וועלדער אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען 4 יידישע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן, געשאַפענע פון די געטאָ־קעמפער.

זעלדע טרעגער, וועלכע האָט סיסטעמאַטיש ווי אַ פאַרבינדלערין אָנגעהאַלטן מיט סאָניען אַ שטענדיקן קאָנטאַקט, דערציילט, מיט וועלכער רואיקייט פלעגט סאָניע מיט איר זיך טרעפן, אָרגאַניזירט גרופּן מענטשן מיט געווער ווי אויך מעדיקאַמענטן פאַרן וואַלד. סאָניע פלעגט מיט זעלדען און אַנדערע פאַרבינדלערינס זיך טוישן מיט וויכטיקע אינפאָרמאַציעס פאַרן שטאַב פון דער בריגאַדע.

סאָניע האָט אויך געפונען דעם וועג צו די איינצלנע אויסבאַהאַלטענע אויף דער אַרישער זייט ווילנער יידן און זיי מאַטעריעל געהאָלפן.

דאָס האָט דערציילט זלאַטע קאַטשערגינסקי־בורגין, וועלכע איז געווען צווישן די אויסבאַהאַלטענע אין שטאָט.

עס האָט זיך אַזוי באַקומען, אַז 2 יידישע יונגע מיידלעך (סאָניע און זעלדע) האָבן אין יענער קאַשמאַרפולער תקופה אָנגעהאַלטן די פאַרבינדונג צווישן דער ווילנער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע מיטן קעמפנדן וואַלד.

אין רעזולטאַט פון אַ פּראָוואָקאַציע האָבן די דייטשן אָנגעטראָפן אויף די שפּורן פון דעם אָרט וואו סאָניע האָט זיך געפונען. סאָניע איז

העלדיש אומגעקומען קורץ פאַר דער באַפרייאונג פון ווילנע.

ווען די געסטאַפּאָ־לייט האָבן אַרומגערינגלט איר קאָנספּיראַטיווע וואוינונג אויף זאַרעטשע, האָט סאָניע געעפנט אויף זיי אַ פייער פאַרוואונדיקנדיק 2 דייטשן. די לעצטע קויל האָט זי אויסגעשאָסן אין זיך, פאַרוואונדיקנדיק זיך שווער. מען האָט איר אָפּגעפירט אין תפיסה־שפּיטאָל. מען קען זיך פאָרשטעלן ווי מען האָט איר געפייניקט פאַרן טויט.

ווען איך האָב זיך צוריקגעקערט נאָך אַ לענגערע אָפּוועזנהייט קיין ווילנע, דאָס איז געווען אין ענדע 1943 יאָר, האָט זיך מיר איינגעגעבן טרעפן מיטן ווערטער פון הויז אויף זאַרעטשע 3 וווּ עס האָט געלעבט אין אַ געהיימען אָרט סאָניע.

דער ווערטער, אַ פּאָלאַק, וועלכער איז אין אַ קורצער צייט אַרום, איבערגעפאָרן קיין פּוילן, האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט אַליין געזען ווי די דייטשן האָבן אַרומגערינגלט דאָס הויז, ווי עטלעכע פון זיי זיינען געוואָרן פאַרוואונדעט פון די שאָסן, ווען סאָניע האָט געענטפערט פייער, ער האָט אויך פון דערווייטנס געזען, ווי מען האָט אַרויסגעפירט די שווער פאַרוואונדעטע סאָניען און איר אָפּגעפירט אין אַ באַוואַכטער מאַשין.

אין 1947, אַרבעטנדיק אין יידישן מוזיי אין ווילנע איז אונז באַוווּסט געוואָרן, אַז אין טראָק (לעבן ווילנע) לעבט אַ קאַראימערין, וועלכע איז צוזאַמען מיט סאָניען געווען אין לוקישקער תפיסה־שפּיטאָל.

איך בין אַוועקגעפאָרן קיין טראָק, אָפּגעפונען די פרוי, וועלכע האָט מיר דערציילט וועגן יענע טראַגישע טעג.

די קאַראימערין איז געוואָרן אַרעסטירט דורך געסטאַפּאָ אַלס באַשולדיקטע אין ספּעקולאַציע. זי איז דאָרט געוואָרן קראַנק, מען האָט איר איבערגעפירט אין דעם טורמע־שפּיטאָל.

אין אַ געוויסן טאָג האָט מען אין דעם צימער, וווּ זי איז געלעגן, געבראַכט אַ זייער שווער פאַרוואונדעטע מיידל, דאָס איז געווען סאָניע. סאָניע איז געווען כמעט אין גאַנצן בלינד, עס זיינען געווען קאַנטיק סימנים פון פייניקונגען און פולשטענדיק ביים באַוווּסטזיין.

זי האָט געשמייכלט, געהאַלטן זיך ווירדיק, אַפילו געטרייסט די איבעריקע פרויען, אַז אין גיכן וועט קומען דער נצחון. די קאַראימערין האָט מיט באַוואונדערונג גערעדט וועגן דער אויסערגעוויינטלעכער העלדין. „מיר אַלע האָבן איר געהאַלטן פאַר אַ הייליקע" – האָט מיר געזאָגט די דאָזיקע פרוי.

אויף וויפל די פרווי געדענקט, איז סאָניע דאָרט געלעגן אַ פּאָר וואָכן. מען פלעגט איר אין פאַרלויף פון דער צייט פירן אויף אויספאָרשונגען, ביז וואַנען זי האָט זיך מער ניט צוריקגעקערט, לויט אַ געוויסער ווערסיע איז סאָניע דערשאָסן געוואָרן אויפן תפיסה־הויף.

אין וואָס איז געווען דער געוואַלדיקער כוח פון דער דאָזיקער לעגענדארער העלדין ?

דאָס איז געווען איר שטאַרקער גלויבן אין דער הייליקער מיסיע, וואָס זי פירט אויס.

דער דאָזיקער גלויבן צוזאַמען מיט איר אייזערנעם ווילן און קרישטאָל־ריינעם האַרץ האָבן געשאַפן דעם קוואַל פון איר מעכטיקער, קעמפנדער קראַפט.

מען דאַרף אויך אונטערשטרייכן, אַז ניט קוקנדיק אויף די שרעקלעכע פייניקונגען האָבן די געסטאַפּאָ־מערדער ניט געקענט קיין זאַך אַרויסברענגען פון סאָניען, וועלכע האָט דאָך געוווסט אַלע סודות פון דער אונטערערד. אַ פאַקט, אַז נאָך דעם טראַגישן פאַל, זיינען קיין שום אַרעסטן מער ניט געווען צווישן די אַנטיפאַשיסטישע קעמפער.

אַזאַ איז געווען סאָניע. צו דעם איז זי געווען זייער באַשיידן. איך דערמאַן זיך, ווי אויף דער באַגעגעניש אין אונזער „פּינפטל", האָט סאָניע גערעדט וועגן פּאַסיוון ווידערשטאַנד. זי האָט דערקלערט, אַז צוליב אַ סך סיבות, קענען ניט אַלע זיין אין אַקטיוון קאַמף. זי האָט גערעדט וועגן דעם גרויסן לעגיאָן פון פּאַסיווע קעמפער.

איך גיב איבער אומגעפער דעם זין פון אירע ווערטער, אַז די אַלע, וואָס שמאַכטן און ליידן, וואָס זיינען געבונדן און פאַרשקלאַפט, זייער האַלטונג איז אַ ווירדיקע. די מענטשן זיינען אויך אונזערע מיטקעמפער און מיטמאַנער.

די ליכטיקע געשטאַלט פון אונזער אומפאַרגעסלעכער סאָניען וועט אייביק לעבן אין אונזער זכרון און הערצער.

מיר דאַרפן אַלץ טאָן, אַז אויך די קומענדיקע דורות זאָלן וויסן און לערנען פון יענער קאָשמאַרפולער תקופה וועגן סאָניען און אַנדערע העלדן, וועלכע זיינען מיט זייער לעבן און טויט אַריין אין דעם פּאַנטעאָן פון אומשטערבלעכקייט.

פּאַרטיזאַנער פון די רודניצקער וועלדער

ישראל קראַניק

מאָטל גאָבשטיין

דער באַפעל איז געפאַלן: אַראָפּלאָזן פון די רעלסן אַ פיינטלעכן עשאַלאָן מיט אַמוניציע. 8 מאַן האָבן געדאַרפט אויספירן די אויפגאַבע. די אָפּעראַציע איז נישט געלונגען. אַ האָגל פון פייער האָט איבערגעשניטן דעם וועג. די פּאַרטיזאַנער האָבן געשטעלט אַ פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד אין דעם נישט גלייכן קאַמף. באַשיסנדיק די דייטשן, האָט זיך די גרופּע צוריקגעצויגן. נישט אַלע. מאָטל גאָבשטיינען האָט דאָס פיינטלעכע פייער אַריינגעשטויסן אין אַ זומפּ. טרינקענדיק זיך ביזן האַלדז אין בלאָטע, האָט ער געשאָסן ביז דער לעצטער קויל די לעצטע האָט ער, צונייפנעמענדיק דאָס רעשט ביסל כוח און איבערמענטשלעכן ווילן, אַריינגעשיקט אין זיין אייגענעם יונגן קערפּער.

סאָניע מאַדייסקער

ווען די דייטשן זיינען געקומען נאָך איר, האָט זי זיי באַגעגנט מיט פייער. צוויי פון זיי האָבן אויפן אָרט באַצאָלט מיט זייער לעבן פאַר די עינויים, וועלכע זענען איר פאַרגעשטאַנען איבערצולעבן. די קויל, וואָס סאָניע האָט זיך אַריינגעשאָסן אין האַלדז, האָט נישט געבראַכט דעם געגאַרטן טויט. אַ פאַרוווּנדעטע, איז זי אָפּגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל. די דייטשישע הענקער האָבן געהאָפט אַרויסצובאַקומען פון דעם מיידל וויכטיקע פאַר זיך ידיעות און נעמען. נעמען פון חברים־מיטקעמפער. איז זי דאָך עס געווען אַ מיטגליד פון אונטערערדישן שטאָטישן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי (די איינציקע יידישקע), די פאַרבינדלערין מיט די יידן אין די לאַגערן, אין וועלכע זי האָט קאָמפּלעטירט אַלץ נייע און נייע גרופּן – מאַרגנדיקע

* וואַרשע, „יידישע שריפטן". אַפּריל 1958.

פּאַרטיזאַנער.

סאָניע האָט פּאַרשטאַנען דעם מיין פון די מערדער. זי האָט זיך צו דער לעצטער שלאַכט געגרייט און זי האָט די שלאַכט געוואונען. געשלאָגן און געפּייניקט האָט זי קיין איין נאָמען נישט אָנגערופן.

„קוקנדיק אויף איר – דערציילט אַ פּוילישע פרוי, פּירקאָוויטש פון טראָק, וואָס איז געלעגן צוזאַמען מיט איר אין שפּיטאָל – „האָט זיך אין יענע שלעכטע טעג פון פּאַראַכטונג ווידער דערוועקט דער גלויבן אין מענטש.״

ברויט

האַלב־נאַכט. אַרום איז ווייס און שטיל. דער שניי אונטער די פיס סקריפּעט טרוקן און הויך. די לבנה, אַ גאַנצע, אַ קיילעכדיקע שיינט אַראָפּ רואיק און מילד. שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז אין אַזאַ נאַכט קאָן עפּעס שלעכטס פּאַסירן, אַז די ווייסקייט פון שניי קאָן געפּלעקט ווערן מיט בלוט, מיט מענטשלעך בלוט. לענגאויס דעם וועג, וועלכער איז נישט באַשיצט דורך וואַלד, נישט דורך ישובים, ציט זיך אַ שנירל פורן, באַוואַכטע דורך אַ 25 ־ 30 מיידלעך און בחורים. דעם באַפעל צו פאַרגרייטן פּראָדוקטן פאַר די פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען ״נקמה־נעמער״ און ״פאַרן זיג״. דער קאָמאַנדיר פון דער גרופּע ־ שלמה בראַנד און די פּאַרטיזאַנער שטרענגען אָן די אויגן און אויערן. אַרום איז שטיל און פוסט. ביי דער זייט פון וועג, אַן ערך 500 מעטער פון דאָרף, שוואַרצט זיך איינזאַם אַ הייזל. פון דער צווייטער זייט וועג ־ אַ פריי פעלד. דער ברויט־קאַראַוואַן רוקט זיך לאַנגזאַם פאָרויס. מיטאַמאָל ־ אַ האָגל פון קוילן. דאָס אומשולדיקע איינזאַמע הייזל האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ נעסט פון פאַשיסטן.

ס׳פאַלט אַ באַפעל: צעטיילן זיך אויף קלענערע גרופּירונגען און אַרויסציען זיך פון שלאַכט. ווען די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך פאַרטאָג געטראָפן אין פריינדלעכן צו זיי דאָרף ווישניצע, האָבן געפעלט דריי חברים: ראַשקע שמערקאָוויטש, חיים שלאַקמאַן און לייב מיקלאָשאַנסקי. ווי ס׳איז דערנאָך באַוואוסט געוואָרן, האָט ביי חיים שלאַקמאַן אָפּגעשאָסן ביידע פיס. די דייטשן האָבן אים לעבעדיקערהייט קאַסטרירט. אַזאַ פרייז האָבן זייער אָפּט געצאָלט פאַר ברויט די העלדישע פּאַרטיזאַנער.

די וואָפן־פריינדשאַפט אין די ווילנער וועלדער

י. קראַניק

עס זענען זיך צונויפגעקומען אַלע פּאַרטיזאַנער פון צוויי אָפּטיילונגען, „נקמה־נעמער" און „פאַרן נצחון," כמעט אַלע יידן, די מערהייט פון ווילנער געטאָ, מיטגלידער פון פ.פּ.אָ., וועלכע האָבן אין סעפּטעמבער 1943 פאַרלאָזן די ווילנער געטאָ. ס'איז אויך געווען צווישן זיי אַ גרופּע יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער.

צו די אָקטאָבער־פייערונגען האָט מען זיך געגרייט צוויי טעג. די קעכינס האָבן לכבוד דעם יום־טוב אַפילו די עמערס געשייערט (אין עמערס פלעגט מען קאָכן דאָס עסן פאַר די פּאַרטיזאַנער.) אין די קרייזן נאָענטער צום שטאָב האָט מען גערעדט, אַז צו אונדז אויף די פייערונגען וועט קומען עמעצער פון בריגאַדע־שטאָב, מעגלעך, אַז דער קאָמיסאַר מאַרגיס, וועלכן די יידישע פּאַרטיזאַנער פלעגן רופן „אַ גוי צדיק". דאָס איז געווען דער קאָמיסאַר פון דער אָפּטיילונג „אַדאַם מיצקעוויטש". פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פון דער אונטערערדישער צייטונג, דער ערשטער סעקרעטאַר פון ווילנער קרייז־קאָמיטעט. אים פּערזענלעך האָט געקענט זייער אַ קליינע גרופּע חברים, די וועלכע פלעגן אָפט זיין אין שטאָב און האָבן געהאַט אַ דירעקטן קאָנטאַקט מיט דער אָנפירערשאַפט פון דער בריגאַדע. זייער ווייניק האָבן געוווּסט. אַז זיין אמתער נאָמען איז וויטאָלד שענקעוויטש, און אַז ער איז אַ פּאָליאַק.

אונדזערע אָפּטיילונגען האָבן דאַן געציילט אַ 250 מאַן. אַחוץ דעם

קראַניק ישראל, מאַגיסטער יורי. אין צייט פון קריג געווען אַ קורצע צייט אין ווילנער געטאָ און שפּעטער געלעבט אויף אַרישע פּאַפּירן אין שטאָט. אַ פּאַרטיזאַן אין רודניצקער פּושטשע. נאָכן קריג געענדיקט זיינע שטודיעס אין ווילנע און שפּעטער אין וואַרשע, פּוילן. לעבט איצטער אין ניו־יאָרק. פאַרעפנטלעכט זיינע זכרונות פון צווייטן וועלט קריג אין אייניקע אויסגאַבעס אין פּוילן.

וואַרשע „יידישע שריפטן" 1957

זענען געווען נאָך צוויי אָפּטיילונגען פון ווילנער געטאָ, אַן ערך 200 פּערזאָן. זייערע באַזעס האָבן זיך געפונען 6־5 קילאָמעטער פון אונדז.

פון געשניצטע דינעביימלעך זענען אויפגעשטעלט געוואָרן לאַנגע, שמאָלע טישן. מיר האָבן זיך דאָן געפונען אויף דעם אַזוי גערופענעם בערן־אינדזל. אַרום אונדז – טיפע זומפּן. דער אַריינגאַנג איז געווען פון איין זייט דורך אַ קלאַטקע.

9 פרי זענען די טישן שוין געווען געדעקט. די גרופּן זענען געווען צוגעגרייט לויטן סדר.

10 אַזייגער האָט זיך באַוויזן דער חבר מארגיס אין באַגלייטונג פון דער אָנפירונג פוןביידע אָפּטיילונגען. אַלעמענס פּנימער זענען געווען געווענדעט אין דער ריכטונג פון די געסט. מען האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז אַזאַ מענטש מיט אַזאַ פּאָליטישער און קאָמפּס־דערפאַרונג – דאַרף לכל הפחות האָבן שוין איבער די פופציקער, און דאָ באַווייזט זיך אַ יונגער שיינער בחור, העל בלאָנד, ריין און זייער אַקוראַט געקליידעט, אַ שלאַנקער, מיט אַ ליבן שמייכל און אַ סך גוטמוטיקייט.

אַדאַנק די פירערונגען האָבן אַ סך פּאַרטיזאַנער געהאַט די מעגלעכקייט דירעקט כאַפּן אַ שמועס מיטן קאָמיסאַר. דערשטוינט זענען געווען די אָנפירער פון די אָפּטיילונגען, ווען נאָך די פייערונגען, אין זעמליאַנקע פון שטאַב, האָט דער קאָמיסאַר מארגיס, מיט גענויער פּינקטלעכקייט דערמאָנט וועגן די ביטעס פון אייניקע פאַרטיזאַנער. דאָס וואָס איז מעגלעך געווען צו באַווילקן דירעקט אין דער אָפּטיילונג, איז דערליידיקט געוואָרן אַדאַנק זיין אינטערווענץ, די איבעריקע האָט ער צוגעזאָגט אַליין צו דערליידיקן מחוץ דער אָפּטיילונג.

איך דערמאָן מיך זיינע רייד: „מיר מוזן צו די דאָזיקע מענטשן (ד.ה. צו די יידן.) צוגיין מיט מער האַרץ און אויפמערקזאַמקייט. דאָס זענען אומגליקלעכע מענטשן, איינצלנע פאַרבליבענע פון גאַנצע משפחות. מענטשן פּסיכיש צעבראָכענע. אונדזער חוב איז צו געבן זיי אַ געהעריקע, פאָטערלעכע, מאָראַלישע הילף, זיי דאַרפן וויסן, אַז ביי אונדז איז נישטאָ קיין ראַסן־האַס, אַלע זענען גלייך".

פאָלגנדיקער פאַקט כאַראַקטעריזירט זיין באַציונג צו די יידישע קעמפער.

אין דעצעמבער 1943 איז אין אונדזער וואַלד אַדורך אַ שוידערלעכער שטורעם, הונדערט־יאָריקע ביימער זענען אַרויסגעריסן

געוואָרן מיטן וואָרצל. ס'איז זיך פשוט נישט געווען ווו צו באַהאַלטן, ווייל קיין זעמליאַנקעס האָבן מיר נאָך דאַן נישט געהאַט. אַ גרויסער בוים איז געפאַלן פלוצלינג לעבן דער קיך. אונטער אים האָט זיך געפונען דער פּאַרטיזאַן אַלעקסאַנדער רינדזיונסקי און די פרוי פענעאוסאָוו. רינדזיונסקי האָט זיך געפונען נאָענט צום בוים און ער איז געוואָרן שווער פאַרוווּנדעט. ער איז אָפּגעלעגן פיל חדשים אָן באַוועגונג. צו די קראַנקע האָט אָנגעהויבן קומען דער קאָמיסאַר מאַרגיס. שעהען פלעגט ער אָפּזיצן אין לאַזאַרעט (פינצטערע זעמליאַנקע) מיט די חולאים, ברענגען זיי טאַבאַק, אַמאָל אַ ביסל משקה און זיי מיטטיילן וועגן דער לאַגע, טרייסטן זיי. ווען ער פלעגט נישט קענען קומען, האָט ער געבעטן אים מיטטיילן וועגן זייער געזונט־צושטאַנד, זיך מיען באַקומען רפואות און זיי איבערשיקן אין אונדזער אָפּטיילונג.

איבער אַ האַלב יאָר האָט געדויערט איידער רינדזיונסקי האָט זיך געקענט אויפהייבן פון קראַנקן געלעגער.

אָבער נאָכן אַרויסגיין פון לאַזאַרעט איז ער געבליבן אָן אינוואַליד אויפן גאַנצן לעבן. ער איז געווען זייער נידערגעשלאָגן פון דעם, וואָס ער קען נישט אָנטיילנעמען אין די קאַמפּס־אַקציעס, וואָס ער איז שוין אויס פּאַרטיזאַן, איז נישט פעיק נקמה צו נעמען. ער האָט געפילט, אַז ער ווערט אַ באַלאַסט פאַר די איבעריקע פּאַרטיזאַנער. אין אַזאַ צושטאַנד האָט דער קאָמיסאַר מאַרגיס געטראָפן רינדזיונסקי אויף דער באַזע אַ פאַרצווייפלטן און רעזיגנירטן. נאָך אַ קורצן שמועס מיט אים (אגב האָט ער אים שוין גוט געקענט, און אַלע האָבן געוווּסט, אַז דער חבר רינדזיונסקי איז זייער אַן אינטעליגענטער און פעיקער בחור.) האָט ער אים פאָרגעלייגט מיטאַרבעטן אין דער רעדאַקציע, אין וועלכער ער איז געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר. פון יענער צייט אָן האָבן די פּאַרטיזאַנער נישט דערקענט רינדזיונסקין. ער איז ווי אויפגעשטאַנען תחית המתים, געוואָרן לעבעדיק, מונטער, געאַרבעט אינטענסיוו אין דער רעדאַקציע אונטער דער אויפזיכט פון קאָמיסאַר. מיט באַגייסטערונג פלעגט ער דערציילן וועגן דער גוטסקייט, אָרנטלעכקייט און איבערגעגעבנקייט פון מאַרגיסן.

נאָך איין פאַקט פון דירעקטער הילף פאַר יידן מצד דעם קאָמיסאַר מאַרגיס.

נאָך דער ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ זענען אין ווילנע נאָך פאַרבליבן צוויי קליינע קאָנצענטראַציע־לאַגערן „קייליס" און „ה. ק. פּ". אין די צוויי לאַגערן זענען געווען ביי אַן ערך צוויי טויזנט מאַן.

אַ דירעקטע פאַרבינדונג מיט די יידן פון די צוויי לאַגערן האָט געהאַט די מיטגלידערין פון שטאָטישן אַנטיפאַשיסטישן־קאָמיטעט, די העלדין פון ווילנער געטאָ, סאָניע מאַדייסקער. דער שטאָט־קאָמיטעט פלעגט באַקומען כסדרדיקע דירעקטיוון פון וואַלד, געשיקט דורך יידישע מיידלעך, אויסשפּירערינס פון אונדזערע אָפּטיילונגען. דאָס זענען געווען די דריי בלאָנדע מיידלעך, זעלדע טרעגער, וויטקע קעמפּנער, דינה לעווין און די שאַטינקע – דאַבקע דעוועלטאוו. זיי פלעגן זיך אָפּט בייטן. פאַרן אַוועקגיין אין שטאָט פלעגן זיי שטענדיק ווערן אויפגענומען צווישן אַנדערע, אויך דורכן קאָמיסאַר מאַרגיס. טאַקע פון אים פלעגן זיי קריגן די דירעקטיוון און אָנווייזונגען. אין וואַלד איז געווען שווער, מיר האָבן געהאַט זייער ווייניק געווער און יעדער נישט באַוואָפנטער מענטש איז געווען נאָר אַ באַלאַסט. נישט געקוקט אויף דעם, האָט מאַרגיס געגעבן די דערלויבעניש, און אין אַנדערע פאַלן באַפוילן, ברענגען וואָס מערער יידן אין וואַלד. אַדאַנק דעם האָט מען געבראַכט טאַקע דריי גרופּן יידן פון די לאַגערן. מיר איז שווער צו זאָגן וויפל דאָרט איז געווען, נאָר אויב דער זכרון פאַרפירט מיך נישט, איז אין יעדער גרופּע געווען 20־25 פּערזאָן.

ס'איז שווער צו באַשרייבן מיט וואָס פאַרא ליבשאַפט און פרייד דער קאָמיסאַר מאַרגיס פלעגט באַגעגענען די ניי־אָנגעקומענע גרופּן, הגם אין וואַלד האָט מען געדאַרפט דער עיקר יונגע, פעיקע און גרייטע אין יעדן מאָמענט צום קאַמף קעגן בלוטיקן פאַשיזם.

פון געטאָ זענען די יידן געקומען זייער שלעכט באַוואָפנט. אויף אַן אָפּטיילונג פון איבער הונדערט מאַן איז געווען אַן ערך 9־10 ביקסן, איין אויטאָמאַט, איין קוילן־וואַרפער און אַ צענדליק פּיסטאָלעטן. מיט אַזאַ געווער האָט מען נישט געקאָנט קעמפן. דער אָנפאַנג איז געווען אַ שווערער, מען פלעגט אָנפאַלן אויף פּאָליציי־פּאָסטנס, גאָר קליינע גאַרניזאָנען, הייזקעס פון וואַלד־וועכטער, און צונעמען זייער געווער. אָבער דאָס איז אַלץ געווען זייער ווייניק. ס'זענען אין וואַלד אויך געווען די אַזוי גערופענע ספּעץ־גרופּן, זיי האָבן געהאַט אַ סך בעסערע באַוואָפענונג פון אונדז. כמעט יעדערער פון זיי האָט געהאַט אַן אויטאָמאַט. אחוץ דעם האָט דער ליטווישער פאַרטיזאַנער־שטאַב אָנגעהויבן רעגולער צושיקן געווער, אַמוניציע און אויפרייס־מאַטעריאַלן דירעקט פון מאָסקווע. פון איין אַעראָפּלאַן פלעגט מען אַראָפּוואַרפן 18־19 זעק מיט אַמוניציע. דאָס אַלץ פלעגט ווערן אויפגעזאַמלט אין שטאַב פון בריגאַדע און פון דאָרט צעטיילט געוואָרן פּראָפּאָרציאָנעל פאַר אַלע אָפּטיילונגען. אין דער ערגסטער לאַגע האָבן זיך פאַרשטענדלעך געפונען אונדזערע

אָפּטיילונגען.

מיר האָבן געהאַט געוועהר צומווייניקסטן און אויפגאַבן געמוזט אויספירן ווי אַלע אַנדערע, נאָך אפשר מער, נישט ווייניקער ריזיקאַליש. כדי צו באַקומען מער און בעסער געווער האָט מען טאַקע געדאַרפט האָבן אַ צד אין צענטער. און דאָס איז געווען דער קאָמיסאַר מאַרגיס. לויט זיין אייגענער איניציאַטיוו האָט ער ביים פּאַרטיילן געווער געהייסן אונדז אויסטיילן מערער ווי אַלע אַנדערע גרופּן און שטרענג קאָנטראָלירן צי זיין באַפעל איז אויסגעפירט געוואָרן, ער האָט דאָס באַגרינדעט אַזוי: „אייך קומט געווער, איר זייט באַרופן צו דעם, אַז איר זאָלט נקמה נעמען. איר, וועלכע האָט אַזויפיל געליטן, וועמען דער פיינט האָט געטראָטן מיט די פיס אייער מענטשלעכע ווירדע, טאַקע אייך דאַרף געגעבן ווערן די מעגלעכקייט נעמען פאַר דאָס אַלץ נקמה און אויף אַ ווירדיקן מענטשלעכן אופן פאַרטיידיקן אייער לעבן”.

מען דאַרף נעמען אין באַטראַכט, אַז די סיטואַציע אין יענער צייט, אַז פאַר יעדן פּאַטראָן האָט מען געמוזט פאַרביסן קעמפן. די זאָרג, אַז יידישע אָפּטיילונגען זאָלן האָבן געווער, איז געווען דער פולסטער אויסדרוק פון זיין באַציונג צו די יידן־פּאַרטיזאַנער און צו זייערע אויפגאַבן.

מאַרגיס איז געבוירן געוואָרן לעבן ווילנע. געלעבט און געלערנט אין ווילנע. פון 1940 יאָר, אַן אַקטיווער קאָמוניסט. אין יאָר 1941 עוואַקואירט ער זיך צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי אין רוסלאַנד, איבערלאָזנדיק די גאַנצע משפחה. ווערט גלייך מאָביליזירט און אָפּגעשיקט אין דיווערסאַנטן־שול.

אין סעפּטעמבער 1942 יאָר, נאָכן ענדיקן די שול ווערט ער צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע חברים – דיווערסאַנטן אַראָפּגעוואָרפן הינטער ווילנע. דידאָזיקע גרופּע האָט געהאַט איר אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן די אונטערערדישע אַנטיפאַשיסטישע באַוועגונג אין ווילנע און ווילנער קרייז, ווי אויך אַ פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

אַ שווידערלעך שווערער פּעריאָד איז אָבער געווען אין יענער צייט אין ווילנע. דער פראָנט איז געווען זייער ווייט פון ליטע – ביי סטאַלינגראַד. ווילנע איז געווען די צענטראַלע אַרטעריע, וועלכע האָבן געבונדן בערלין מיט רוסלאַנד. די טעריטאָריע איז געווען אָקופּירט און פאַרפלייצט מיט פאַשיסטן, דייטשישע זעלנער, ליטווישע פאַשיסטן, אפילו מיט אוקראַינישע און רוסישע נאַציאָנאַליסטן פון יעדן מין. נישט קיין

וואונדער, וואָס די גרופּע האָט אָנגעטראָפן אויף זייער גרויסע שוועריקייטן ביים רעאַליזירן איר אויפגאַבע.

מיט גרויס מסירת נפש האָבן זיי אָנגעהויבן זייער טעטיקייט. זיי האָבן אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט אייניקע קאָמוניסטן פון שטאָט. זיך געטראָפן צוויי מאָל מיט אַ פאָרשטייער פון פ.פ.אָ. (דאָס איז געווען דער קאָמענדאַנט פון פ.פ.אָ. – איציק וויטענבערג), וועלכער איז אַרויסגעפאָרן אויף אַ באַגעגעניש מיט די אַראָפּגעוואָרפענע דיווערסאַנטן פון רוסלאַנד.

זיי האָבן אין נאָמען פון צ.ק. אָנערקענט און לעגאַליזירט די אָפּירנדע ראָל פון דער אַנטיפאַשיסטישער גרופּע אין פ.פ.אָ., צוגעזאָגט הילף אין יעדן מאָמענט, פאָרגעלייגט אַריבערטראָגן די פאַרטיזאַנער־אַקציעס אין די וועלדער אַריין.

דאָס באַווייזן זיך פון די פאַראַשוטיסטן איז פאַר די קעמפער און סימפּאַטיקער פון פ.פ.אָ. געווען ווי אַ פריידיקע שיין אין דעם חושך פון יענער צייט, ווי אויך פאַר די אַלע יידן, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז מען מוז שטעלן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד דער פאַשיסטישער בעסטיע.

די דייטשישע זשאַנדאַרמעריע און געסטאַפּאָ איז אין קורצן געפאַלן אויף די שפורן פון די פאַראַשוטיסטן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געראַנגל אויף לעבן און טויט. זיין צוזאַמען איז פאַר זיי געווען אוממעגלעך. זיי האָבן זיך צעטיילט. יעדערער איז אַוועק אין אַן אַנדערער ריכטונג און אין אַ באַשטימט אָרט און צייט זיך געדאַרפט ווידער טרעפן. שווער צו זאָגן, ווו און אין וועלכן אָרט עס געפינען זיך די ביינער פון עטלעכע געפאַלענע פאַראַשוטיסטן. איינעם פון זיי איז דאָך געלונגען בלייבן לעבן און פאָרזעצן זיין קאַמף ביזן סוף. דאָס איז געווען דער יונגער מאַרגיס, וועלכער האָט לויט זיין אייגענער איניציאַטיוו געפירט אַן אַקטיווע אַרבעט ביים אָרגאַניזירן קאַמפס־גרופּן.

דער לעבנס־וועג פון דעם איבערגעגעבענעם בחור איז געווען אַ געפערלעכער, ער האָט יעדן טאָג זיך אָנגעטראָפן אויף סכנות, און בלויז דורך אַ צופאַל ניצול געוואָרן פון טויט.

פון מאָמענט ווען מאַרגיס האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אַלס פאַרטיזאַנער־אָנפירער האָבן עס גלייך דערשפירט די יידישע פאַרטיזאַנער. פאַר זיי איז ער געווען ווי אַ פאָטער, זיך שטענדיק אָפּגערופן אויף זייער ווייטאָג, זיך באַמיט מאַקסימאַל צו העלפן אין אַלץ.

אַדאַנק דער דאָזיקער הילף זענען אונדזערע אָפּטיילונגען אין 1944

יאָר שוין געווען איינע פון די אויסגעצייכנטסטע פּאַרטיזאַנער־גרופּן מיט אַ גוטער באַוואָפענונג: אויף געניע הונדערט מיט צוואַנציק מאַן האָבן מיר געהאַט 6־8 קוילנוואַרפערס, 55 אויטאָמאַטן, צוויי קעגן־טאַנק־געווער, 10 מאַשין־ביקסן און פיל, פיל ביקסן מערער ווי מענטשן.

אין געמיינזאַמען קאַמף קעגן בשותפותדיקן שונא האָט זיך אויסגעשמידט די אומצעררייסלעכע פריינדשאַפט פון די יידישע פּאַרטיזאַנער מיטן פוילישן פּאַרטיזאַן־פּאַראַשוטיסט מאַרגיס־שענקעוויטש.

מיידלעך אין דער אונטערערדישער באַוועגונג אין ווילנער געטאָ

רחל מענדעלסונד־קאָוואַרסקי

דאָס איז אַ בינטל זכרונות וועגן עטלעכע פון מײַנע פריינט און חברטעס, מיידלעך פון דער אונטערערדישער באַוועגונג אין ווילנער געטאָ און פאַרטיזאַנקע. פרויען מיט וועלכע איך האָב געאַרבעט און געקעמפט פון דער אנטשטייונג פון דער פאַראייניקטער פאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע, פאַרקירצט פ.פ.אָ. ביז מיר זיינען צוריק אַריין אין דער באַפרייטער ווילנע. מיידלעך וואָס האָבן האַנט אין האַנט מיט די מענער געקעמפט פאַר דער ווירדע פון מענטש און ייד. די מיידלעך האָבן סיי אין געטאָ סיי אין דער פאַרטיזאַנקע אויסגעפירט אַ גרויסע טייל פון דער אַרבעט. אַ מיידל, ווען זי האָט געהאַט בלאָנדע האָר, בלויע אויגן און אַ פאַריסענעם נעזל האָט געקענט פרייער זיך באַוועגן אויף דער אַרישער זייט, זיין אַ פאַרבינדלערין פון געטאָ מיט פריינד פון שטאָט, אויסשפירן און דורכפירן סאַבאָטאַזש־קציעס. וויטקע קעמפנער, וועלכע לעבט היינט אין ישראל און איצקע מאַצקיעוויטש זיינען אַרויס פון געטאָ און אונטערגעריסן אַ באַן וואָס איז געגאַנגען צום פראָנט און אומגעבראַכט אַ גרויסע צאָל דייטשע סאָלדאַטן. דאָס באַקאַנטע ליד פון הירש גליק וועגן „דער מויד מיטן סאַמעטענעם פנים" איז געשריבן וועגן וויטקען. מיר האָבן אין ווילנער געטאָ, פונקט ווי אין הונדערטער געטאָס און לאַגערן, געהאַט דרייסטע, העלדישע מיידלעך, מיידלעך וואָס האָבן געטאָן טאָג־טעגלעכע אַרבעטן פאַר דער באַוועגונג און געפילט, אַז זיי טוען דאָס הייליקסטע אין זייער לעבן.

רחל מענדעלסונד־קאָוואַרסקי (1921 – 1978) אַן אָפּשטאַמיקע פון וואַרשע. אין ווילנער געטאָ געוועזן אַ מיטגליד פון פ.פ.אָ. אַ פאַרטיזאַנער אין רודניצקער פּושטשע. נאָכן קריג געלעבט אַ לענגערע צייט אין ווילנע, שפּעטער אַ קורצע צייט אין פּוילן, פראַנקרייך. די לעצטע יאָרן געלעבט אין ניו־יאָרק.

איינע פון די שענסטע געשטאַלטן אין אונזער באַוועגונג איז געווען סאָניע מאדייסקער. אַ טונקל־האָריקע, בלוי־אייגיקע מיידל אין די 20יקער, האָט זי שוין באַוויזן אָפּצוזיצן 6 יאָר אין די פּוילישע טפּיסעס. ווען אין געטאָ האָט זיך געשאַפן די פ.פ.אָ. איז סאָניע געווען אין שפּיץ פון דער באַוועגונג. זי איז געווען אַ מיטגליד פון שטאַב ווי אויך פון שטאָטישן קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, מיטגעאַרבעט אין דער רעדאַקציע פון דער אומלעגאַלער צייטונג „שטאַנדאַרט וואָלנאָשטשי.״ (די פרייהייטס־פאָן) און אַרויסגעגעבן פּראָקלאַמאַציעס פאַר דער פוילישער און ליטווישער באַפעלקערונג. דער שטאַב פון פ.פ.אָ. האָט באַשלאָסן צו דערטראָגן צו מאָסקווע די גרויזאַמקייטן פון די נאַציס. סאָניע מיט צעסיען האָבן זיך געלאָזן אין ווייטן וועג כדי זיך דורכצורייסן דורך דער פראָנט־ליניע און אָנבינדן אַ קאָנטאַקט מיטן שטאַב פון די סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער. די דאָזיקע פאַנטאַסטישע אויפגאַבע האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן. הארט פאַרן פראָנט האָט מען די מיידלעך אַרעסטירט און אָפּגעשיקט קיין ווילנע. פאַר דער שטאָט גיט זיך זיי איין צו אַנטלויפן און קוים לעבעדיקע האָבן מיר זיי דערזען אין געטאָ.

נאָך דער ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ איז סאָניע געבליבן אין שטאָט אויף אַרישע פּאַפּירן. זי איז געוואָרן דער הויפּט־קאָנטאַקט פאַר דער פּאַרטיזאַנקע. זי באַמיט זיך צו קריגן געווער, וואָס מיר האָבן אין אָנהויב אַזוי ווייניק געהאַט. סאָניע איז אויך געווען אין כסדרדיקער פאַרבינדונג מיט די רעשטלעך פאַרבליבענע יידן אין שטאָט.

די געשטאַפּאָ האָט וועגן סאָניען געוואוסט און זי אַרומגעזוכט. אין מאַי 1944 ווערט דאָס הויז אין וועלכער זי וווינט, אַרומגעשטעלט מיט פּאָליציי. נאָך אַ פייער־אויסטויש שיסט זיך סאָניע מיט דער לעצטער קויל. אַ שווער פאַרווונדעטע ברענגט מען זי אין טורמע. מען היילט זי אויס און פאַר לאַנגע וואָכן ווערט סאָניע שרעקלעך געפּייניקט. זי לאָזט זיך אָבער נישט ברעכן און גיט קיינעם גיט אַרויס. עטלעכע וואָכן איידער ווילנע איז באַפרייט געוואָרן האָט מען סאָניען דערשאָסן.

אַסיע ביק איז געווען מיינע אַ שול־חברטע. צוזאַמען זיך געלערנט, געהערט צו דער זעלבער „צוקונפט״ גרופּע. אסיע, אַ מיידל מיט לאַכעדיקע גרינע אויגן און זומער שפּרינקלעך איז געווען פול מיט לעבן און איבערפליסנדער ענערגיע. אַ בונדיסטקע און פון אַ בונדישער פאַמיליע איז זי געווען אַריינגעטאָן אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. אין געטאָ האָט זי זיך אַריינגעוואָרפן מיטן גאַנצן ברען אין דער אַרבעט פון דער

פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע. זי איז געוואָרן אַ שטאַב־פּאַרבינדלערין. בעת דער ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ זיינען מיר, די לעצטע מיטגלידער פון פ.פ.אָ. אַרויסגעגאַנגען דורך די קאַנאַליזאַציע רעדן אויפן וועגן צום וואַלד. אַסיע מיט אירע חברים אבראשע כוואָיניק און יאנקל קאַפּלאַן זיינען געייענדיק צום זאַמל־פּונקט הינטערן שטאָט פאַרהאַלטן געוואָרן דורך געשטאַפּאָ. זיי האָבן זיך אָפּגעשאָסן און דערהרגעט עטלעכע דייטשן. מען האָט זיי אָבער אַרומגערינגלט און אָפּגעפירט אין טורמע. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען זיי געפּייניקט. צומאָרגנס האָט מען זיי עפנטלעך, אין דער אָנוועזנהייט פון די רעשטלעך יידן פון ווילנער געטאָ אויפגעהאַנגען. איידער די פעטליע האָט זיך אַריינגעשניטן אין איר האַלדז האָט אַסיע אויסגעשריען: טויט די דייטשע מערדער! זאָל לעבן די יידישע פּאַרטיזאַנער... און זי איז געבליבן הענגען.

אין וואַלד זיינען די פרויען מיט די מענער געגאַנגען צוזאַמען. געגאַנגען אויף אויפגאַבן ווי אַראָפּלאָזן באַנען, שניידן עלעקטרישע סלופּעס, געמאַכט איבערפאַלן אויף דייטשע פּאָסטנס. געשטאַנען אויף וואַך אין די נאַסע וועלדער פול מיט מאָסקיטן און געוועזן פּאַרבינדלערקעס מיטן שטאָט. ווער פון אונז קען פאַרגעסן פעשיע שיינבוים וואָס האָט זיך באַמיט פון די נישטיקע פּראָדוקטן וואָס מיר האָבן געהאַט, מאַכן פאַרשידענע מאכלים. זי האָט געהאַט אַלעמען אויפן קאָפּ און געהיט ווי אַ מאַמע אַז מען זאָל עסן, זיך אָפּרוען א.א.וו. דאָבקע, דינע און זעלדע, ווי אויך אַנדערע זיינען כמעט יעדע וואָך געגאַנגען אין שטאָט. מיט פּאַטשיילקעס אויפן קאָפּ, אָנגעטאָן ווי פּויערטעס האָבן זיי זיך באַמיט אַרויסצונעמען די ביסל יידן וואָס זיינען דאָרט געבליבן, באַזאָרגן די איבערגעלאָזטע ביי די אַריער יידישע קינדער. זיי האָבן אויך צוגעגרייט און אויסגעפירט סאַבאָטאַזש־אַקטן. אַזוי איז דורך די דאָזיקע מיידלעך אויפגעריסן געוואָרן די עלעקטרישע סטאַנציע אין ווילנע.

די הויפּט־אויפגאַבע איז געווען קריגן געווער. דער שטאַב פון אונזער פּאַרטיזאַנער בריגאַדע האָט באַשלאָסן מאַכן אַן איבערפאַל אויף אַ האָלענדישן פּאָסטן וועלכער האָט געהיט די אַרבעטער אויף די טאָרף־פעלדער. דער קאַמף איז געווען קורץ און די האָלענדער זיינען זיך צעלאָפן. אונזערע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך געוואָרפן צו די געווער־סקלאַדן. איינער אַ הויכער, געזונטער האָלענדער, האָט זיך פאַרלאָרן און געבליבן שטיין אינמיטן דער גאַנצער סומאַטאָכע. נישט פאַרלאָרן האָט זיך ניוסיע לובאָצקי אַ ביתריסטקע און טיכטיקער מיטגליד פון פ.פ.אָ. זי איז צו אים צוגעלאָפן, אויסגעשטעלט איר קליינעם רעוואָלווער און אים גענומען אין

געפאַנגענשאַפט. הענק, ווי דער האַלענדער האָט געהייסן, איז געוואָרן אַן אויסגעצייכנטער פּאַרטיזאַנער. געגאַנגען אויף אַלע אויפגאַבן און געשלעפּט דעם שווערן קעגן־טאַנק געווער.

צום סוף וועגן אַ מיידל וואָס איז געווען באַוווסט און באַליבט ביי אַלע מיטגלידער פון אונזער אָרגאַניזאַציע. איר נאָמען איז געווען ליזע, ליזע מאַגון. אַן איבערגעגעבענער מיטגליד פון שומר־הצעיר איז זי געוואָרן זייער אַקטיוו אין פ.פּ.אָ. די קליינע מיידל מיטן האַרציקן שמייכל האָט דאַכט זיך אַרומגענומען מיט ליבשאַפט די גאַנצע וועלט. ליזע איז געווען אַ פאַרבינדלערין מיט די יידישע ישובים אַרום ווילנע און אויך אַריינגעטראָגן געווער און אויפרייס־מאַטעריאַלן אין געטאָ. ווען עס גייט אַרויס אַ באַפעל פון דער דייטשער מאַכט צו טוישן די פּאַשפּאָרטן, גייט ליזע טוישן אויך איר פאַלשן אַרישן דאָקומענט און זי ווערט אַרעסטירט. אַלע באַמיונגען זי אַרויסצוקריגן פון טורמע געלינגען נישט. ליזע באַווייזט אַרויסצושמוגלען פון תפיסה אַ בריוול אין וועלכן זי שרייבט: „טייערע חברים, איך ווייס אַז מיין וועג פירט צו פאָנאַר. איך האָב זיך געהאַלטן אין תפיסה און איך וועל זיך האַלטן אין טויט. נעמט נקמה! אייער ליזע". זי איז דערשאָסן געוואָרן אויף פאָנאַר אין פעברואַר 1943. לויטן באַשלוס פון שטאַב פון דער פ.פּ.אָ. ווערט אין איר אָנדענק דער פּאַראָל פאַר אַן אַלגעמיינער מאָביליזאַציע פון די פּאַרטיזאַנער אין געטאָ דאָס וואָרט „ליזע רופט". ליזע רופט צום קאַמף. דאָס זיינען בלויז בילדער פון עטלעכע מיידלעך. אין די געטאָס, קאָנצענטראַציע לאַגערן. אין די וועלדער און אויף די פראָנטן זיינען געווען הונדערטער, הונדערטער אַזעלכע.

עס זיינען געווען הונדערטער וואָס האָבן געקעמפט און זייער לעבן אַוועקגעגעבן מיט מוט און בטחן פאַרן יידישן פאָלק און פאַרן אויפבוי פון אַ בעסערן מאָרגן פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

מיר וועלן זיי אייביק געדענקען.

אויסצוג פון רייזל קאָרטשאַקס בוך "להבות באפר"

דער אַרויסגיין אין פּאַרטיזאַנקע פון די יידן וואָס האָבן געאַרבעט אין שטאָט ווילנע אין לאַגער ה.ק.פּ. איז געוואָרן אַקטועל אין 1944. זיי האָבן געשאַפן אַן אונטערערדישע גרופּע, וועלכע איז געווען מיט סאָניע מאַדייסקער אין אַ שטענדיקער פאַרבינדונג.

די אָרגאַניזירטע גרופּע פון ה.ק.פּ. האָט גענומען גראָבן אַ טונעל מיטן ציל צו אַנטלויפן אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער. געהאָלפן האָט זיי אַ סך דער דאָקטער פון ה.ק.פּ. מישע פייגנבערג. ער פלעגט די טויט מידע מענטשן, וועלכע זיינען אַ גאַנצע נאַכט געווען פאַרנומען ביים גראָבן מיט די הענט דעם טונעל באַפרייען בייטאָג פון דער אַרבעט אין לאַגער, ער פלעגט אַרויסגעבן פיקטיווע קראַנקן שיינען. אויך האָט ד"ר מישע פייגנבערג געקראָגן רפואות און עס איבערגעבן די פּאַרטיזאַנערין פון רודניציקער פּושטשע זעלדע טרעגער פאַרן געבורויך אין וואַלד. ער האָט געהאַט אַ פאַרבינדונג מיט אַ דייטש, אַ סאַניטאַר אין ראַנג פון אַן אָפיצער, וועלכער פלעגט באַזוכן דעם לאַגער ה.ק.פּ. און פאַר גאָלד פלעגט ער ברענגען רפואות.

אָבער דעם טונעל האָט אַנטדעקט די יידישע אָנפירערשאַפט פון לאַגער מיט די יידישע מוסרים פון געשטאַפּאָ ניקע דרייזין און אייזיק אווערבוך (געוועזענע יידישע פּאָליציאַנטן־אָפיצערן אין ווילנער געטאָ). לויט שאַפּיראָ דעם אָנפירער פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע פון ה.ק.פּ. האָט מען אַרעסטירט און עס איז גאָרניט געוואָרן פון דעם אַרויסגיין אין וואַלד. דאָס איז געווען אין יאַנואַר־פעברואַר 1944.

ערשט אין אַפּריל 1944 איז ווידער געוואָרן אַקטועל די פראַגע פון

קאָרטשאַק־מאַרלאַ רייזל (רוזשקע) (1991 - 1988) געקומען פון פּאָלאָצק קיין ווילנע. געווען אַן אַקטיווע מיטגלידערין פון פ.פּ.אָ. אין ווילנער געטאָ. אַ פּאַרטיזאַנערין אין רודניצקער פּושטשע. נאָכן קריג געלעבט אין ישראל אין אַ שומר הצעיר קיבוץ עין החורש. אַרויסגעגעבן אַ בוך „להבות באפר" (פלאַמען און פייער).

אַרויסגיין אין וואַלד פון די מענטשן פון ה.ק.פּ. און עס איז אַפילו געגרי באַשטימט געוואָרן די דאַטע ווען זיי האָבן געדאַרפט פאַרלאָזן דעם לאַגער.

די פּאַרטיזאַנערינס זעלדע טרעגער און וויטקע קעמפּנער זיינען אַרויס פון וואַלד אין שטאָט כדי צו אָרגאַניזירן און ברענגען די גרופּע צו די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד. זיי האָבן אין שטאָט זיך געטראָפן מיט סאָניע מאַדייסקער, כדי אַרומצורעדן די פּרטים פון דעם אַרויסגיין.

סאָניע האָט זיי דערציילט, אַז די אַרבעט אין שטאָט איז געוואָרן זייער שווער. דער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן אַז מען זאָל אַוועקגיין אין וואַלד. אויך זי און קאַראָל, וועלכער האָט מיט איר מיטגעאַרבעט האָבן אינגיכן געדאַרפט פאַרלאָזן די שטאָט. וויטקע און זעלדע האָבן זיך אָפּגערעדט ווידער זיך צו טרעפן מיט סאָניען דעם קומענדיקן טאָג.

ווען זעלדע איז געקומען דעם קומענדיקן טאָג אויפן טרעף פונקט, וואו זי האָט זיך אָפּגערעדט צו טרעפן מיט סאָניען אויף זאַרעטשע 3, וואו סאָניע האָט געוואוינט האָט זי דערזען אַ פרעמדן מאַן לעבן טויער אָנגעטאָן אין קאַראָלס זאַכן און אויך שפּורן פון קוילן אַרום.

ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן זיינען געסטאַפּאָ איבערגעטאָן אין ציווילע קליידער נאָכגעגאַנגען קאַראָלן, אים אַריינגעלאָזן אין שטוב און שפּעטער אָנגעקלאַפּט. סאָניע איז אַראָפּגעלאָפן אין קעלער פון הויז און זיך אַליין געשאָסן. אָבער זי האָט נאָך געלעבט, ווען די געסטאַפּאָווצעס האָבן איר געפונען. זיי האָבן איר אָפּגעפירט אין שפּיטאָל, וואו זי איז אַ פּאָר טעג שפּעטער געשטאָרבן פון די וואונדן.

סאָניע מאַדייסקער

דער קאַמפּס־רעגלאַמין

אַבאַ קאָוונער*

איך בין ניט ביכולת צו דערציילן איצט אַלץ וועגן דעם גאַנצן געראַנגל־ און קאַמף־וועג פון דער פ.פ.אָ.. צושטאַרק איז די קראַפט, מיט וועלכע ס'טויכן נאָך אויף אין דער נשמה יענע טעג, איך זאָל קענען דערציילן, ווי אַזוי מיר האָבן געזוכט הילף ביי מיליטערישע און פּאָליטישע אונטערערדישע כוחות מחוץ דעם געטאָ. ווי אַזוי די פּוילישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אונדז צוגעזאָגט געבן געווער און – אָפּגעזאָגט. ווי אַזוי מיר האָבן זיך פאַרבונדן אַזש ביזן צענטער אין וואַרשע. ווי אַזוי מיר, יידן פון געטאָ, האָבן נאָך אין 1942 אָנגעשריבן דעם ערשטן אויפרוף צו דער פּוילישער באַפעלקערונג, רופנדיק זיי צום קאַמף מיטן אָקופּאַנט. ווי אַזוי זוכנדיק פאַרבינדונג, האָבן מיר אָנגעטראָפן די ערשטע פּאַרטיזאַנער־דעסאַנטן, די שליחים פון ליטווישן שטאַב אין מאָסקווע, מאַרגיסן מיט זיינע חברים. ווי אַזוי אונדזערע צוויי קעמפערינס, די יידישע מיידלעך סאָניאַ מאַדייסקער און צעסיאַ ראָזענבערג, זיינען דאַן אַוועקגעשיקט געוואָרן אַריבערגיין דעם פראָנט מיטן ציל אָנצוקומען קיין מאָסקווע, כדי דאָרט איבערגעבן וויכטיקע מאַטעריאַלן פון דער פ.פ.אָ., וואָס האָבן דערציילט דער וועלט אַן אמת, וועגן וועלכן מען האָט דאַן נאָך ניט געאַנט.

ווי אַזוי זיי זיינען אָן פאַרבינדונג דורכגעגאַנגען ביז וועליקי־לוקי, געוועזן געכאַפּט עטלעכע מאָל דורך געסטאַפּאָ און צום סוף געמוזט אַנטלויפן צוריק אין ווילנער געטאָ, ווערנדיק געפירט ביי פּאָלאַצק – צום שיסן. ווי אַזוי איטשעלע קאָוואַלסקי האָט געשאַפן אַ געהיימע דרוקעריי,

---

קאָוונער אַבאַ (1918 – 1987) אין ווילנער געטאָ געווען איינער פון די גרינדער פון דער אונטערערדישער ווידערשטאַנד באַוועגונג פ.פ.אָ. נאָכן טראַגישן טויט פון איציק וויטענבערג געווען דער קאָמענדאַנט פון פ.פ.אָ. אַ קאָמאַנדיר פון אַ פּאַרטיזאַנער מחנה אין די רודניצקער וועלדער. נאָכן קריג זיך דערקליבן קיין ישראל, וואו ער האָט געקעמפט פאַר איר אומאָפּהענגיקייט. געלעבט אין שומר הצעיר קיבוץ עין החורש. אַרויסגעגעבן אַ צאָל פּאָעטישע ווערק.

* פון זשורנאַל „יידישע קולטור"

וועלכע האָט אַרויסגעגעבן די גאַנצע אונטערערדישע ליטעראַטור אין דער שטאָט ווילנע. ווי אַזוי ס'זיינען אומגעקומען די צוויי שוועסטער זילבער, פירנדיק דעם „אויפרוף פון ווידערשטאַנד" צו אַלע יידישע ישובים אונטער דער אָקופּאַציע. ווי אַזוי אונדזערע שליחים עדעק באָראַקס, חיה גראָסמאַן, ווילנער, ענטין און ישראל קעמפּנער זיינען געפאָרן שאַפן די פּ.פּ.אָ. אין וואַרשע און ביאַליסטאָק, און זיינען געוואָרן די אָרגאַניזאַטאָרן און פירער פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער און ביאַליסטאָקער געטאָ.

ווי אַזוי פאַרשפּאַרטע אין געטאָ האָבן מיר געהאָלפן די סאָוועטישע געפאַנגענע און די פרויען פון די קאָמאַנדירן אויף סובאָטש.

ווי אַזוי צוזאַמען מיט וויטאַסן האָבן מיר געשאַפן אַ פּאַראייניקטן פּאַרטיזאַנער־שטאַב אין שטאָט צווישן פּאָליאַקן, ליטווינער און יידן. פאַרבונדן זיך מיט די פירער פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין ווייסרוסלאַנד און ליטע – יורגיס און מאַרקאָוו.

ווי ס'איז אַדורכגעפירט געוואָרן אַ גרויסע געלט־זאַמלונג אין דער אָרגאַניזאַציע אויף איינקויפן וואָפן. מיט וועלכער הייליקער איבערגעגעבנקייט האָבן די קעמפער געטראָגן אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט: געלט, אַ פאַרקויפט קליידל, אַ זייגער, אַ קידושין־רינגעלע – די לעצטע אָנדענק־זאַך, פון פאַרשניטענע פרויען און עלטערן.

ס'האָט דערמאָנט די צייטן פון מדבר, ווען ס'גאַנצע פאָלק האָט געוואָרפן זיין צירונג אינעם קאָרב פון כהן, אַ שווענדונג פאַר גאָטס הייליקטום...

וועגן צענדליקער סאַבאָטאַזש־און צעשטער־אַקטן, וועלכע ס'האָבן אַדורכגעפירט אונזערע קעמפער – אויף דער מיליטערישער פּאָסט, אויפן אַעראָפּאָרט, אין „בענזין־לאַגער", אין ה.ק.פּ.

וועגן די אויסשפּיר־ראַפּאָרטן פון געסטאַפּאָ און מיליטער־באַוועגונג, וועלכע מיר פלעגן אָפּשיקן אין פּאַרטיזאַנער־שטאַב.

וועגן דער קאַמף־געמיינשאַפט צווישן מענטשן פון פאַרשיידענער דערציאונג און פּאָליטישער ריכטונג. וועגן אַ באַזונדערן לעבנס־שטייגער אין דער פּ.פּ.אָ., וועגן 16טן יולי און דעם מאַרטירער־טויט פון וויטענבערגן.

ווי אַזוי מיר האָבן אָרגאַניזירט און אַרויסגעשיקט גרופּעס אין וואַלד. ווי אַזוי מען האָט פון אַרומגערינגלטן געטאָ אַרויסגעפירט געווער

אין אַן אָרון מיט מתים.

וועגן לעבן און טויט פון סאָניע מאַדייסקער. איך זע אירע שוואַכקייטן, פעלערן און העלדישע מעשים – איינע פון די זעלטענע פרויען, וואָס טרעפן זיך אין אַ רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. און וועגן צענדליקער אַנדערע קעמפער, וועלכע האָבן מיט התלהבות אָפּגעגעבן דער זאַך זייער נשמה, זייער מהות, זייער לעבן. מיט פּשטות אויסגעפּילט די סכנותדיקע אויפגאַבן. וועגן די, וועלכע האָבן פרייוויליק זיך געמאָלדן דעם 16טן יולי פאַרבייטן וויטענבערגן און גיין אויפן טויט.

וועגן די, וועלכע זיינען געגאַנגען מיט גראַנאַטן אין די הענט אויף פּאָזיציעס אין די טעג פון ווידערשטאַנד, מיטן באַוואוסטזיין, אַז זיי גייען דעם לעצטן וועג – זיי אַלע זיינען געווען מענטשן פון אַ טיפן, הערזאישן גלויבן.

אָט ליגן פאַר מיר בלעטער פון קאַמפּס־רעגלאַמין פון דער פ.פ.אָ., וועלכן מיר האָבן דאָ אָפּגעפונען אינעם אַש פון שמות.

אַלע בלעטער זיינען גאַנץ. די ערשטע דריי נאָך אין כתב־יד. און ווידער פיל איך נישט די נאָענטקייט פון מיין שרייבן, אַז דאָס זיינען מיינע ווערטער, נאָר ווי ס׳וואָלט זיי געלייענט סאָניע אָדער גרישע פאַר זייערע אָפּטיילן. איך הער די שטים פון די אַוועקגעגאַנגענע און דאָס וואָס איך בין ניט ביכולת מער צו דערציילן וועלן זאָגן די שורות, וואָס זיינען אויסצוגן פון דעם קאַמפּס־רעגלאַמין.

דאַן קומט דער קאַמפּס רעגלאַמין פון פ.פ.אָ, וואָס מיר גיבן דאָ ניט אָן.

ש.ק.

דער טויט פון אַ קאָמאַנדיר

שלמה בעליס

איציק וויטענבערג געפינט זיך נישט צווישן די פּאַרטיזאַנער, ער איז פאַרבאַהאַלטן. הונדערטער מענטשן זוכן אים, נישטערן די געטאָ, ברעכן אויף מעלינעס; קאָנען אים נישט געפינען.

דער שטאַב פון פ.פּ.אָ. באַראָט זיך. און די פּאַרטיזאַנער אין צוויי קליינע הויפעלעך שטייען גרייט. זיי שווייגן. זיי פרעגט מען נישט. זיי זענען קעמפער און דאַרפן זיך נאָר אונטערוואַרפן. פון קעגנזעצלעכע געפילן זענען זיי אַרומגעכאַפּט. זיי זענען גרייט צו דער שלאַכט. נאָר קעגן וועמען? קעגן די אומגליקלעכע מיטברידער, קעגן דעם צעשראָקענעם געטאָ, קעגן זייערע קרובים? גענס זאָגט זיי: "איינער אָדער צוואַנציק טויזנט" און די מאַסע גלויבט גענסן. ער פאָדערט – איינער זאָל אויסקויפן זייער אַלעמענס לעבן. נאָר דער דאָזיקער איינער איז – זייער קאָמאַנדיר. וואו איז עס געהערט געוואָרן, מען זאָל אַרויסגעבן דעם קאָמאַנדיר? קיינמאָל נישט! בעסער – שטאַרבן! צווישן די פּאַרטיזאַנער געפינען זיך יוגנטלעכע פון פאַרשידענע פּאָליטישע איבערצייגונגען. איניקע פון זיי חלומען וועגן אַ העלדישן ראָמאַנטישן אומקום, שטאַרבן מיט ווירדע, שיין שטאַרבן. נישט שטאַרבן – שלאָגן דעם פיינט דאַרף מען – זענען איבערצייגט אַנדערע. מען באַוואָפנט זיך נישט, כדי שיין צו שטאַרבן, נאָר כדי צו ברענגען נוצן דער אַלגעמיינער זאַך. אַ סאָלדאַט טראַכט נישט וועגן טויט, ער איז באַגייסטערט פון ענדגילטיקן נצחון. די פּאַרטיזאַנער טראַכטן, אָבער שווייגן.

און אין שטאַב – הייסע וויכוחים. ס'קומען דעלעגאַציעס פון פאַרשידענע שיכטן פון דער באַפעלקערונג: ראַטעוועט אונדז! אויב וויטענבערג וועט זיך נישט אונטערגעבן – איז אַ סוף צום גאַנצן געטאָ. וויפיל בלוט אונדזערס איז שוין פאַרגאָסן געוואָרן. צענדליקער טויזנטער זענען שוין פאַרניכטעט געוואָרן. וואָס פאַר אַ באַדייט האָט דאָס לעבן פון איין מענטשן?! פון איין מענטש. צוואַנציק טויזנט מענטשן וועלן גיין צום

---

*גענומען פון „יידישע שריפטן" – פוילן

טויט פאַרשילטנדיק אייך, וואָרום דאָס מאָל וועט איר זיין די איינציקע שולדיקע אין אַלעמענס אומקום.

אַנדערע דעלעגאַציעס לייגן פאָר: פאַר די דייטשן איז עס אַ פראַגע פון אַמביציע, ווי וואָגן מיר עס נישט אויסצופירן זייער באַפעל. די דייטשן זענען זייער להוט נאָך געלט. האָט מען דאָך אויסגעקויפט פאַר גרויס געלט אַוועקבורכן א. אנד. זיי בעטן, שילטן, דראָען מיטן גאַנצן געטאָ זיך אַרויפצוּוואַרפן אויף זיי און צעטרעטן.

אין שטאַב פרואווט מען אויפקלערן די דעלעגאַציעס, אַז די פאָדערונג אַרויסצוגעבן וויטענבערגן – דאָס איז נאָר דער אָנהייב פון דער ליקווידאַציע פון געטאָ. זיי ווילן אָבער אַפילו נישט הערן – פון וואַנען ווייסט איר עס? און אפשר וועט גאָר קיין שום ליקווידאַציע נישט זיין? ווי וואַגט איר צו שטעלן אויף דער קאָרט אַזויפיל לעבנס?

גענוג. מער קיינעם נישט אויפנעמען. דער שטאַב דאַרף אָננעמען אַ באַשלוס, די צייט וואַרט נישט.

אָננעמען אַ באַשלוס! נאָר אַ שעה גייט נאָך אַ שעה – קיין באַשלוס איז נישטאָ. קיין איין מענטשן האָט מען היינט נישט אַרויסגעלאָזט פון געטאָ, קיין איין לעבעדיקער נפש איז אַהער נישט אַריין, די הייפלעך וואו ס׳זענען צוזאַמענגעקליבן די פאַרטיזאַנער זענען בלאָקירט, די קעמפער זענען ווי אין אַ פאַסטקע. דאָס גאַנצע שמוץ איז צונויפגעקליבן ביי די טויערן, די דאָזיקע מענטשן פאַלן וואָס ווייטער אַלץ מער אַריין אין אַ צושטאַנד פון ווילדער רציחה און שגעון. בלויז דער קוילנוואַרפער אין פענצטער האַלט זיי אָפּ. ווי לאַנג קאָן עס דויערן? ביזן מאָמענט, ווען די דייטשן וועלן אַריינמאַרשירן. נאָר די דייטשן קומען נישט אַריין, זיי וואַרטן געדולדיק. זיי האָבן זיך נישט וואָס צו איילן. זיי פאַרשטייען, אַז דער צאָרן פון די געטאָ־איינוואוינער קעגן דער באַוואָפנטער יוגנט וועט אַלץ אָנוואַקסן. נישט שלעכט וועט זיין זיך צוצוקוקן צו אַזאַ זעלטענער, אייגנאַרטיקער פאַסירונג – אַ בירגער קריג אין געטאָ. ווען ער וועט זיך אָנהייבן, וועט זיין די סאַמע פאַסיקסטע צייט אויף אָנצופאַלן, אַנטשיידן זיך צערעכענען מיט דעם געטאָ.

דער שטאַב פון דער פאַרטיזאַנישער אָרגאַניזאַציע באַראַט זיך.

אָנדערהאַלבן יאָר, אין אומבאַגרייפלעך־שווערע תנאים איז געשאַפן געוואָרן די אָרגאַניזאַציע. וויפל קרבנות האָט שוין געקאָסט דער קאַמף, וואָס פאַר אַ העראָישע אָנשטרענגונגען האָט געקאָסט דאָס אָנקלייבן אַ

רעוואָלווער נאָך אַ רעוואָלווער, לערנען אין קעלערס מיליטער־קענטעניש. אַלץ איז דאַכט זיך געווען פון פאָרויס אָפּגעמאָסטן און אָפּגעוואויגן, פאָרויסגעזען. ס'איז באַשטימט געוואָרן אַ געהיימער רעזערוו־שטאַב. אין לאַנגע הייסע וויכוחים האָט מען זיך צונויפגערעדט איבער די וויכטיקסטע פראַגן. און דער עיקר העיקרים איז געווען: די פאַראייניקטע פאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע איז דער אַוואַנגאַרד פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון ווילנער געטאָ. אַ פריצייטיקער אַרויסטריט קאָן ברענגען צו אַ פריצייטיקער פאַרניכטונג פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז דאָס זעלבע ווי לאָזן די געטאָ אָן אַ זעלבשוץ. אַ פריצייטיקער אַרויסטריט וואָלט געווען נישט נאָר אַ לייכטזין, נאָר אויך אַ פאַרברעכן. די מיליטערישע כוחות פון דער אָרגאַניזאַציע זענען צו שוואַך זי זאָל קאָנען אַרויסטרעטן אין שוץ פונעם לעבן פון יעדן איינציקן ייד. אַ פריצייטיקער אַרויסטריט וואָלט דורך דער געטאָ־באַפעלקערונג אויפגענומען געוואָרן ווי אַ פּראָוואָקאַציע און ס'וואָלט אויסגעקומען אַרויסצוטרעטן אין אַ מערדערלעכן ברודער־קאַמף.

ווען איז עס באַשלאָסן געוואָרן? שוין לאַנג. דאָס איז שוואַרץ אויף ווייס פאַרשריבן אין די קאָמענטאַרן צום רעגולאַמין און אונטערגעשריבן געוואָרן דורך איציק וויטענבערג דעם 4 אַפּריל 1943.

דער שטאַב פון די פאַרטיזאַנער באַראַט זיך. ס'זענען שוין אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַלע אַרגומענטן פאַר און קעגן אַרויסטרעטן. איין זאַך וואַגט קיינער נישט צו זאָגן: "וויטענבערג דאַרף אַרויס!"

סאָניע מאַדייסקער שווייגט. זי הערט זיך צו צו די אַרגומענטן, צו די פלאַמיק־ווייטיקדיקע רעדעס פון די חברים: אויף דער אַטאַקע פון די דייטשן דאַרף מען ענטפערן מיט אַ קאָנטער־אַטאַקע. צו דעם האָבן מיר זיך געגרייט. און אָט איז אָנגעקומען דער מאָמענט פאַר אַ קאָנטער־אַטאַקע און מיר דאָ קאָנען קיין באַשלוס נישט אָננעמען. מ'דאַרף אָפּגעבן דאָס לעבן אין שוץ פון אונדזער כבוד און מיר ווילן דאָס טאָן. דער מאָמענט איז געקומען – אַזוי רעדט איינער פון די קאָמאַנדירן, זיין שטים ציטערט, ער באַמיט זיך איינצוהאַלטן די טראָפּנס וואָס קלייבן זיך אויף זיינע וויעס.

סאָניע שווייגט. זאָלן אַלע זיך אַרויסזאָגן ביזן סוף. פאַר יעדן איז געקומען די שעה פון גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, די שעה פון גרעסטן נסיון. נאָר נישט קיין געפילן, נישט די גרייטקייט צום טויט, נישט דער דרוק פון אויפגעפלאַמטער אידעלער ליידנשאַפט, און נישט די פראַגע פון כבוד און שטאָלץ – דאָס אַלץ מוז אָפּגעוואָרפן ווערן. ווי שווער עס זאָל נישט זיין – אָפּגעוואָרפן ווערן. די גאַנצע סוביעקטיווע זייט פון דעם פּראָבלעם

מוז אָפּגעוואָרפן ווערן. עס דאַרף זיין אַ ריכטיקער, שטרענגער, טרוקענער חשבון. די געטאָ אין דער דאָזיקער סיטואַציע קאָן מען נישט מיטרייסן צום קאַמף. די געטאָ וועט גיין קעגן אונדז. מ'וואָלט געדאַרפט זיך מיישב זיין מיטן שטאָטישן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, נאָר קיין איין מענטש וועט זיך היינט נישט איינגעבן אַרויסצוגיין פון געטאָ אומבאַמערקט. באַשליסן דאַרפן מיר אַליין. אויף אַ בירגער־קריג אין געטאָ וועלן מיר נישט גיין. דאָס איז אַ נאַרישקייט. דאָס הייסט בפירוש שפּילן אויף דער האַנט פון שונא, דאָס איז הילף – פאַר אים. קעגן דעם דאַרף מען אַרויסטרעטן קאַטעגאָריש. דער פיינט איז צוגעגרייט, ער וואַרפט אונדז אָן דעם פאַר אים גינסטיקן קאַמף־מאָמענט. מוזן מיר אים היינט אָננעמען? אַ רעוואָלוציאָנער דאַרף קענען אָרגאַניזירט אָפּטרעטן, אויפהיטן די כוחות, כדי אין געהעריקן מאָמענט דערפאָלגרייך אָנפאַלן, היינט אַרויסטרעטן – דאָס הייסט פון פאָרויס פאַרשפּילן. מ'דאַרף ראַטעווען די אָרגאַניזאַציע פאַרן ווייטערדיקן קאַמף. אַן אומזיניקער, אומנוציקער אומקום איז נישט קיין העראָיזם, דאָס איז אַ שפּיל אין העלדישקייט, אַ נישט־ווירדיקע שפּיל פאַר אַ רעוואָלוציאָנער.

סאָניע שטייט אויף. חברים – זאָגט זי, באַמיענדיק זיך צו זיין רואיק. איר געזיכט איז בלאַס, די אויגן בליצן שטרענג – חברים, מיר וועלן זיך נישט פאַרנעמען מיט קעגנזייטיקע באַשולדיקונגען. דאָס איז אומנוציק און פּרוכטלאָז. וויטענבערג שטייט בראש פון דער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע און זיין קאָפּ פאָדערט מען. זיין וואָרט איז פאַר אונדז דאָס סאַמע קאָסטבאַרסטע, אַזוי פריער, אַזוי אויך איצט, אין דער דאָזיקער טראַגישער שעה. מיר האָבן קיין רעכט נישט צו דעצידירן די פראַגע וועגן לעבן און טויט פון דער אָרגאַניזאַציע אָן זיין אָנטייל. דערלויבט מיר גיין צו אים. איך וועל אים איבערגעבן אַלע אַרגומענטן פאַר און קעגן, וואָס זענען דאָ אַרויסגעזאָגט געוואָרן און פרעגן זיין מיינונג.

אין אַ געהיימער באַהעלטעניש, אין אַ פאַרוואָרפענעם קעלער, טיף אונטער דער ערד, זיצן איינער קעגן אַנדערן וויטענבערג און סאָניע מאַדייסקער.

וויטענבערג איז פינצטער. זיין געוויינלעך בלאַס געזיכט איז ביים שיין פון לעמפּל טויטלעך־ווייס. לאַנגע שעהן האָט ער אין טיפער איינזאַמקייט, מיט זיין ניכטערן, קאַלטן שאַרפן שכל באַטראַכט די געשאַפענע סיטואַציע. ער האָט זיך אַלע מאָל אויסגעצייכנט מיט קאַלטבלוטיקייט און דרייסטקייט. ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין פייערדיקער רעדנער. ער איז געווען אַ מענטש פון טאַט – אַ געצוימטער,

איינגעהאַלטענער, געגנוג עלאַסטישער צו קאָנען אַרבעטן מיט פאַרשידענע מענטשן. נאָך איידער סאָניע איז געקומען צו אים האָט ער אַלץ שוין אָפּגעוואויגן, געקוקט זיך אַליין, ווי פון דער זייט, אָבסערווירט זיך. מאָמענטנווייז האָט ער זיך געזען אין קאַמף, פאַר זיינע אויגן האָט ער געזען דאָס שלאַכט־פעלד, זיינע געדאַנקען האָבן אים געטריבן פאָרויס, נאָר יעדעס מאָל האָט ער אָפּגעהאַקט דעם ווילדן לויף פון זיינע רעיונות און זיך אָפּגעשטעלט אויף דער רעאַלער אַלטערנאַטיוו. איינס פון דיביידע: שטעלן זיך בראש פון דער אָרגאַניזאַציע, אַרויסטרעטן אין אומגלייכן, פערספעקטיוולאָזן קאַמף אויף טויט, אויף אַ זיכערן טויט פון דער אָרגאַניזאַציע, אויף אַ טויט אין געטאָ... אָדער אַרויסגיין... אַליין... זיך איבערגעבן אין די הענט פון געסטאַפּאָ. אין דעם ערשטן פאַל וועט די געטאָ אים האַלטן פאַר זיין מערדער. איך – דער מערדער פון געטאָ! די יאַטן וועלן קענען שטאַרבן ווירדיק, נאָר דורכרייסן זיך אין וואַלד, וועלן זיי נישט קענען – זיי וועלן דאָ אויסלייגן די ביינער ביזן לעצטן. פּריוויליק זיך איבערגעבן די דייטשן – אָ, ניין. אויף דעם וועט ער אויך נישט גיין. אַ טויטן וועלן זיי אים נישט נעמען... זיי פאָדערן אים אַ לעבעדיקן. וואָס טוט מען, וואָס?

אָט האָט אים סאָניע איבערגעגעבן די לעצטע ידיעות, דעם אינהאַלט פון די רייד און מיינונגען פון די חברים, און ער זיצט, קוקט אַריין אין סאָניעס בלויע אויגן, וואָס זעען איצט אויס שוואַרץ און פאַרנעפּלט. ביידע שווייגן לאַנג. וויטענבערג לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. ער נעמט צונויף דעם גאַנצן ווילן זיינעם אין אַ קולאַק. לויט די קראַמפּן פון זיינע פינגער פילט סאָניע, אַז דאָס לעצטע וואָרט האָט וויטענבערג שוין זיך אַליין געזאָגט. ער הייבט אויף דעם בליק, קוקט אויף סאָניען פאַרשנדיק און פלוצים פרעגט ער איר דאָס, וואָס ער האָט זיך שוין באַלד פון דער ערשטער מינוט פון סאָניעס אַריינקומען, געקליבן פרעגן.

– סאָניע, און ווי וואָלסטו געהאַנדלט אויף מיין אָרט?

סאָניע לאָזט נישט אַראָפּ דעם בליק. דאָס איז דער סאַמע שווערסטער מאָמענט אין איר לעבן, אַ סך אַ שווערער, ווי יענע שרעקלעכע נאַכט, מיט 4 יאָר צוריק אין דער גראָדנער טורמע, ווען זי האָט דערוואַרט איר לעצטע שעה מיטן אָנקום פון אַ נייעם טאָג.

– איך וואָלט אַרויס – זאָגט זי שטיל, אָן שום אינטאָנאַציע.

– כ'גלויב דיר, סאָניע. דיר גלויב איך. איך ווייס אַליין – אַזוי

וואָלסטו געטאָן.

ער נעמט זי אַרום און קושט זי אין די ציטערנדיקע טרוקענע ליפּן.

– כ׳גלויב, סאָניע, כ׳גלויב.

– כדי צו ראַטעווען די אָרגאַניזאַציע פאַרן ווייטערדיקן קאַמף. אין די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילן אין וואַלד, וועט חברה שלאָגן דעם שונא און נקמה נעמען, – זאָגט זי, ווי צו זיך אַליין.

– איך האָב אַליין באַשלאָסן אַרויסצוגיין. דאָס איז מיין באַשלוס. נאָר מיטן תנאי: גענס באַנדע דאַרף אָראָפּנעמען די בלאָקאַדע, נישט אָנרירן קיין איין פּאַרטיזאַן, באַפרייען די אַרעסטירטע. איר וועט מוזן זיך וואָס גיכער איבערבאַזירן אין די וועלדער און ווען ס׳וועט אָנקומען די ליקווידאַציע – וויפל פּאַרטיזאַנער זאָלן נאָך דאַן נישט זיין אין געטאָ – מוזן זיי שטעלן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. און נאָך... גענס מוז מיר באַזאָרגן ציאַן קאַלי. אַרויס וועל איך צו זיי אַ לעבעדיקער, און קומען צו זיי – אַ טויטער. כ׳דאַרף האָבן די מעגלעכקייט צו שטאַרבן אין דעם מאָמענט, וועלכן איך וועל געפינען פאַר נויטיק.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. גיך גענומען אַרומשפּאַצירן הין און צוריק, הין און צוריק איבערן ענגן קעלער. זיך אָפּגעשטעלט. גענומען סאָניעס האַנט אין זיינער און זי אַ דריק געטאָן ביז ווייטיק.

– אַ שאָד – האָט ער געזאָגט מיט טיפן צער. – כ׳האָב געחלומט צו שטאַרבן גאָר אַנדערש... אינגאַנצן אַנדערש... גיי, סאָניע, גיי... זיי געזונט... עך, צום טייוול, ווי עקלדיק ס׳איז מיר אַזאַ טויט. ס׳אַ גרויסער ענין, וואָס דער מענטש ווייסט נישט די שעה פון זיין טויט... נאָר נישט אַלעמען איז עס באַשערט. נו, איז וואָס – מ׳דאַרף קענען שטאַרבן אויך אַזוי... ווייסנדיק. כ׳ווייס, סאָניע, די זאַך פאַר וועלכער מיר האָבן מלחמה געהאַלטן, וועט נישט שטאַרבן. און פאַר איר זענען מיר דאָך תמיד געווען גרייט אויף אַלץ. זיי געזונט... גיי! ער האָט זיך אָפּגעווענדט פון איר מיטן פּנים צום וואַנט. סאָניע איז אַרויס.

פיר בייטאָג. די געטאָ איז ווי אויסגעשטאָרבן. די גאַסן זענען פּוסט. די איינוואוינער זענען אַריינגעטריבן געוואָרן אין די הייזער און טויערן. נאָר פּאָליציי־פּאַטרולן זענען צעשטעלט אויף אַלע ראָגן. אַלץ איז פאַרשטומט. צוואַנציק טויזנט מענטשן האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם. צוואַנציק טויזנט מענטשן טראַכטן אין טיפן טרויער: ער גייט צום טויט פאַר אונדז. פנימער זענען צוגעקלעפּט געוואָרן צו די פענצטער: ער גייט.

פון ביידע זייטן. קוקנדיק גלייך פאַר זיך, ווי אַן ערן־וואַך ביי אַ טרומנע, גייען פּאָליציי־לייט. זייערע פּנימער זענען פאַרגליווערט און פינצטער. ער גייט נישט אייליק, רואיק, אויף זיין בלאַס שמאָל געזיכט ברענען זיינע פּרעכטיקע שוואַרצע אויגן, אויף די ליפּן ליגט אויסגעוואָסן אַ פאַרגעבלעך זיי־געזונט־שמייכל. ער גייט. ער גייט... זיינע טריט שלאָגן זיך אָפּ אין די הערצער, ווי אַ טרויער־מאַרש. טרערן שטעלן זיך ביי אַלעמען אין די אויגן. ער גייט... אַ טיפער גרייז־גרויער זקן ציטירט מיט אַ לויטער קול פון חומש: "און אברהם האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט, גענומען דעם מעסער, כדי צו שעכטן דעם זון זיינעם". דאָס קלינגט ווי אַ פאָרוואורף, ווי אַ פאַראורטיילונג דעם גאָטאָ, וואָס האָט אָפּגעגעבן דער חיה־רעה אויף פאַרצוקונג דעם בעסטן זון זיינעם. ער גייט. ער גייט זיין לעצטן וועג.

עס סקריפּעט דער שליסל אין טויער. הינטערן טויער וואַרט די געסטאַפּאָ־מאַשין. דאָס טירל איז אָפן. ער זעצט זיך. דער מאָטאָר הודזשעט.

נאָך איין אַקט פון דער טראַגעדיע איז געווען פאַרענדיקט.

אויף מאָרגן האָבן דעם קאַלטן קערפּער פון איציק וויטענבערג אַרויסגעטראָגן פון געסטאַפּאָ אַרעסטאַנטן. אויף דער ערשטער אויספאָרשונג איז איציק וויטענבערג דורך איין קוועטש מיט די ציין, אַרויס פון קאַמף, איבערלאָזנדיק זיין נאָמען אַ לעבעדיקן.

סאָניע געצייכנט פון אַן אומבאַקאַנטן מאָלער

מחשבות צום 30־טן יאָרטאָג פון ווילנער געטאָ

שלמה קאָוואַרסקי

איך בין איינער פון די לעבן געבליבענע פּאַרטיזאַנער. איינער פון די שארית הפליטה, פון די גרעסטעוועטע פון די גאַז־קאַמערן און פון די שלאַכטפעלדער, איינער פון די פאַריאָגטע אויף פרעמדע לענדער.

ס'איז דער 13־טער יולי 1944. אויף די גאַסן פון ווילנע איז אַ טויטע שטילקייט. פונדערווייטנס הערט זיך נאָך דער קלאַנג פון די הארמאַטן וואָס פאַרטרייבן די דייטשע מערדער. איך בלאָנקע אַרום איבער די טויטע גאַסן. יעדעס הויז, יעדע טיר דערמאָנט מיך מענטשן, מענטשן, יידן, טויזנטער יידן וואָס האָבן נאָך מיט פיר, פינף יאָר צוריק דאָ געלעבט. היינט איז אַלץ וויסט. די ערד איז דורכגעזאַפּט מיט דעם בלוט פון די דערשאָסענע אויף פּאָנאַר. די שטיינער אויף די גאַסן דערטראָגן נאָך דעם אָפּקלאַנג פון די צום טויט געטריבענע קינדער, טאַטעס און מאַמעס.

איך גיי. די נאַכט פאַלט צו. די פיס קוים וואָס זיי גייען. דער מוח אַרבעט אויף צוריק, אויף צוריק – צו די יאָרן פאַרגאַנגענע, די יאָרן פון יידישן אויפבלי – די יאָרן פון ירושלים דליטא. דאַן קומען די יאָרן פון חורבן – אומקום און קאַמף, קאַמף און אומקום.

עס דערטראָגט מיך צו די שמאָלע געסעלעך פון געטאָ – די לעצטע קאַמף־פּאָזיציעס פון אַ פאָלק, וואָס האָט זיך געקלאַמערט אָן די שטיינערנע ווענט פון דעם געטאָ, געריסן זיך צום לעבן. פון הינטער ציגלנע ווענט האָט מען ניט געקענט זען די מענטשן. אָבער זייער ווי געשריי האָט זיך געטראָגן איבער דער גאַנצער וועלט און די וועלט איז געווען טויב און שטום.

דער געשריי פון די מענטשן טראָגט זיך נאָך אין די שמאָלע געסלעך.

---

* געווען געדרוקט אין דעם „נוסח ווילנע" ביולעטין

איך הער עס. איך האָב זייער עכאָ אין מיינע אויערן ווייל איך בין אַ טייל פון די אומגעקומענע. אָבער איך בין דאָך לעבעדיק. ניין! איך בין בלויז ווידערגעבוירן. איך בין ווידערגעבוירן צו טראָגן אויף זיך מיין גאַנצן לעבן די געלע לאַטע – דעם שאַנד פלעק פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע. איך בין דאָ בלויז צו דערמאָנען דער וועלט וועגן די גרויזאַמקייטן וואָס די מענטשלעכע חיה קען טאָן צו דעם אייגענעם מענטשלעכן מין. איך בין אויך דאָ צו באַווייזן דער וועלט, אַז כאָטש די וועלט האָט געשוויגן, האָבן מיר ניט געשוויגן. פון הינטער די ווענט האָט געברויזט אין אונדזערע הערצער דער קאַמף. מיט שווערד און ביקס, מיט נאגאנעס און הוילע פויסטן האָבן מיר געקעמפט. דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן, פאַרלוירן עטלעכע חברים, נישט געלונגען. אַוועק אין די וועלדער און ווידער געקעמפט.

מיינע מחשבות ברענגען מיך צו סטראַשון גאס נום. 12 – דאָ איז געפאַלן דער ערשטער שאָס פון ווידערשטאַנד. דאָ האָבן זייער לעבן פאַרלאָרן אין דעם אומגלייכן קאַמף איליאַ שיינבוים, חיים נאַפּאָלעאָן און אַנדערע... נום. 6. דאָ האָט זיך די מחנה געגרייט צו דעם לעצטן ווידערשטאַנד. געוואַרט דאָ פיר טעג און דער שונא איז ניט געקומען.

לידסקע געסל. דאָ איז געווען דער שטאַב פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, פון דער פ.פּ.אָ. פון דער געדיכטער מיטנאַכט פינצטערניש שלאָגט זיך דורך אַ פייערל. מיטאַמאָל אַ שטימע רופט דורך דער טיפער שטילקייט: „ליזע רופט, ליזע רופט". דער פאַראָל איז אַ באַפעל. איך גיי אַרויף די טרעפּ.

דורך דער פינצטערניש שיינען אַרויס די פנימער פון די מיטקעמפער פון געטאָ און וואַלד: ליזע מאגון, דאנקע לובאָצקי, אסיע ביג, זיאמקע טיקטין, טענענבוים־טאמאראָוו, סאָניע מאדייסקער, הירש גליק, דער קאָמענדאנט איציק וויטענבערג. און הינטער זיי מחנות, מחנות אומגעקומענע קעמפער, וואָס נקמה איז געווען זייער לעבנס־ציל. איך שטיי און שווייג.

ליזע: איך האָב דיך היינט גערופן דאָ, 30 יאָר נאָכן גרויסן חורבן...

לעבנגעבליבענער פּאַרטיזאַנער: 30 יאָר זאָגסטו! ס'איז דאָך היינט יולי 1944.

ליזע: ניין, דו האָסט אַ טעות. איך ווייס, אַז אין דיין געדאַנק איז דער עבר דער ברענענדיקער פייער פון דיין מוח. איך ווייס, אַז אַלע יאָרן

לעבסטו מיט אונדז אומגעקומענע קעמפער. לעבסט מיט די 6 מיליאָן אויסגעקוילעטע מיטגלידער פון דיין שטאַם, פון דיין פאָלק. ווו דו געפינסט זיך אין דער לעבעדיקער וועלט ביסטו אַלעמאָל מיט אונדז. איך ווייס, אַז ווייפל ווּעסט זיך ניט באַמיען, קענסטו ניט אַרויסגיין פון דיין אייגענעם איך. פון דעם מאָמענט ווען דער טויט האָט אַרויסגעריסן מיך, דיין חברטע פון דער ערשטער פינפטל פון פ.פ.אָ., ביסטו דער טויטער עדות צווישן די לעבעדיקע, פונקט ווי מיר דאָ אַלע זיינען לעבעדיקע עדות פון גבורה און מוט פאַר די מיליאָנען טויטע.

פאַרטיזאַנער: אָבער ווער דאַרף האָבן די עדות, צי דען איז ניט גענוג דער טאַט אַליין.

ליזע: קענטיק אַז ניט. דער עכאָ פון די קעמפנדע יידן אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך איז ניט דערגאַנגען צו די בייזוויליקע מוחות פון געוויסע פילאָזאָפן און אַזוי גערופענע דענקער, צו די בייזוויליקע מלוכה־פירער פון געוויסע לענדער. זיי האָבן בלויז געזען פון די ווייטע מקומות דעם רויך פון די ברענענדיקע שייטערהויפנס. זיי האָבן געשפּירט דעם ריח פון די גאַז־אויוונס און געזען אין די הימלען דעם אָפּשיין פון די טייכן פאַרגאָסענע בלוט. זיי האָבן אָבער צווישן דעם אַלעמען ניט געזען די פייערדיקע נאַגאַנעס, די העק און לאָמען, די נאַקעטע פויסטן מיט וועלכע די צום טויט פאַרמשפטע אין הונדערטער שטעט און שטעטלעך האָבן זיך קעגנגעשטעלט דעם בלוטיקן מערדער. פון צווישן די געדיכטע וועלדער האָבן זיי ניט געזען די טויזנטער העלדישע קעמפנדע פאַרטיזאַנער און יידישע זעלנער אויף די פראָנטן.

פאַרטיזאַנער: ווי אַזוי האָבן זיי עס ניט געזען און ווי אַזוי קען מען פאַרלייקענען פאַקטן וואָס זיינען פאַרשריבן אין דאָקומענטן און ביכער.

דאנקע: ס'איז ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס פאַקטן און דאָקומענטן ווערן טיף באַגראָבן אין דער ערד, ווייל מען האָט מורא די פאַקטן זאָלן ניט ריידן קעגן די באַגרעבער. אָבער מיר האָבן ניט מורא – געלערנט פון דער געשיכטע פון דורות ווייסן מיר, אַז געשיכטלעכן אמת קען מען ניט פאַרדעקן. ניט היינט, איז מאָרגן וועט דער אמתער אמת אין אַלע ווינקעלעך פון דער ערד פאַרשריבן ווערן מיט דער גאַנצער גרויזאַמקייט פון דעם אמתן גרויסן דיכטער, דעם געניאַלן היסטאָריקער.

פאַרטיזאַנער: איך פאַרשטיי, אַז פאַר דער געשיכטע וואָס מיינט צוקונפט, איז ניטאָ זיך וואָס צו שרעקן. דער היינט שרעקט מיך מער. עס באַפאַלט מיך אַ פחד ווען איך הער און זע וואָס עס קומט פאָר ארום מיר

איך האָב געטראַכט, אַז נאָך אַזאַ בלוטבאָד אויף דער גאַנצער ערד בכלל און אין אונדזער פֿאָלק בפֿרט, וועט די וועלט עפּעס לערנען. איך האָב געמיינט, אַז מיטן צעזייטן שטויב פֿון היטלערן, געררינגן, געבבעלסן און שטרייכערן וועט פֿאַרשווינדן אויך זייער גייסט אויף אייביק פֿון דער ערד. 30 יאָר בלויז דורך און איך ווער געטריבן דורך פֿאַרשטעלטע און ניט פֿאַרשטעלטע היטלערס, דורך פֿאַרמאַסקירטע און אָפֿענע שטרייכערס. איך האָב מורא...

זאַמקע טיקטין: כאַ, כאַ, כאַ, מורא, מורא. איך האָב ניט מורא געהאַט פֿאַר די מערדער פּונקט ווי איך האָב ניט מורא געהאַט פֿאַרן טויט. איך האָב בלויז מורא געהאַט, אַז מיין לעבן זאָל ניט גיין לאיבוד. איך האָב בלויז געוואָלט מיט מיין שוואַכן גוף זאָל איך קענען אָפּצאָלן דעם שונא פֿאַרן בלוט פֿון מיין שוועסטערל, מיין מאַמען און אַלע מיינע אייגענע וואָס זיינען פֿאַרשניטן געוואָרן פֿאַר מיינע אויגן. מיין לעצטער רוף איז געווען – וויינט ניט יידן, נעמט נקמה, גייט ווייטער אין מיינע דרכים. מיטן לעצטן אויסהויך פֿון מיין נשמה האָב איך אויסגעשעפּטשעט מיין תפֿילה פֿאַר די הרוגים און מיין קללה פֿאַר די וואָס שווייגן, קענען טאָן און טוען גאָרניט, צו דער גלייכגילטיקייט פֿון דער שטומער וועלט.

פֿארטיזאנער: איך בלאָנקע דאָ אַרום איבער דער שטומער וועלט. איך רייד, רוף און דערמאָן מיינע שטומע ברידער. איך באַמי זיך צו ריידן און אפּעלירן צו דעם געוויסן פֿון דער וועלט.

אסיע ביג: דאָס איז ניט גענוג. דער געוויסן פֿון דער וועלט שלאָפֿט טיף אין די פֿאַרבאָרגענע היילן פֿון דער מענטשלעכער מענטשלעכקייט. 19 יאָר בין איך אַלט געווען ווען צוזאַמען מיט די חברים כוואַיניק און קאַפּלאַן האָבן מיר באַגעגנט דעם שונא – פּנים־אל־פּנים. ניט רחמים האָבן מיר געבעטן, נאָר מיט פֿייער פֿון אונדזערע קליינינקע נאגאנעס האָבן מיר אויפֿגענומען די מערדער. פּונקט אַזוי מיט אַ שמייכל אויף מיין פּנים האָב איך אויפֿגענומען די תליה.

פֿארטיזאנער: איז טאָקע דיין לעגענדע ווייט אַוועק. דיין אויסרוף פֿון נקמה האָט אָפּגעהילכט ווייט אין די וועלדער אַרום נאַראָטש, אין דער רודניצקער פּושטשע, ווו טויזנטער יידישע יינגלעך און מיידלעך פֿון ווילנע און אַרום האָבן געקעמפֿט. מיר האָבן געוווּסט, אַז ניט 19 יאָר ביסטו אַלט געווען ווען די שטריק איז דיר אַרויפֿגעוואָרפֿן געוואָרן אויף דיין צאַרטן האַלדז. 2,000 יאָר איז געווען דיין עלטער, ווייל דעם שיקזאַל פֿון דיין שטענדיק געראַדפֿטן פֿאָלק האָסטו איינגעזאַפּט אין זיך.

אסיע: מיין גוף איז געוואָרן דערשטיקט. אָבער מיין נשמה וועט אויף אייביק לעבן.

פאַרטיזאַנער: צום באַדויערן פרוּוון היינט די שונאים אויך דיין אַלט יונגע נשמה דערשטיקן און איך פיל זיך אָנמעכטיק.

טענענבוים־טאַמאַראָוו: ניט קרעכצענען, ניט רייד וועט העלפן די צעפוילטע שטאַמען פון דער וועלט. רחמנות איז ניטאָ ביי קיין שונא. רודער אויף דיינע אייגענע און אויך דיינע פרעמדע פריינט, אויב אזוינע קענסטו געפינען. ווי איך בין געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט, פון שטעטל צו שטעטל. אויפגעהויבן דעם גייסט פון די געפאַלענע, געטרייסט די געדרודפטע און אין דער זעלבער צייט צונויפגענומען די קאַמפּס־פעיקע. איך האָב געוווּסט דער שונא איז מעכטיק שטאַרק. אָבער איך האָב זיך פאַר דעם ניט געשראָקן. קאַמף האָט ניט קיין מאָסן. פּאַסיווער ווידערשטאַנד איז גוט. אָבער אַקטיווער ווידערשטאַנד איז דער איינציקער מיטל וואָס אַ שונא קען פאַרשטיין און וואָס אַ וועלט קען אָפּשאַצן.

פאַרטיזאַנער: קעמפן היינט יידן אין אונדזער אייגן לאַנד. דער קאַמף איז ניט קיין גלייכער אָבער דער גייסט פון די יונגע און אַלטע, פרויען און קינדער איז דאָרט מעכטיק.

סאָניע מאדייסקער: ס'איז אַ טויזנט יאָריקער טרוים פון אַ פאָלק פאַרווירקלעכט געוואָרן צו האָבן אַן אייגן לאַנד. מען מוז זיי העלפן.

פאַרטיזאַנער: העלפן די יידן פון דער וועלט גייסטיק ווי אויך מאַטעריעל, עס פאָרן יוגנטלעכע העלפן.

סאָניע: אָבער וויפל?

פאַרטיזאַנער: מען זאַמלט געלט.

סאָניע: געלט איז געלט. געלט איז אַ זאַך וואָס גייט אַריבער. און אויך פאַרגעס ניט, אַז דיין פאָלק איז נאָך אַלץ געבליבן צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. אַ סך בלוט און שווייס מוז מען אַוועקגעבן איינצוהאַלטן אומעטום אונדזער שטאַם. און דאָס וויכטיקסטע איז שווייס און בלוט. יעדער טראָפּן שווייס אַוועקגעגעבן פאַרן כלל שאַפט ימען שווייס, וואָס קען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ריזיקן דינאַמישן כוח. יעדער טראָפּן בלוט איז אַן אויסדרוק פון טאַט. דער טאַט פון יעדן אינדיווידואל דורכגעזאַפּט מיט זיין בלוט קען אויפטרייסלען און צעציטערן בערג. געדענק נאָר, אַז דער שונא לויערט אומעטום ווו דו געפינסט זיך. אויב ער איז היינט פאַרשטעלט קען ער דיך מאָרגן אַטאַקירן. צוגרייטן די

יונגע דורות צו דעם מאָמענט אין אַלע ווינקעלעך ווו נאָר זיי געפינען זיך איז איינע פון די וויכטיקסטע זאַכן. דער געוויסן דאַרף זיין ריין – מיין לעבן האָב איך דערפאַר אָוועקגעגעבן. אין די לעצטע מאָמענטן אין לוקישקער טורמע אַ דורכגעשאָסענע, שוין בלינד, האָב איך געדערכנט די שעהען פאַרגאַנגענע – צי האָב איך אַ מאָמענט ניט דורכגעלאָזן אין מיין לעבן צו זיין אויף די פאָזיציעס פון קאַמף פאַר אַ בעסערן מאָרגן פאַר דער וועלט. איך האָב געזעהן, אַז די יונגע קנאָספּן פון מיין שטאָם זאָלן זיך פונאַנדערבליען שמעקעוודיק און די פרוכטן זאָלן זיין רייף פאַר דער צייט וואָס באַגעגנט זיי.

פאַרטיזאַנער: מיר ווייסן, אַז אין די לעצטע סעקונדן פון דיין אייביק יונגן לעבן האָסטו דעם קאַמף ניט אויפגעגעבן. דורך זייען טרייסט און בטחון צווישן די צום טויט פאַרמשפטע האָסטו פאַרגעזעצט דיין וועג. דורך טיילן זיך מיט דיינע צעריסענע שמאַטעס און מיט דער צאַרטקייט פון דיינע לעצטע ווערטער האָסטו געוואַרעמט די לייבער פון די פאַרפייניקטע. דו העלדין פון ווילנע און ווילנער געטאָ, אַ סך לידער און ווערק זיינען געשריבן וועגן דיר און אַזוינע ווי דו.

הירש גליק: ניטאָ אין לידער קיין סך, פאַר קיינעם ניט און בפרט פאַר אונדז ווילנער. ירושלים דליטא האָט ניט געוווסט קיין מאָס אין גייסט. אַפילו צווישן פאַלנדיקע ווענט, האָט דאָס פאָלק געזונגען מיט נאָגאַנעס אין די הענט. ווען דער טויט האָט געלויערט פון אַלע ווינקעלעך און אומברחמנותדיק געריסן שטיקער פון אונדזער לייב איז דער גייסט פון ווילנע ניט צעבראָכן געוואָרן. און פונקט ווי אַ פאָלק קען קערפּערלעך פאַרטיליקט ווערן, זיינען דאָ היינט אַזוינע אינקוויזיטאָרן, וואָס פאַרמעסטן זיך דורך גייסטיקער פאַרניכטונג אונדז אינגאַנצן אָראָפּשווענקען ווי אַ פאָלק. ווילנע זאָל זיין פאַר ביידע צדדים דער ביישפּיל. קעמפן, קעמפן איז דער ענטפער. דער קאַמף איז קיינמאָל ניט קיין גלייכער, אָבער דאָס טאָר ניט אָפּשרעקן.

פאַרטיזאַנער: מיין פאַרבלוטיקט האַרץ פון דעם פאַרגאַנגענעם חורבן ווערט נאָך מער פאַרבלוטיקט פון דעם היינט. ווען איך זע ווי פון דעם אוראַל ביז די אַנדן צעפרעסן ווי ווערים דעם קערפּער פון מיין פאָלק, די טויזנטער געצווונגענע און אויך פרייוויליקע בוגדים, פאַררעטער פון אונדזער שטאַם. די אַזוי גערופענע אַסימילאַטאָרן. איך ווייס ניט צי עס איז אַ פאַרברעכן צי אַ זינד פון זיי. איך ווייס בלויז, אַז זיי פאַרטונקלען אונדזער גייסטיקן האָריזאָנט.

הירש גליק: ניט שרעק זיך פאַר דער מאָמענטאַלער גייסטיקער ירידה. שרעק זיך בלויז פאַר דער גייסטיקער אַפּאַטיע און גלייכגילטיקייט פון דיין פאָלק. פונקט ווי מיר האָבן זיך ניט געשראָקן פאַרן מעכטיקן שונא אין געטאָ און וואַלד, טאָרן מיר זיך ניט שרעקן פאַר די פינצטערע כמאַרעס וואָס קומען אויף אונדזער גייסטיקן הימל.

פּאַרטיזאַנער: ס'איז טאַקע ניט דאָס ערשטע מאָל אין אונדזער קולטור־געשיכטע.

הירש גליק: געדענק, דער לייכט־טורעם פון ירושלים דליטא איז ניט פאַרלאָשן געוואָרן – ניט געווען און וועט ניט זיין אַזאַ כוח וואָס זאָל אים קענען פאַרלעשן. בלויז קעמף אַז אונדזער זון זאָל ווידער אַרויס פון די פינצטערע כמאַרעס פון מזרח, זאָל אַרויס פון הינטער די בערג פון גליל און שיינען פאַר אונדזער פאָלק איבער דער גאַנצער וועלט. און אויב פאַרזאַמען וועט די זון אין דעם קאיאָר ווי אַ פאַראַל זאָל גיין דאָס ליד פון דור צו דור. ס'איז פרימאָרגן. איך זע ווי די זון שיינט שוין אויף. מיר מוזן אַוועק צו דער אייביקער וועלט.

פּאַרטיזאַנער: יאָ איך גיי צו דער לעבעדיקער וועלט. קאָמענדאַנט איציק וויטענבערג, איידער איך גיי אַוועק זאָג מיר וואָס איז דיין באַפעל.

קאָמענדאַנט: זאָג מיין פאָלק:

זאָג ניט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
זיי שטענדיק גרייט צום קאַמף פאַרן כבוד און קיום
פון דער וועלט און דיין אייגענער אומה.
דער וועלט גיב צו: מיר וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן,
קיינמאָל ניט פאַרגעבן וואָס זיי האָבן געטאָן צו אונדזער פאָלק.

דער וועג צו די פּאַרטיזאַנער

רבקה קאָוואַרסקי־גאָרדאָן

אין אָנהייב סעפּטעמבער, 1943 בין איך מיט נאָך 19 פּ.פּ.אָ. מיטגלידער אַרויס פון געטאָ צו גיין אין די נאַראַטשער וועלדער, אין וועלכע עס זיינען שוין דאַן געווען פיל פּאַרטיזאַנער אָטריאַדן אונטער דער אָנפירונג פון בריגאַדיר מאַרקאָוו.

אונדזער וועג־ווייזער איז געווען אַ פּאַרטיזאַנער, משה־יודקע רודניצקי, אַ סוויענציאַנער בחור, וועלכן מאַרקאָוו האָט געשיקט אויף אַן אויפגאַבע אין ווילנער געטאָ, צו ברענגען פּ.פּ.אָ.־מיטגלידער קיין נאַראָטש.

ס'איז געווען אַ שבת אין אָונט. מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט אין אַ צימער אויף אַשמענער גאַס. סאָניע מאַדייסקער האָט צוגענומען ביי אונדז אַלע דאָקומענטן און זאַכן, וואָס קענען פאַרראַטן, אַז מיר קומען פון ווילנער געטאָ. יעדערער האָט געקראָגן אַ קליין, דין גילזע־פּאַפּירל אויף וועלכן ס'איז געווען אָנגעשריבן ווי צו גיין קיין נאַראָטש, און פאַל עמיצער פאַרלירט זיך פון דער גרופּע. מ'האָט עס געדאַרפט אַראָפּשלינגען איב עמיצער פון אונדז פאַלט אַריין אין די הענט פון די דייטשן. דאַן האָט אונדז סאָניע געגעבן אינסטרוקציעס, ווי מיר זאָלן דערגיין צו אַ טרעפפּונקט אויף סובאָטש גאַס, פאַר די באַן־ליניעס, וואו עס וועט אויף אונדז וואַרטן אַ פאַרבינדלערין, זעלדע טרעגער. אַ טייל פון אונדז האָט געקראָגן געווער און ס'איז געקומען דער שווערער מאָמענט ווען מ'האָט געדאַרפט זיך געזעגענען און פאַרלאָזן די געטאָ.

ס'איז מיר געוואָרן זייער שווער אויפן האַרצן. אין געטאָ זיינען געבליבן מיין פאָטער, צוויי ברידער: מאָטל און שלמה, שלמה'ס פרוי רחל און פיל חברים און פריינט. ווער ווייס, האָב איך געטראַכט, צי איך וועל זיך נאָך ווען ניט איז זען מיט זיי, וואו דער גורל וועט מיר פאַרטראָגן און

רבקה קאָוואַרסקי־גאָרדאָן. אין ווילנער געטאָ אַ מיטגליד פון פּ.פּ.אָ. אַן אַקטיווע פּאַרטיזאַנערין אין נאַראָטשער פּושטשע. לעבט איצט אין ניו־יאָרק.

* געווען געדרוקט אין „נוסח ווילנע" ביולעטין

וואָס עס דערוואַרט זיי און מיר. איך האָב גוט געוואוסט, אַז אויסער די טויערן פון געטאָ לויערן אויף יידן, אויף יעדער טריט און שריט, בלוטדורשטיקע חיות אין געשטאַלט פון מענטשן: דייטשן, ליטווינער, אוקראַינער, פּאָליאַקן, וועלכע זיינען שטענדיק גרייט אונדז צו פאַרטיליקן. אָבער גלייכצייטיק האָב איך געוואוסט, אַז אויב ס'וועט זיך מיר איינגעבן צו דערקלייבן צו די פּאַרטיזאַנער, וועל איך האָבן אַ געלעגנהייט אָנטיילצונעמען אין אַן אַקטיוון קאַמף קעגן די דייטשן און זייערע מיטהעלפער און נקמה נעמען פאַר די אַלע, וועלכע זיי האָבן אויף אַ שוידערלעכן אופן אומגעבראַכט.

דורך אַ געהיימען טויער, אויף יאַטקעווער גאַס, וועלכער האָט געפירט אויף דייטשישע גאַס אויסערן געטאָ, האָט אונדז שמואלקע קאַפּלינסקי אַרויסגעלאָזן, פּאָרווייז. יעדע פּאָר מינוט אַן אַנדער פּאָר. מיין פּאָר איז געווען שומעליסקי. מיר האָבן געדאַרפט שפּילן די ראָל פון אַ פאַרליבטער פּאָרל. אונדזערע ערשטע טריט אויסערן געטאָ זיינען געווען וואַקלדיקע. אַזויפיל צייט זיינען מיר ניט געגאַנגען אויף אַ טראָטואַר, אָן לאַטעס. אָבער ווי מיר זיינען אַרויף אויף דייטשישע גאַס האָבן מיר זיך אויסגעמישט מיט דעם שבת־צונאַכטיקן עולם און די שרעק איז אַוועק. ווען מיר זיינען אָנגעקומען צו אונדזער טרעפפּונקט זיינען שוין מערסטנטייל חברה פון אונדזער גרופּע געווען, בלויז עטלעכע האָבן געפעלט.

פלוצלונג האָבן מיר דערהערט אַ נאָענטע שיסעריי, און די חברה וועלכע האָבן געפעלט זיינען געקומען לויפנדיק. בלויז איינער האָט געפעלט – משה שאַפּיראָ. זיי האָבן דערציילט, אַז זיי זיינען געגאַנגען הינטער אים אויף אַן אָפּשטאַנד און געזען ווי ער איז אַביסל אַראָפּ פון אָנגעוויזענעם וועג, דערגאַנגען נאָענט צו די רעלסן, לעבן אַ שטוב־וואַך. ניט אַרויסצורופן אַ פאַרדאַכט איז ער אַוועק פּאָרויס איבער די באַן־ליניעס. די דייטשן האָבן אים באַמערקט, געהייסן אים בלייבן שטיין. ער האָט דאַן גענומען לויפן, האָבן זיי אויסגעשאָסן און ער איז געפאַלן.

פאַר אַלעמען איז געווען קלאָר, אַז מיר מוזן זיך ווי אַמשנעלסטן דערווייטערן פון דעם אָרט. איינע הינטער די אַנדערע האָבן מיר גענומען לויפן שנעל דורך בערגלעך, טאָלן, בלאָטעס לענג אויס די באַן־ליניעס. נאָכן אָפּלויפן אַ היפּשע צייט, האָבן מיר זיך אָפּגעהאַלטן אין אַ טאָל. אַרום איז געווען שטיל. ווען מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז קיינער לויפט אונדז ניט נאָך האָט משה־יודקע מיט אַ פּאָר בחורים אַרויפגעקלעטערט דעם באַרג, וואו ס'איז געווען די באַן־ליניע, וועלכע מיר האָבן געדאַרפט אַדורכגיין. געזען, אַז ס'איז זיכער האָט ער געגעבן אַ צייכן און אַלע האָבן זיך אַ לאָז

געטאָן קלעטערן דעם באַרג, פאַרזיכטיק ניט צו פאַרטשעפּענען די דראָטן, אַדורך די רעלסן, אַראָפּ דעם באַרג און ווי אַמשנעלסטן אַוועק אין אונדזער אָנגעוויזענעם מאַרשרוט. די שטימונג איז געווען אַ געדריקטע. נאָך ניט אַרויסגייענדיק פון שטאָט האָבן מיר שוין פאַרלאָרן אַ חבר.

לויט אונדזער פּלאַן האָבן מיר געדאַרפט אין דער זעלבער נאַכט אַדורכגיין אַ צווייטע באַן־ליניע. משה־יודקע פאָרויס און איינציקווייז הינטער אים האָבן מיר אַלע געשפּאַנט דורך פעלדער, וועלדער, אויסמיידנדיק יעדן באַוואוינטן ישוב. שוין כמעט פאַרטאָג זיינען מיר בשלום אַדורך די באַן־רעלסן, אַריין אין אַ געדיכטן וואַלד, וואו מיר האָבן זיך אָפּגערוט און איבערגעוואַרט ביז די נאַכט איז צוגעפאַלן. בייטאָג האָט מען ניט געקענט גיין, כדי ניט צו ציען די אויפמערקזאַמקייט.

די ערשטע נאַכט האָבן אַלע נאָכגעהאַלטן דעם טעמפּאָ פון גיין. די צווייטע נאַכט זיינען שוין געווען אַזוינע, וועלכע זיינען אָפּגעשטאַנען אַביסל. דער גרעסטער טייל פון אונדז האָבן ניט געהאַט קיין צוגעפּאַסטע שיך פאַר אַזאַ לאַנגן וועג און מ׳האָט אָנגעריבן די פיס ביז בלוט. אויך איך האָב געמוזט אויסטאָן מיינע שטיוול, פאַרבונדן זיי מיט אַ שטריקל, פאַרוואָרפן איבערן פּלייצע און גיין באָרוועס. אין דער האַרבסטיקער קעלט, ביינאַכט ניט זעענדיק די צווייגן, דערנער, שטיינער, וואָס זיינען געווען אויף אונדזער וועג, איז געווען אַ קנאַפּע הילף פאַר אונדזערע פיס. אָבער ווער האָט עס געלייגט אַכט אויף דעם. די ענערגיע האָט געטריבן פאָרויס, דורכמאַכן וואָס מער קילאָמעטערס און וואָס שנעלער דערגרייכן אונדזער ציל.

אַלע מיליטערישע אָביעקטן האָבן די דייטשן געהיט, נאָר ספּעציעל האָבן זיי געהיט די באַן־רעלסן און בריקן, אונטער וועלכע פּאַרטיזאַנער פלעגן אונטערלייגן מינעס, כדי אויפצורייסן די דייטשע עשאַלאָנען, וועלכע האָבן געפירט צום פראָנט סאָלדאַטן, אַמוניציע און שפּייז. אַדורכצוגיין באַן־ליניעס איז געווען לייכטער, ווי אַדורכצוגיין אַ בריק, ווייל די באַן־רעלסן זיינען לאַנג און מ׳האָט געקענט געפינען אַן אָרט, וואָס איז ניט באַוואַכט, בעת אַ בריק האָט בלויז איין איינציקן דורכגאַנג.

מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דעם בריק, וואו די ערשטע גרופּע פון פ.פ.אָ. וואָס איז אַרויס פון געטאָ צו גיין קיין נאַראָטש, איז באַשאָסן געוואָרן און פיל חברים זיינען דאָרט אומגעקומען.

אַרום האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. מיר האָבן ניט געוואוסט און ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט אויסצוגעפינען צי דער שונא איז ניט

באַהאַלטן אין די קוסטעס און וואַרט מיר זאָלן נאָר אַנהויבן דורכגיין. די שטימונג איז געווען אַ געשפּאַנטע, אָבער מיר האָבן ניט געהאַט קיין ברירה. איינע הינטער די אַנדערע אויף אַן אָפּשטאַנד זיינען מיר געגאַנגען זייער שנעל, איינהאַלטנדיק דעם אָטעם און ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער בריק איז אומענדלעך לאַנג, כאָטש אין דערווירקלעכקייט איז עס געווען אַ קליינער בריק איבער דעם טייכל אָשמיאַנקע. אַלע האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט ווען מ׳האָט דערזען דעם בריק הינטער זיך.

ווי כ׳האָב שוין דערמאָנט, זיינען מיר געגאַנגען נאָר די נעכט דורך פאַרוואָרפענע וועגן, אויסמיידנדיק יעדן באַלעבטן ישוב, אָדער מענטש, ווייל מיר האָבן מורא געהאַט מ׳זאָל אונדז ניט אַנטפּלעקן און אַרויסגעבן, איז פאַרשטענדלעך, אַז מיר האָבן נישט געהאַט וואו צו קריגן שפּייז. ווען מיר זיינען אַרויס פון געטאָ האָט יעדערער פון אונדז מיטגענומען אַ ביסל עסן, וואָס האָט קוים געקלעקט אויף די ערשטע פּאָר טעג. האָבן מיר טאַקע גוט צוגעהונגערט. דאָס איז אָבער געווען אויסצוהאַלטן. ערגער איז געווען דער דורשט, וואָס האָט כסדרדיק געמאַטערט. מיר פלעגן זיך אַ וואָרף טאָן צו יעדער בלאָטקע, ניט לייגנדיק קיין אַכט אויף די שמוץ און אינזעקטן.

לויטן אָנגעוויזענעם פּלאַן האָבן מיר די 200 קילאָמעטער פון ווילנע קיין נאַראָטש געדאַרפט דורכמאַכן אין 8 טעג. אָבער מיר האָבן אַ פּאָר מאָל פאַרבלאָנדזשעט. איינמאָל זיינען מיר נאָכן גיין אַ גאַנצע נאַכט געקומען צוריק צו דעם אָרט פון וועלכן מיר זיינען אַרויס. דער פאַרדרוס איז געווען גרויס. יעדער איבעריקער קילאָמעטער איז פאַר אונדז געווען אַ גרויסע אָנשטרענגונג און מער געפאַר אַנטפּלעקט צו ווערן.

משה־יודקע האָט אונדז געטרייסט, אַז נאָכן אַריבערגיין דעם טייך ווילִיע וועט ווערן לייכטער צו גיין, ווייל דאָרט איז די געגנט קאָנטראָלירט פון פּאַרטיזאַנער. מיר וועלן קענען גיין בייטאָג, אַריינגיין אין פּויערישע הייזער, זיך דאָרט אָפּרוען, אָפּעסן, זיך אָנטרינקען און זיך אַפילו הייסן צופירן אויף וועגענער. ס׳האָט זיך ניט געגלויבט, אַז עפּעס אַזוינס איז מעגלעך. דערגרייכן דעם טייך ווילִיע און אַריבערגיין אויפן אַנדער זייט איז געוואָרן אונדזער הויפּט באַגער.

דער בריק איבער דער ווילִיע איז געווען אַ לאַנגער, שטאַרק באַוואַכט פוןביידע זייטן און ס׳איז געווען אוממעגלעך אים אַדורכצוגיין ניט באַמערקט צו ווערן. משה־יודקע האָט געקענט אַ פּויער, וועלכער האָט געלעבט אויפן ברעג טייך און געהאַט שיפלעך. עס ווייזט אויס, אַז דער פּויער האָט ניט איינמאָל דורכגעשוואַרצט פּאַרטיזאַנער אויפן צווייטן זייט

טייך, ווייל ווען מיר זיינען דערגאַנגען צו זיין הייזל און משה־יודקע האָט אים אויפגעוועקט, האָט ער אָן צופיל רייד גענומען זיך צו דער עבודה. ס׳האָט ניט לאַנג געדויערט און מיר זיינען אַלע געווען אויפן אַנדער זייט טייך. מיר האָבן זיך אָפּגערוט אַביסל און זיינען ווידער אַוועק אין וועג. כאָטש מידע, הונגעריקע דורכגעקעלטערטע אָבער מונטערע, ווייל די גרעסטע שוועריקייטן און דעם גרעסטן טייל פון וועג האָבן מיר שוין געהאַט הינטער זיך.

מיר זיינען דערגאַנגען צו אַ דאָרף, ווען ס׳האָט גענומען טאָגן. פון די קוימענס אויף די כאַטעס האָט זיך געדרייט אַ גרויער רויך. די הינט האָבן גענומען בילן. איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז די הינט האָבן אַ בעסערן גורל פון אונדז – זיי האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ, און געפינען זיך אין וואַרעמע כאַטעס. משה־יודקע האָט אונדז צעטיילט צו דריי אין אַ הויז. מיר האָבן זיך אָנגעגעסן, אָנגעטרונקען. עטלעכע פויערים האָבן איינגעשפּאַנט פערד און וואָגן און האָבן אונדז צוגעפירט ביזן אַריינגאַנג צו די נאַראָטשער וועלדער. די פויערים האָבן זיך אומגעקערט אַהיים און מיר פאַרויס אין וואַלד אַריין.

אַזויפיל יאָרן זיינען אַריבער פון יענער צייט און ביז איצט קען איך ניט פאַרגעסן די שיינקייט פון דער נאַראָטשער אַזיערע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסער, אומענדלעכער שפּיגל געזילבערט אין פאַרטאָגיקן ליכט. ווי אויך קען איך ניט פאַרגעסן דעם בילד ווען מיר זיינען אַריין אין וואַלד אין אַ ברייטער, לאַנגער אַלייע צווישן ווייסע ביראָזעביימער און פון ווייטן איז אונדז אַנטקעגן געקומען אַ רייטער אויף אַ פערד. ס׳האָט אויסגעזען, ווי אין אַ מעשה׳לע. אַ מאָמענט האָב איך געמיינט, אַז איך חלום. אָבער ס׳איז געווען די ווירקלעכקייט. דער רייטער איז געווען אַ פאַרטיזאַן, אַ יידישער בחור, וועלכער האָט גוט געקענט משה־יודקען. ער האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט אונדז, אַרויפגעפאַלן זיך קושן און געזאָגט, אַז מיר זיינען ניט ווייט פון דעם אָרט, וואו עס געפינט זיך דער יידישער אָטריאַד „נקמה". ער האָט אונדז אויך געזאָגט, אַז מיר קענען זיך שוין אָנרופן פאַרטיזאַנער, ווייל די ערשטע אויפגאַבע ווי פאַרטיזאַנער האָבן מיר שוין דורכגעפירט – מיר זיינען אַריבערגעגאַנגען באַן־רעלסן, בריקן, הויפּט־שאָסייען, מיר האָבן געמאַכט 200 קילאָמעטער אין אַ דייטשישער אָקופּירטער טעריטאָריע.

סאָניע מאַדייסקער

א

אַ באַקאַנטע רעוואָלוציאָנערע טוערין אין פאַרמלחמהדיקן ווילנע, איז געווען פון די גרינדער פון דער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין ווילנע. נאָך דער ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ, קריגט זי זיך אַרויס אין שטאָט, וואו זי לעבט אויף ליטווישע פאַפירן און פירט אָן מיט דער אונטערערדישער באַוועגונג אין שטאָט. מיט סאָניעס הילף רייסן זיך אַרויס צענדליקער יידן פון ווילנער אַרבעטסלאַגער „קייליס" אין די וועלדער. אַ פאָר חדשים פאַרן אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי אין ווילנע, ווערט סאָניע אַרעסטירט. זי שיסט זיך, אָבער ווערט בלויז פאַרוואונדעט. שפּעטער ווערט זי פאַרפייניקט צום טויט.

ב

צו געסלעך ענגע און געדיכטע,
געטראָגן האָסטו הויפנס זון.
דיין רום פאַרבלייבט אין דער געשיכטע
און כ'פיל דיין אָטעם אומעטום.

נאָך טעג פאַרלאָרענע און שפעטע,
ווען פרייד אַוועק איז מיטן פלאַם,
די ערשטע האָסט פון ווילנער געטאָ,
אין האַנט גענומען דעם נאַגאַן.

און הינטער געטאָ פלעגסט זיך ווייזן,
אַ פאַרמאַסקירטע, ווי אַ פריינד
כדי אויסצוברענען מיטן אייזן
די שטאַרקע שנאה צו דעם פיינט.

פון בוך „קידוש השם" רעדאגירט פון ש. ניגער

אַ זיכערע און אַ געהיימע
און דאָך, ווי פּאַרזיכטיק און קאַלט,
האָסטו געוועד אין טויט און אימה
דורך אונטערערד געפירט אין וואַלד...

אין איין פאַרנאַכט ווען ס׳האָבן שפּיזן
פאַרוויגט די בעסטע פון דיין פאָלק,
עס האָט דער אומגליק זיך באַוויזן.
וואָס האָט דיך לאַנג און ווילד פאַרפאָלגט.

עס הילכט אַ שאָס און גלייך אַ צווייטער,
דיין אויג אַ האַק צום פיינט געריכט...
עס פאַלט אַ דייטש לעם דיר אַ טויטער
און פול מיט פלאַם ווערט דיין געזיכט.

און אָט אַ שטוב איז מיט אַ גאָרטן
און הינטער שטוב איז רויט דער שניי,
אַ שפּרונג אַ היץ, דו שיסט פון דאָרטן,
כאָטש איינע דו און זיבן זיי...

אַך, סאָניע, קעמפערין פון פרייהייט,
עס וויינט דאָס האַרץ פאַר פיין און גרויל,
די לעצטע קויל האָסטו געטרייע,
אַריינגעשאָסן זיך אין מויל...

דיין שווערע וואונד האָט דייטש פאַרבונדן,
געגלויבט דו וועסט אים זאָגן אַלץ,
נאָר דו האָסט אייביקייט געצונדן
מיט פעטליע אויף דיין ווייסן האַלדז...

האָט דעמאָלט מערדער אַ צעקאָכטער
געברענט דיין פלייש מיט העכסטן פלוך...
האָסטו געקושט, ווי טרייע טאָכטער
דעם אורטייל טויט אין גורלס בוך...

כאָטש אַלע ביינער שוין צעבראָכן
און דאָך פאַראַטן ניט געוואָלט,
נאָר הויך געשריען מיט נצחון:
„מיין טויט מיט טויט וועט זיין באַצאָלט...״

(מ. ריגער: „דאָס געזאַנג פון ווילנער געטאָ״).



״סאָניעס לעצטער וועג״ — געצייכנט פון ש. קאָוואַרסקי

שרפות אין די דייטשע מיליטערישע סקלאַדן

(זכרונות פון ווילנער געטאָ)

שלמה קאָוואַרסקי

דעם 22סטן יוני 1941 איז ווילנע פאַרכאַפּט געוואָרן דורך דער דייטשער אַרמיי. די ערשטע באַפעלן פון דער מיליטערישער מאַכט זיינען געווען, אַז די יידן טאָרן ניט פאַרלאָזן זייערע היימען אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש. פאַרבינדונגען האָבן די יידן געהאַט בלויז אויף די אַרבעטס־פּלעצער, וואו מען האָט געאַרבעט אָן געצאָלט, אָדער אויף פּאָנאַר, וואו עס איז שפּעטער פאָרגעקומען די מאַסן־אויסמאָרדונג. דעם 23סטן סעפּטעמבער ווערן די יידן פאַרטריבן אין 6 קליינע געסעלעך אין צענטער שטאָט, אַרומגערינגלט מיט שנעל־אויפגעבויטע מויערן, אין דעם אַזוי־גערופענעם ווילנער געטאָ. ניט אַלעמען האָט מען פאַרטריבן אין געטאָ. אַ סך זיינען פאַר דעם געטריבן געוואָרן צום טויט. פון 60 טויזנט נפשות זיינען אין אַ קורצער צייט געבליבן בלויז 20 טויזנט. ביז אָנהייב 1942 קומען פאָר ווייטערדיקע אַקציעס, שוין אין די ראַמען פון געטאָ. „אַקציעס" האָט געהייסן אַרויספירן יידן צום אויסשיסן אויף פּאָנאַר. דער לעבן אין געטאָ האָט מיט דער צייט אָנגענומען פאָרמען פון אָרגאַניזירטקייט. אין שפּיץ איז געשטאַנען דער יודן־ראַט, מיט פאַרשיידענע סוב־אינסטיטוציעס. דער קאָנטאַקט צווישן די איבערגעבליבענע געזעלשאַפטלעכע און פּאַרטייאישע טוערס איז ווידער באַנייט געוואָרן.

דער געדאַנק פון ווידערשטאַנד איז פון אָנהייב אַנטשטאַנען אין די מוחות פון איינצלנע אָדער באַזונדערע גרופּן. מיט דער צייט איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָרגאַניזאַציע, וואו עס זיינען אַריין פאָרשטייערס פון אַלע פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס: פון השומר הצעיר, אַלגעמיינע ציוניסטן, ביתר, בונד און קאָמוניסטן, וועלכע האָט געהייסן

* געווען געדרוקט אין „נוסח ווילנע" ביולעטין

„פּאַראייניקטע פּאַרטיזאַנישע אָרגאַניזאַציע" – פּ.פּ.אָ. דער הויפּטציל פון דער פּ.פּ.אָ. איז געווען: זאַמלען געווער, מיליטעריש אויסשולן די מיטגלידער און מאַכן אַן אויפשטאַנד אין געטאָ, ווען דער געהעריקער מאָמענט וועט קומען. איינער פון די פונקטן פון סטאַטוט האָט גערופן אַלע מיטגלידער ווי אויך די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אויסצופירן סאַבאָטאַזש־אַקטן אויף די ערטער וואו זיי האָבן געאַרבעט. אַזוי האָבן יידן, וואָס האָבן געאַרבעט ביים סאָרטירן געווער, געשאָטן זאַמד און געגאָסן וואַסער אין די קעסטלעך מיט קוילן וואָס זיינען געשיקט געוואָרן צום פראָנט. מען האָט זיך אויך פאַרמאָסטן אַראָפּצולאָזן אַן עשאַלאָן מיט דייטשישע זעלנערס הינטער ווילנע, וואָס האָט זיך איינגעגעבן. מען האָט אין די קעסלען פון לאָקאָמאָטיוון געגאָסן כעמיקאַלן, וואָס האָבן געמאַכט לעכער.

ווי אַן אַקטיווער מיטגליד פון פּ.פּ.אָ. האָב איך געטראַכט מיט וואָס איך קען העלפן אין די סאַבאָטאַזש־אַקציעס. דאָ האָט מיר געהאָלפן מיין קענען כעמיע. איך האָב געוואוסט, אַז ווען מען מישט אויף צוויי געגעבענע כעמיקאַלן באַקומט זיך אַ פייער. איינער פון די כעמיקאַלן איז אַ פליסיקע זויערקייט און דער צווייטער אַ פּראָשעק. ווען איך וועל די פליסיקע זויערקייט אַריינגיסן אין אַ צינקענע פאַרמאַכטע קעסטעלע וועט עס אויפעסן דעם צינק זיך אַרויסגיסן אויפן פּראָשעק און עס וועט אַנטשטיין אַ שרפה.

דאָס איז געווען זייער אַ פּשוטער פּלאַן, אָבער ניט גאָר פּשוט אים אויסצופירן. די ערשטע זאַך האָב איך געדאַרפט האָבן אַ דערלויבעניש פון שטאַב פון דער פּאַראייניקטער פּאַרטיזאַנישער אָרגאַניזאַציע. צווייטנס האָב איך געדאַרפט פּאַכמענער צוצוגרייטן די צינקענע און הילצערנע קעסטעלעך. דריטנס האָט מען געדאַרפט קריגן די כעמיקאַלן. איך האָב מיין פּלאַן פאָרגעשטעלט פאַר סאָניע מאַדייסקער, וועלכע איז געווען מיט מיר אין איין פינפטל (אַ קאַמפּס־גרופּע פון פּ.פּ.אָ.) און איז גלייכצייטיק געווען פאַרבונדן מיטן שטאַב. דער שטאַב האָט מיר פאָרגעלייגט צוצוטרעטן צו דער אַרבעט מיטן באַדינג, אַז ווען די צינד־באָמבע וועט זיין פאַרטיק, זי איבערגעבן צו זייער דיספּאָזיציע. די כעמיקאַלן האָט סאָניע באַזאָרגט דורך די מענטשן פון דער אונטערערדישער באַוועגונג, מיט וועלכע זי איז געווען אין קאָנטאַקט. ווען איך האָב שוין געהאַט די דערלויבעניש פון שטאַב און די כעמיקאַלן האָב איך מיין פּלאַן פאַרטרויט פאַר צוויי נאָענטע פּ.פּ.אָ.־מיטגלידער, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די געטאָ־וואַרשטאַטן – איינער ביים טאָקן האָלץ און דער צווייטער אין דער מעכאַנישער אָפּטיילונג. מיר האָבן צוזאַמען אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן און די ערשטע

צינקענע און הילצערנע קעסטעלעך זיינען שנעל פּאַרטיק געוואָרן. מיר האָבן צוערשט אויסגעפּרואווט די מעטאַלענע קעסטעלע – די צינקענע בלעך איז צו שנעל דורכגעגעסן געוואָרן. די אויסרעכענונג איז געווען, אַז עס זאָל דורכפרעסן די בלעך אין 6 שעה, כדי די שרפה זאָל אַנטשטיין אין מיטן נאַכט. אַזוי אַרום וועט מען פאַר קיין פאַל ניט קענען חושד זיין די יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן געאַרבעט ביים פאַרריכטן קליידער.

מען האָט גענדאַרפט מאַכן קעסטעלעך פון גרעבערן בלעך. ווען די צינקענע קעסטעלע איז פאַרטיק געוואָרן און האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, האָבן מיר עס אַריינגעלייגט אין דער הילצערנער און אַ גאַנצע נאַכט געוואַרט ביז מיר וועלן דערזען פייער, אָבער עס האָט ווידער ניט געאַרבעט. דער פעלער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מיר האָבן אין גרויס איילעניש פאַרגעסן, אַז אַ פייער צום ברענען דאַרף האָבן זויערשטאָף. אין דער הילצערנער קעסטעלע איז ניט געווען גענוג לופט. סאָניע קומט שוין יעדן טאָג און פרעגט וואו איז די צינד־באָמבע. ענדלעך זיינען שוין די לעכער אין דער הילצערנער קעסטעלע אויך פאַרטיק געוואָרן. מען האָט נאָך צוגעלייגט וואַטע איינגעטונקט אין בענזין און די צינד־באָמבע אויסגעפאַרטיקט. אין די געטאָ־וואַרשטאַטן, וואו מען האָט געאַרבעט אויף דייטשישע באַשטעלונגען איז אויך די באַשטעלונג פון דער פאַראייניקטער פאַרטיזאַנישער אָרגאַניזאַציע געמאַכט געוואָרן. מיר האָבן צוגעגרייט אַ גרעסערע צאָל אַזוינע צינד־באָמבעס און זיי איבערגעגעבן מיט גענויע אינסטרוקציעס סאָניע מאַדייסקער. צוליב קאָנספּיראַציע האָבן מיר ניט געוואוסט ווער עס זיינען די מענטשן, וועלכע וועלן אַריינלייגן אין די סקלאַדן די צוגעגרייטע צינד־באָמבעס.

וועגן די דערפאָלגן פון אונדזער אַרבעט האָבן מיר זיך דערוואוסט דעם קומענדיקן טאָג. אין דער ליטווישער טאָג־צייטונג איז געווען אַ נאָטיץ, אַז אין מיטן נאַכט זיינען אַנטשטאַנען שרפות אין דייטשע סקלאַדן און עס זיינען פאַרברענט געוואָרן זאַכן, וואָס זיינען געווען צוגעגרייט פאַר די דייטשע זעלנערס אויף די פראָנטן. די יידן וואָס האָבן געאַרבעט אין די סקלאַדן האָבן דאָס באַשטעטיקט.

מיר האָבן געוואוסט, אַז דער שאָדן וואָס מיר וועלן מאַכן דעם שונא וועט ניט קאָמפּענסירן פאַר דער יידן־פאַרניכטונג. אָבער מיר האָבן געוואוסט, אַז אויב יעדער איינער וועט צולייגן אַ האַנט צו צעשטערן די דייטשע מלחמה־מאַשין, וועט עס שנעלער ברענגען אַ סוף.

אין אַ סאָוועטישער אויסגאַבע וועגן די קאַמפן אין די בייבאַלטישע

לענדער אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, אַרויסגעגעבן אין 1966, ווערט אָנגעגעבן, אַז אין 1942 האָט אין ווילנע עקזיסטירט אַן אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע, אין שפּיץ פון וועלכער עס איז געשטאַנען סאָניע מאַדייסקער. מיטגלידער פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע, שרייבט מען דאָרט, האָבן דורכגעפירט אייניקע דיווערסיע־אַקטן: אונטערגעצונדן מיליטערישע סקלאַדן, אויפגעריסן עטלעכע לאָקאָמאָטיוון און אַראָפּגעלאָזן אַן עשאַלאָן. מען שרייבט אָבער דאָרט ניט, אַז די אַלע סאַבאָטאַזש־אַקטן האָבן דורכגעפירט די יידישע מיטגלידער פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיזאַנישער אָרגאַניזאַציע (פ.פ.אָ.) אין ווילנער געטאָ.

אונטערערדישע דרוקעריי פון דער ווילנער „פ.פ.אָ.״

צום 32טן יאָרצייט נאָך די אומגעבראַכטע ווילנער קדושים

לייזער ענגעלשטערן

לאָמיר דערמאָנען די שטוינענדע געשיכטע וועגן דער געהיימער דרוקעריי פון דער ווילנער פּאַרטייניקטער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע.

די ווילנער געטאָ איז געווען די ערשטע, וואו ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ווידערשטאַנד־גרופּע. די גענויע דאַטע – דעם 4טן יאַנואַר 1942. צוגלייך מיטן דערוועגבן געווער, איז דער צווייטער ברענפּונקט געווען צו שאַפן אַ פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט, קעגנצווווירקן די העסלעכע פּראָפּאַגאַנדע אין דער דייטשער און פּוילישער פּרעסע קעגן יידן. ס׳איז געווען דרינגנד נויטיק אַן אונטערערדישע צייטונג אין פּויליש. פאַר דעם האָט זיך געפאָדערט אַן אייגענע דרוקעריי אויסערן געטאָ, כדי נישט צו שטעלן אין געפאַר די געטאָ, אין פאַל די געסטאַפּאָ וועט זי אויפדעקן.

דער איניציאַטאָר פון דער דאָזיקער געוואַגטער אונטערנעמונג איז געווען דער יונגער מיטגליד פון „פ.פ.אָ.״, יצחק קאָוואַלסקי – דער ייִנגסטער זון פון דרוקעריי־אייגנטימער שמשון קאָוואַלסקי, ביי וועמען ס׳האָט זיך געדרוקט די טעגלעכע צייטונג „די צייט״. אַ דאַנק זיין טאַטנס דרוקעריי איז יצחק קאָוואַלסקי געווען גוט באַהאַווונט אין דרוק־וועזן. איז געקומען די צייט פאַר דעם יונגן בחור צו טאָן אַ שטיקל געוואַגטע אַרבעט.

נאָך אייניקע באַראַטונגען פונעם „פ.פ.אָ.״ שטאַב, איז יצחק קאָוואַלסקי באַפולמעכטיקט געוואָרן צו אָרגאַניזירן די אונטערערדישע

ענגעלשטערן לייזער. אַ דרוקער פון פאַך. ווילנער געטאָ. געווען פאַרשיקט אין דייטשע קאָנצענטראַציע לאַגערן. נאָכן קריג געלעבט אין ניו־יאָרק, שפּעטער אריבערגעפאָרן אין ישראל. געדרוקט פון צייט צו צייט אַרטיקלען אויף ווילנער טעמעס.

גענומען פון „יידישע צייטונג״ 1975

דרוקעריי. ער האָט זיך גלייך אַריינגעוואָרפן, אומדערשראָקן, מיטן גאַנצן ברען, צו אָט דער וויכטיקער אויפגאַבע.

אַ דאַנק זיין פריערדיקער באַקאַנטשאַפט מיט אַ קריסטלעכן דרוקער, אַ ליטווינער, וועמען די אָקופּאַנטן האָבן געמאַכט פאַרן דירעקטאָר פון דער ליטווישער מלוכה דרוקעריי, האָט קאָוואַלסקין זיך איינגעגעבן אַריינצוקומען אַרבעטן אין אָט דער דרוקעריי. ס'איז נישט געווען אַזוי פשוט ווי ס'רעדט זיך, פאַר אַ ייד פון געטאָ אַריינצוקומען אַהין. דער דירעקטאָר האָט געוואָלט טאָן אַ טובה קאָוואַלסקין, האָט ער פאַר אים געקראָגן די דערלויבעניש פון דער דייטשער מאַכט, צו באַשעפטיקן אַ ייד פון געטאָ ווי אַ „ספּעציאַליסט" אין דרוק־וועזן. קאָוואַלסקי איז טאַקע אַריינגעקומען אַרבעטן ווי אַ „ספּעציאַליסט" און דער יודן־ראַט האָט אים באַזאָרגט מיט אַ „פּאַסיר שיין" צו גיין אַליין אָן אַ גרופּע אַרבעטן אויסערן געטאָ.

אַזוי נאָר ווי ער האָט אָפּגעאַרבעט אייניקע טעג און זיך נענטער באַקענט מיט די זעצער און מאַשיניסטן, און נאָכן אויסאַרבעטן די סטראַטעגיע מיט זיינע חברים פון שטאַב, איז קאָוואַלסקי צוגעטראָטן צו דער ערשטער פאַזע פון דער צוגרייט־אַרבעט פאַר דער געהיימער דרוקעריי.

אַ מיטגליד פון שטאַב האָט געמאַכט די פאַרבינדונג צווישן קאָוואַלסקין מיט אַ קריסטלעכן פּוילישן אונטערגרונט־מענטש, יאַן פּשעוואַלסקי, ביי וועמען אין שטוב ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרקאָנספּירירן די דרוקעריי. די לעגענדעראַ העלדישע פּאַרטיזאַנקע, סאָניע מאַדייסקער, וועלכע איז געווען אַ מיטגליד פון שטאַב, האָט געמאַכט די פאַרבינדונג מיטן קריסט, וועלכער פלעגט יעדן טאָג אין דער אָפּגערעדטער צייט שטיין קעגנאיבער דער דייטשער דרוקעריי, איבערנעמען פון קאָוואַלסקין די פולע מענאַשקע מיט שריפט, און אים צוריקגעבן געגוי אַזאַ מענאַשקע אַ ליידיקע... ווי אַ געניטער זעצער האָט קאָוואַלסקי געוווסט וועלכע מינים שריפט ער וועט דאַרפן האָבן און כדי נישט צו ציען אויף זיך קיין חשד פאַרן גנבענען שריפט, האָט ער געמוזט ממש אַקראָבאַטעווען צווישן די זעצער און אויסצונוצן יעדן מאָמענט אַריינצושיטן אין דער פאַרמאַסקירטער מענאַשקע, און אין די קעשענעס, אַ הויפן שריפט.

נאָכן אָפּאַרבעטן אויף אָט דעם אופן העכער דריי חדשים האָט מען שוין געהאַט דעם סכום שריפט פאַר דער ערשטער צייט, פאַר אַ צייטונג פון אַ קליינעם פאָרמאַט. שריפט אַליין איז אָבער געווען נישט גענוג. מ'האָט דאָך באַדאַרפט כאָטש אַ קליינע דרוק־מאַשין.

האָט קאָוואַלסקי אָנגעהויבן מאַנעווּרירן, אַריינצוקומען אין דער מאַשין־אָפּטיילונג. ער פלעגט זיך אָנבאָטן צו פאַרריכטן גרייזן אויפן זאַץ, וואָס איז שוין געשטאַנען אויפן מאַשין. דאָרט האָט ער געוואָרפן אַן אויג אויף אַ קליינער נישט־גענוצטער מאַשין.

אין פאַרלויף פון איניקע טעג האָט קאָוואַלסקי טיילנווייז אַרויסגעטראָגן די מאַשין און איבערגעגעבן דעם אָפּוואַרטנדיקן יאַן פשעוואַלסקי.

ווען אַלץ איז געוואָרן קאָמפּלעטירט וואָס אַ דרוקעריי באַדאַרף האָבן, איז מען צוגעטראָטן אַרויסגעבן דעם ערשטן נומער פון דער פוילישער צייטונג, וואָס מ׳האָט אַ נאָמען געגעבן: „שטאַנדאַר וואָלנאָשטשי״ (פרייהייטס־פאָן).

מ׳האָט זיך גיך אַן עצה געגעבן, אַז די צייטונג זאָל גרייכן צו די הייזער פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. עס זענען אויסגענוצט געוואָרן אַלע וועגן פון פאַרזיכטיקער קאָמוניקאַציע.

דער ערשטער נומער האָט געמאַכט אַ גוואַלדיקן איינדרוק אויף דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. די געסטאַפּאָ האָט געקריצט מיט די ציין... פון אָט דער אונטערערדישער צייטונג האָט די קריסטלעכע באַפעלקערונג זיך דערוווּסט אַזוינע נייעס, וואָס די אָפיציעלע צייטונגען פלעגן אויסבאַהאַלטן און נישט דרוקן.

די געסטאַפּאָ איז געשטעלט געוואָרן אויף די פיס, צו דערגיין די שפּורן פון דער אונטערערדישער דרוקעריי. ווען די געסטאַפּאָ איז מיד געוואָרן פון לויערן אויף די שפּורן פון דער דרוקעריי, איז זי געפאַלן אויף דער המצאה, צו באַשטימען אַ הויכע סומע געלט אַלס באַלוינונג פאַר אָנווייזן דאָס אָרט פון דער דרוקעריי. זי איז געוועזן אַזוי פאַרקאָנספּירירט, אַז בלויז די סאַמע וויכטיקע שטאַב־מיטגלידער האָבן געוווּסט דאָס אָרט פון דער דרוקעריי.

אַ גאַנץ יאָר צייט, האָט די דרוקעריי געאַרבעט בייטאָג און ביינאַכט, אַרויסגעבנדיק פעריאָדיש דעם „שטאַנדאַר וואָלנאָשטשי״, און אויך פּראָקלאַמאַציעס און אויפרופן אין פויליש און ליטוויש. די קריסטלעכע באַפעלקערונג איז געווען זיכער, אַז דאָס אַלץ ווערט געטאָן דורך קריסטן, קעגנער פון דייטשן אָקופּאַנט, ווייל אַלע אַרטיקלען זענען געוואָרן געשריבן פון די שטאַב־מיטגלידער אונטער עכטע פוילישע נעמען. די פּראָקלאַמאַציעס און אויפרופן זענען אונטערגעשריבן געוואָרן מיטן נאָמען – „פאַרבאַנד פון

פוילישע פּאַטריאָטן".

כדאי צו דערמאָנען, אַז די גאַנצע שווערע לאַסט פון אָנפירן מיט דער דרוקערײַ איז געפאַלן אויף דעם דרייסטן יצחק קאָוואַלסקי, וועלכער איז נאָך אַ לאַנגן טאָג אַרבעט אין דער מלוכה דרוקערײַ אַוועק אַרבעטן אויף אַ גאַנצער נאַכט אין דער געהיימער דרוקערײַ. ס'איז פאַר אים געווען קלאָר, אַז לאַנג וועט ער אַזוי נישט קענען אָנגיין און ט'זיך צוזאַמענברעכן. האָט קאָוואַלסקי, אָנגעהויבן לערנען יאַן פּשעוואַלסקין און זײַן פרוי די דרוקערײַ־מלאכה. צום גליק האָבן זיי ביידע זיך שנעל אויסגעלערנט זעצן און זיך פאַרפולקאָמט אין אַלע אַנדערע אַרבעטן. יצחק קאָוואַלסקי האָט זיך שוין געקענט פאַרגינען צו כאַפּן בײַנאַכט נאָך אַ שעה שלאָף...

אַזוי אַרום האָט די ווילנער פאַראייניקטע פּאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע מיט דער געהיימער דרוקערײַ אָפּגעהאַלטן דעם ערשטן נצחון איבער דער געסטאַפּאָ. דערמיט האָט זי באַוויזן אַ יאָר צײַט צו קומען מיטן געדרוקטן וואָרט צו דער קריסטלעכער באַפעלקערונג.

* * *

זינט נאָך דער מלחמה וווינט יצחק קאָוואַלסקי מיט זײַן פרוי און קינדער אין ניו־יאָרק און אַרבעט בײַ זײַן פאַך, ווי אַ זעצער אין אַ טעגלעכער ענגלישער צײַטונג.

אַ ניו־יאָרקער פאַרלאַג האָט אין יאָר 1969 אַרויסגעגעבן זײַנע מעמואַרן אין ענגליש. דאָס בוך האַלט 415 זײַטן, פאַרזען מיט פילצאָליקע בילדער פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע. דאָס בוך איז אַ וואָגיק צושטייער צו דער געשיכטע פון דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. דאָס בוך איז גינסטיק אויפגענומען געוואָרן פון די ליטעראַטור־קריטיקער אין דער ענגלישער פרעסע. די ערשטע אויפלאַגע איז שנעל פאַרקויפט געוואָרן און אין 1972 האָט דער פאַרלאַג געדרוקט אַ צווייטע אויפלאַגע.

מיר פאַרשפּרייטן אומלעגאַלע ליטעראַטור

(זכרונות פון ווילנער געטאָ)

שלמה קאָוואַרסקי

נאָך אַ שווערן טאָג פון שקלאַפן־אַרבעט ביי די דייטשן, האָב איך זיך אומגעקערט אין מיין געטאָ־צימער, אַרויסגענומען פון מיין טאָרבע דאָס ביסל קאַרטאָפל און דאָס שטיקל ברויט, וואָס מיר האָט זיך איינגעגעבן צו קויפן, ריזיקירנדיק מיט מיין לעבן. אַרומגעוואַשן זיך, אָפּגעגעסן דאָס ביסל געקעכץ און אַוועק זיך טרעפן מיט מיין פאַרבינדלערין פון דער אונטערערדישער פאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע. אויף שנעל האָט זי מיר איבערגעגעבן איבערלייענען דעם ביולעטין – די נייס, אויפגעכאַפּט פון אונדזער אונטערערדישן ראַדיאָ. דאַן האָט זי מיר איבערגעגעבן, אַז סאָניע מאַדייסקער זוכט מיך אַרום. איך דאַרף זיין אין מיין צימער אַכט אַזייגער זיך צו טרעפן מיט איר וועגן אַ זייער וויכטיקן ענין. צוליב זיכערקייט און קאָנספּיראַציע האָט מען זיך אויסגעלערנט אַ סך צו הערן, ווייניק ריידן און נאָך ווייניקער שטעלן פראַגן. סאָניע מאַדייסקער איז דאַן אין גאַנצן אַלט געווען 27 יאָר, אָבער זי איז געווען דער מוח און דער הויפּט־נערוו פון דער פאַראייניקטער פאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע. זי איז געווען דאָס האַרץ און די נשמה פון דער יוגנט. מיר האָבן ביידע געהערט צו דעם ערשטן פינפטל פון פ.פּ.אָ. מיר האָבן צוזאַמען זיך געלערנט ווי צו באַנוצן הייס און קאַלט געווער. אויסער דעם האָב איך געוואוסט, אַז סאָניע איז זייער פאַרנומען און זעלטן האָבן מיר זיך געטראָפן. די ספּעציעלע טרעפונג מיט סאָניען האָט מיך דערפאַר ניט געלאָזן רוען.

אין דער באַשטימטער צייט איז זי געקומען. זי האָט מיר איבערגעגעבן, אַז עס ווערט אַרויסגעגעבן אַן אונטערערדישע צייטונג אין ליטוויש, פּויליש און דייטש. אונדזער אויפגאַבע איז צו פאַרשפּרייטן זי אין

---

* געדרוקט אין א.ר. זשורנאַל „קולטור און לעבן"

שטאָט. איך האָב גלייך פאַרשטאַנען וואָס עס מיינט „אונדזער אויפגאַבע". דער פּלאַן איז, אַז יעדערער פון אונדזערע יוגנטלעכע, וואָס גייט אַרויס אין שטאָט אויף אַרבעט, דאַרף מיטנעמען מיט זיך די ליטעראַטור און זי פאַרשפּרייטן אויפן וועג. די פראַגע איז: ווי טוט מען עס ווייל צו דער אַרבעט גייט מען אין גרופּן, קאָלאָנעס, און אין מיטן גאַס, אויף די טראָטואַרן איז יידן ניט דערלויבט געווען צו גיין. דעם זעלבן אָוונט האָב איך שוין געהאַט די ליטעראַטור ביי מיר און ביי די גאַרדאַנס אין צימער, אויף רודניצקער גאַס. דאָרט זיינען אַרויפגערופן געוואָרן די יוגנטלעכע, צו וועלכע מיר האָבן געהאַט דעם פולן צוטרוי. איך האָב זיי איבערגעגעבן וועגן דער אויפגאַבע. יעדער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט פּערזענלעכן אומקום און מיט דער עקסיסטענץ פון דער אָרגאַניזאַציע. אַלע האָבן פאַרשטאַנען די ריזיקע, אָבער קיינער האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט.

מען האָט געמאַכט פון יעדער צייטונג אַ קליין פּעקעלע, אַרומגעוויקלט די פּעקעלעך מיט קאָלירטע בענדלעך און די סחורה איז געווען גרייט. דער פּלאַן איז געווען: אָפּשטיין פון דער גרופּע, מיט וועלכער מען איז געגאַנגען צו דער אַרבעט, אַרויפגיין אויפן טראָטואַר און אַריינוואַרפן די פּעקלעך אין די אַריינגאַנגען פון די הייזער. די פּעקעלעך איינגעוויקלט אין קאָלירטע בענדלעך האָבן געדאַרפט ציען די אויפמערקזאַמקייט פון איינוואוינערס.

דעם קומענדיקן פאַרטאָג, איידער מען איז אַרויס צו דער אַרבעט, זיינען שוין אַלע חברה געווען ביי די גאַרדאַנס אין צימער. איך בין שוין דעם טאָג, פאַרשטייט זיך, צו מיין אַרבעט ניט געגאַנגען. איך מאַך נאָך אַ מאָל אויפמערקזאַם אויף דער ריזיקע, און אַז מען זאָל זיין זייער פאָרזיכטיק; אַז נאָכן אומקערן זיך אין געטאָ דאַרף מען זיך מעלדן און איבערגעבן וועגן דער דורכגעפירטער אַרבעט.

דער טאָג האָט זיך פאַר מיר געצויגן זייער לאַנג. איך האָב זיך געווענדט צו דעם פּאָליציאַנט מאַנקיע ראַדזיעוויטש, מיינער אַ חבר פון אוניווערסיטעט און אויך אַ מיטגליד פון דער אונטערערדישער פאַראייניקטער פאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע, ער זאָל מיך אַרויספירן פון שטאָט. מיר האָבן געוואַנדערט איבער די ווילנער גאַסן און מיינע קעשענעס זיינען מער און מער באַפרייט געוואָרן פון די געלאָדענע פּעקלעך, די אונטערערדישע פּרעסע.

נאָך מיטאָג האָבן מיר זיך אומגעקערט אין געטאָ. אין אָוונט האָבן זיך די חברה צופרידענע געמאָלדן – אַלעמען איז געלונגען צו פאַרשפּרייטן

די ליטעראַטור אין פאַרשיידענע עקן פון שטאָט. דריי זיינען ניט געקומען אין צייט – די ברידער הירשקע און לייבע גאָרדאָן און זאַמקע טיקטין. אַלע דריי האָבן געאַרבעט אין די בורבישקער געווער־לאַגערן. איך האָב געוואוסט, אַז אַלע זיינען זיי גרויסע ריזיקאַנטן און דאָס האָט מיך זייער באַאומרואיקט.

ס'איז שוין נאָך זיבן אין אָוונט און זיי זיינען נאָך אַלץ נישטאָ. ערשט שפּעט אין אָוונט האָבן זיי זיך אַלע דריי באַוויזן – צעשטראַלטע, צופרידענע. וואָס איז געשען ? דער ענטפער איז געווען: פּונקט דעם טאָג האָט זיך זיי איינגעגעבן אַרויסצובאַקומען פון די געווער־לאַגערן אַ סך קוילן און פיר גראַנאַטן. האָבן זיי געוואַרט ביז שפּעט אין אָוונט, ווען די וואַך ביים טויער אין געטאָ בייט זיך און דאַן זיינען זיי אַריין.

זיי האָבן גענומען אַרויסנעמען פון די טאָרבעס די קאַרטאָפל. אונטן זיינען געלעגן די גראַנאַטן, און פון די קעשענעס האָבן זיי אויסגעשאָטן די קוילן. זיי האָבן אויסגעפירט צוויי וויכטיקע אויפגאַבן אין איין טאָג.

דאָס איז אונדזער וואונדערבאַרע חברה – האָב איך געטראַכט. סאָניע מאַדייסקער איז געקומען הערן דעם באַריכט. מיין רעאַקציע איז געווען: איר גרייט צו אומלעגאַלע ליטעראַטור און מיר וועלן עס פאַרשפּרייטן. יעדער האָט געוואָלט וויסן וואו און ווער גיט אַרויס די אומלעגאַלע פּרעסע. אָבער קיין פראַגן האָט מען ניט געפרעגט. מען האָט בלויז געוואוסט, אַז דאָס ווערט אַרויסגעגעבן פון דער שטאָטישער אַנטי־פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע.

נאָך דער מלחמה האָט מען מיר דערציילט, אַז די אומלעגאַלע דרוקעריי איז געווען אין שטאָט און אַז אַ גרויסן חלק אין דער אַרבעט האָט געהאַט סאָניע מאַדייסקער, דער פּוילישער חבר יאַן פּשעוואַלסקי און דער פּ.פּ.אָ.־מיטגליד, דער דרוקער יצחק קאָוואַלסקי.

פון די אַלע אויבן דערמאָנטע נעמען, אויסער יצחק קאָוואַלסקין, איז קיינער ניט געבליבן לעבן. אַלע זיינען העלדיש אומגעקומען. זיי זיינען געווען מיינע נאָענטסטע קאַמפּס־חברים. היינט, אין טאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, דערמאָנען מיר זיי מיט דעם גרעסטן יראת־הכבוד.

אַננאַ שימייטע – מיין באַקאַנטשאַפט מיט איר

שלמה קאָוואַרסקי

ערגעץ אין דעם מיטן פון 1942, ווען די איבערגעבליבענע ווילנער יידן האָבן זיך שוין אַריינגעלעבט אין דעם טראַגישן זיין פון געטאָ־בירגער, בין איך שוין געווען אַ מיטגליד פון דער אונטערערדישער פאַראייניקטער פאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע און געאָטעמט מיט געווער אין די הענט, שטעלן אַ ווידערשטאַנד די דייטשע מערדער און זייערע געהילפן, די ליטווינער, לאַטישן, עסטאָנצעס און וולאסאָווצעס־אוקראַינער. אין איינעם פון יענע טעג איז געקומען צו מיר אַ חברטע און געזאָגט, אַז ביי איר אין שטוב וואַרט אויף מיר אַ ליטווישע פרוי, אַ פריינדין פון איר פאָטער, אַ באַקאַנטע פון די עסערישע קרייזן. איך האָב לאַנג ניט געטראַכט און אַוועק מיט מיין חברטע צו איר אין שטוב. דאָרט האָט זי מיר אַריינגעפירט אין אַ שטאָק פינצטערן צימער, ווייל די פענצטער וואָס זיינען אַרויס אויסערן געטאָ האָט מען געמוזט פאַרהאַקן מיט ברעטער, אַז מען זאָל ניט זען וואָס עס טוט זיך מחוץ דעם געטאָ. דאָרטן האָט געוואַרט אויף מיר די פרוי וועמענס שאָטן איך האָב אַפילו ניט געקענט זען. נאָר מיט איין מאָל האָב איך דערהערט איר שטימע: „בינסטו געווען זייער אַקטיוו אין ווילנער אוניווערסיטעט אין די צייטן פון די סאָוועטן”? אין יענער צייט האָט די פראַגע געקלונגען פּראָוואָקאַטאָריש. אָבער איך האָב אין געטאָ אַלע מאָל געטראָגן מיט זיך אַ קליינעם רעוואָלווער, אַרויסגעגעבן פון פ.פ.אָ. איך האָב אַריינגעלייגט די האַנט אין קעשענע, אָנגענומען מיין קליינע „חיה” ווי מיר האָבן גערופן אַ רעוואָלווער אין געטאָ. איך האָב לאַנג ניט געטראַכט און באַשטעטיקט איר פראַגע. זי האָט געהערט מיין שטימע און זיך אָריענטירט וואו איך געפין זיך. זי האָט מיר אַרומגענומען און מיט אַ ווייינענדיקער, דערפרייענדיקער שטימע געזאָגט, אַז דער רעקטאָר פון אוניווערסיטעט, וואָס איז אויך געווען רעקטאָר פאַר די סאָוועטישע צייטן, בירזשישקאַ, זוכט מיר אַרום און

---

* געדרוקט אין זשורנאַל „קולטור און לעבן” פון אי״ר

ער וויל מיר יעדן חודש שיקן דריי הונדערט מאַרק צו הילף אין מיינע שווערע געטאָ־באַדינגונגען. איך האָב איר שטאַרק באַדאַנקט און געבעטן איבערשיקן מיינע בעסטע גרוסן צום רעקטאָר בירזשישקאַ, מיט וועלכן איך האָב אין די סאָוועטישע צייטן געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך און אַ קעגנזייטיקן צוטרוי, ווייל ער פלעגט מיר דערציילן פון זיין לעבן, וואָס ניט פאַר אַלעמען וואָלט ער עס דערציילט. איך האָב זיך געזעגנט מיט דער אומבאַקאַנטער פרוי, וואָס איך האָב איר פּנים ניט געזען און בלויז איר ליבע שטימע געהערט, צוגענומען די דריי הונדערט מאַרק און אַוועק. דעם קומעדיקן טאָג בין איך אַוועק צו מיין חברטעס פּאָטער און זיך דערוואוסט, אַז דער סודותפולער פרויס פאַמיליע־נאָמען איז אַננאַ שימייטע. זי אַרבעט אין אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק, און צוזאַמען מיטן רעקטאָר בירזשישקאַ האָבן זיי אויפן אוניווערסיטעט אָרגאַניזירט אַ געהיימע גרופּע וואָס האָט זיך געשטעלט פאַרן ציל אַרויסהעלפן באַקאַנטע יידן. זי, פּערזענלעך, שימייטע, האָט מיט פאַרשיידענע וועגן זיך אַריינבאַקומען אין געטאָ, געבראַכט שפּייז, געלט און מעדיצין פאַר יידן, און דער עיקר זי האָט זיך באַמיט אַרויסצופירן יידישע קינדער און זיי איינאָרדענען אין זיכערע ערטער ביי קריסטן אין ליטווישע היימען.

זי האָט באַמיט זיך קריגן אַרישע פּאַפּירן פאַר יידן. זי האָט אויך אויסבאַהאַלטן אין ביבליאָטעק אַ סך קולטורעלע אוצרות, מאַנוסקריפּטן און דאָקומענטן וואָס מען פלעגט איר איבערגעבן דורך די יידן וואָס האָבן געאַרבעט אין ייוואָ ביי דעם אַזוי־גערופענעם ראָזענבערג־שטאַב, וואָס האָט אַרויסגעפירט די אוצרות פון ייוואָ און סטראַשון־ביבליאָטעק קיין בערלין.

אַננאַ שימייטע האָט מיר רעגולער איבערגעגעבן יעדן חודש די 300 מאַרק. פון מיין שווערער אַרבעט אויסערן געטאָ און די אַרבעט אין דער אונטערערדישער באַוועגונג נאָך דער אַרבעט בין איך קראַנק געוואָרן, געקראָגן אַ לונגען־אָנצינדונג. מען האָט מיר אַריינגעלייגט אין שפּיטאָל. ווען שימייטע האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט, איז זי געקומען אין שפּיטאָל מיר באַזוכן, און ניט מער און ניט ווייניקער, פאַרגעלייגט צו פאַרקויפן איינעם פון אירע צוויי מאַנטלען וואָס זי פאַרמאָגט כדי איך זאָל האָבן פאַרוואָס קויפן גענוג שפּייז. איך האָב איר זייער באַדאַנקט און געזאָגט, אַז מיינע חברים באַזאָרגן מיר עסן מערער ווי איך קען אויפעסן.

דעם לעצטן מאָל האָב איך זיך געטראָפן מיט שימייטע, ווען פון שטאַב האָט מיר סאָניע מאַדייסקער געשיקט זיך טרעפן מיט איר אויף דער

באַן־סטאַציע, וואו עס האָבן געאַרבעט יידן. עס איז געווען ערב דער ליקווידאַציע פון געטאָ. זי האָט מיר דאַן איבערגעגעבן אַ בריוו פאַר סאָניען פאַרן שטאַב. ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, האָט זי געוואָרנט, אַז פון זייערע ידיעות פון געשטאַפּאָ, וואו זיי האָבן געהאַט זייערע אייגענע מענטשן, גייט מען ליקווידירן דעם געטאָ.

אננאַ שימייטען האָב איך מער ניט געטראָפן, אָבער פון דעם ערשטן מאָמענט, וואָס איך האָב זיך אומגעקערט אין דער באַפרייטער ווילנע, האָב איך איר אָנגעהויבן זוכן. איך בין ניט געווען דער איינציקער – מיר האָבן זיך דערוואוסט אַ זייער טרויעריקע געשיכטע. פאַר דער ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ האָט שימייטע אויסגעאַרבעט פאַר דער מיידל, וואָס האָט מיר דעם ערשטן מאָל באַקענט מיט איר, קריסטלעכע דאָקומענטן און איר אַריינגענומען צו זיך, וואו זי האָט געוואוינט אויף סובאָטש גאַס. אין דעם זעלבן בנין האָבן געוואוינט פרויען איבערגעבליבענע פון סאָוועטישע אָפיצערן, וואָס זיינען אַנטלאָפן מיט דער סאָוועטישער אַרמיי. די יידישע מיידל האָט מיט זיי זיך באַפריינדעט און זיי אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז זי איז אַ יידישע טאָכטער. די רוסישע פרויען זיינען אַוועק אין געשטאַפּאָ און גלייך עס איבערגעגעבן. דעם קומענדיקן אינדערפרי ווען *אננאַ שימייטע* האָט זיך געקליבן צו גיין צו דער אַרבעט, זיינען געקומען די מערדערישע געשטאַפּאָווצעס, און ווי עדות דערציילן, האָט מען איר מערדערלעך צעשלאָגן און אַרויסגעפירט, צו ערשט אין דעם לאַגער אין דאַכאַו און שפּעטער אַריבערגעפירט אין אַ לאַגער ניט ווייט פון דער פראַנצייזישער גרענעץ. די יידישע מיידל האָט געטיילט דעם גורל פון אַלע ווילנער יידן, וואָס מען האָט אומגעבראַכט אין פּאָנאַר.

נאָך דעם ווי *אננאַ שימייטע* איז דורך די אַליאירטע אַרמייען באַפרייט געוואָרן פון אַרבעטס־לאַגער, איז זי שוין געווען אין גאַנצן אַ צעבראָכענער מענטש. זי האָט זיך ניט געוואָלט אומקערן אין איר סאָוועטיש „היימלאַנד" – ליטע, און איז אַריבערגעפאָרן וואוינען אין פּאַריז. דער יד ושם אין ישראל האָט איר אין 1966 פאַר איר העלדישער מוטיקייט צו ראַטעווען און העלפן יידן אין צייט פון חורבן באַלוינט מיטן מעדאַל „חסידי אומות העולם".

זי האָט געלעבט אין ישראל, וואו זי איז איינגעלאַדן געוואָרן דורך דער רעגירונג, וועלכע האָט איר דאָרטן פולקאָם אויסגעהאַלטן דריי יאָר. נאָך דריי יאָר האָט זי זיך אומגעקערט קיין פּאַריז. צום באַדויערן איז זי שוין געווען אין גאַנצן אויסגעשעפּט, ניט פעאיק צו אַרבעט און מיט גאָר

ווייניק געלט אין איר רשות. ווען איך בין געקומען אין ניו־יאָרק און אָנגעהויבן אַרבעטן, האָב איך מיט נאָך אַנדערע ווילנער איר געהאָלפֿן מאַטעריעל. אָבער זי איז קענטיק געווען זייער דעפּרעסט, ווייל זי האָט קיין מאָל ניט געענטפערט אויף אונדזער אָפּרוף.

די לעצטע יאָרן איז זי געווען אין אַ מושב זקנים פֿאַר אינטעלעקטואַלן, לעבן ווערסיי, וואו זי איז געשטאָרבן דעם 17טן יאַנואַר 1970 אין עלטער פון 70 יאָר. זי איז אַוועק פון דער וועלט אָפּגעזונדערט פון אַלע אירע פריינד, אָבער דער נאָמען אַננאַ שימייטע וועט ניט פֿאַרגעסן ווערן און איר הייליקער נאָמען וועט אויף אייביק בלייבן אין דער יידישער געשיכטע פון די צייטן פון חורבן.

א יידישע העלדין אין די יוגנט־יאָרן

שיינע (סאָניע מאַדייסקער) האָט געהערט צו דער אָנפירונג פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע אין ווילנער געטאָ; נאָכן ליקווידירן די געטאָ איז זי געווען טעטיק אין אונטערערד אונטער אַ קריסטלעכן נאָמען; ווען די נאַציס זיינען געקומען זי אַרעסטירן, האָט זי זיך געשאָסן, אָבער געבליבן בלויז מיט אַ וווּנד; די נאַציס האָבן זי פאַרפייניקט. זי איז געבוירן געוואָרן אין 1913 אָדער 1914 אין מאַלאַט, לעבן ווילנע; די פאָטאָגראַפיע איז גענומען געוואָרן אָנהייב דרייסיקער יאָרן. אַ מתנה פון ל. קרעמער, ניו־יאָרק.



סאָניע מאַדייסקער

* „ידיעות פון ייוואָ" נומ' 24 דעצעמבער 1947

צי וועט די גאַס טראָגן איר נאָמען

ש. אַדעלסקי

איך האָב באַקומען אַ בריוו פון מיין היימשטאָט ווילנע, ווו אַ חבר שרייבט וועגן בייטן די נעמען פון די גאַסן. צווישן אַנדערע האָט מען אויך אָפּגעשאַפט דעם נאָמען ס. מאַדייסקעריטע, וועלכן ס'האָט געטראָגן איינע פון די גאַסן פון דער אַלט־שטאָט.

אין שייכות מיט דעם האָט דער באַוווסטער שרייבער גריגאָרי קאַנאָוויטש אין נאָמען פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט געשיקט אין דער רעדאַקציע פון דער רוסישער צייטונג „עכאָליטווי" אַ פּראָטעסט־בריוו. ער טיילט מיט אין אים, אַז דאָס איז געווען די איינציקע גאַס ניט נאָר אין ווילנע, אָבער אויך אין דער גאַנצער רעפּובליק, וואָס דערמאָנט אָן דער טראַגעדיע און גבורה פון די יידן פון ליטע אין צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע.

סאָניע מאַדייסקער איז געווען איינע פון די וואָס האָבן אָנגעפירט מיטן ווידערשטאַנדס־קאַמף אין דער שטאָט ווילנע און אין געטאָ. אַריינפאַלנדיק אין די הענט פון געסטאַפּאָ, האָט זי זיך ניט אונטערגעגעבן לעבעדיקערהייט, פאַרניכטעט עטלעכע געסטאַפּאָווצעס. דער נאָמען פון דער העלדין איז באַוווסט אין גאָר דער וועלט, אירע טאַטן זיינען באַשריבן אין פיל ביכער.

„מיר האַלטן – שרייבט אין זיין בריוו אין דער רעדאַקציע ג. קאַנאָוויטש – אַז „דאָס בייטן דעם נאָמען באַליידיקט טיף ניט נאָר דעם אָנדענק פון דער העלדין, נאָר פון די אַלע, וואָס זיינען אומגעקומען אין געטאָ." ער דריקט אויס די האָפענונג, אַז „דער פעלער" וועט פאַרריכט ווערן און די גאַס וועט ווייטער טראָגן דעם נאָמען פון ס. מאַדייסקעריטע.

רחובות 1991

שטיל די נאַכט איז אויסגעשטערנט

שושנה קאַליש מיט באַרבאַראַ מייסטער

״שטיל די נאַכט איז אויסגעשטערנט״ וועלכע איז אויך באַוואוסט ווי ״די פּאַרטיזאַנער ליד״ דערציילט די העלדישע מעשים פון אַ מיידל אַ ווידערשטאַנד קעמפער. די יונגע מיידל, וועלכע האָט אינספּירירט הירש גליקן צו שרייבן דאָס ליד איז געווען וויטקע קעמפנער, וועלכע האָט אָנטיילגענומען אין דעם איינגעגעבענעם דיווערסיע סאַבאָטאַזש אַקט פון די יידישע פּאַרטיזאַנער פון ווילנע. וויטקע, און דער יונגער פּאַרטיזאַנער יצחק מאַצקיעוויטש האָבן צוזאַמען אָנטיילגענומען אין אויפרייסן אַ באַן, וועלכער האָט געפירט 200 דייטשע זעלנער. דאָס איז געווען זי, וועלכע האָט אין די פינצטערניש פון די נעכט, אויסגעפּאַרשט די קאַלטע, בלאָטיקע וועלדער אין דער לענג פון דער באַן ליניע כדי אויסצוגעפינען דעם בעסטן פונקט וואו אַרונטערצולייגן די אויפרייסבאָמבע, וואָס איר גרופּע האָט אַליין געמאַכט אין געטאָ. נאָך דער דאָזיקער איינגעגעבענער אויפגאַבע איז וויטקע געוואָרן באַשטימט ווי די אָנפירערין פון אַן אויסשפּיר גרופּע, און אַ סך וויכטיקע אויפגאַבן זיינען אויסגעפירט געוואָרן אונטער איר אָנפירערשאַפט. עס האָט זיך איר איינמאָל איינגעגעבן זיך אַריינצובאַקומען אין ״קייליס״, אַ קאָנצענטראַציע לאַגער לעבן ווילנע, און זי האָט אַריבערגעבראַכט אַ גאַנץ גרויסע גרופּע פון דאָרטיקע יידן אין וואַלד. ווען מען האָט איר איינמאָל געכאַפּט און געזאָלט איבערגעבן אין די הענט פון געסטאַפּאָ האָט זיך איר איינגעגעבן אַרויסצודרייען זיך פון איר וואָך אַ

קאַליש שושנה, אַ געראַטעוועטע פון קאָנצענטראַציע לאַגער אין אוישוויץ, וווּ זי האָט פאַרלאָרן איר גאַנצע משפּחה – די עלטערן אַ שוועסטער און דריי ברידער. אין משך פון די לעצטע פינף יאָר איז זי עפנטלעך אויפגעטראָטן אין אַמעריקע און אייראָפּע מיט די לידער וואָס מען האָט געזונגען אין די טויט לאַגערן. זי וווינט איצט אין ניו־יאָרק. באַרבאַראַ מייסטער איז אַ פּיאַניסטקע.

*איבערזעצט פון ענגליש פון דעם בוך: „יאָ, מיר האָבן געזונגען לידער פון די געטאָס און קאָנצענטראַציע לאַגערן״

דאַנק איר לויטערער דורכגעטריבנקייט און פלינקייט, ריזיקירנדיק בעסער מיטן טויט צו ווערן דערשאָסן פון די רעוואָלווערן איידער ווי זיך צו איבערגעבן צו געסטאַפּאָ פאַר פּייניקונגען.

עס וואָלט אָבער געווען ניט יושרדיק צו רימען בלויז איינע פון די אומצאָליקע מוטיקע יידישע פרויען פון דער צווייטער וועלט מלחמה, אָן וועמענס הילף וואָלט ניט מעגלעך געווען די רעטונג און ווידערשטאַנד פון דער אונטערערדישער באַוועגונג. מערסטנטייל פון די דאָזיקע העלדישע מיידלעך זיינען נאָך דאַן געווען זייער יונג, געבאָרן אין דעם ענדע אָדער גלייך נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה, אין אַ צייט ווען מיידלעך זיינען ניט געהאָדעוועט געוואָרן און ניט געלערנט ווי צו באַגיין זיך מיט רעוואָלווערן, צו אויפרייסן בריקן אָדער אָנצופירן מיט שפּיאָנאַזש אָדער סאַבאָטאַזש. דאָס ווערט אַרויסגעבראַכט אין דעם צווייטן פערז פון "שטיל די נאַכט" אין וועלכן גליק באַוואונדערט די "מויד מיט דער סאַמעטענער צערע" וועלכע פאַרהאַלט דעם שונאס קאַראַוואַן.

די דאָזיקע יונגע פרויען האָבן געטאָן אַ סך מער ווי אָפּהאַלטן דעם שונאס קאַראַוואַן אין דער צייט פון דער נאַצי אָקופּאַציע. זיי זענען געווען דער צענטראַלער נערוו פון דער ווידערשטאַנד באַוועגונג. זיי זענען געווען שליחים, זיי האָבן אַריינגעבראַכט שפּייז, דאָקומענטן און מעדיקאַמענטן, אַריינגעשמוגלט וואָפן אין די געטאָס און וועלדער. זייערע איז געווען די אויפגאַבע צו האַלטן פאַרבינדונגען צווישן די יידן פון פאַרשיידענע געטאָס און די אויסערלעכע וועלט. דאָס זענען זיי געווען וועלכע האָבן געבראַכט די "נייעס" פון די שחיטות, די מאָרדן אין ווילנער און קאָוונער געטאָ צו די איינוואוינער פון די נאָך רעלאַטיוו שטילע געטאָס פון וואַרשע, ביאַליסטאָק, גראָדנע און אַנדערע, און גערופן דאָרט אָרגאַניזירן די ווידערשטאַנד באַוועגונג.

כדי אויסצופירן די דאָזיקע פונקציעס האָבן אַנדערע פרויען זיך באַזאָרגט מיט געפעלשטע אַרישע פּאַספּאָרטן, נוצנדיק אונטערגעמאַכטע דאָקומענטן (פרויען האָבן געקענט אויסבאַהאַלטן זייער יידישקייט אַ סך לייכטער ווי מענער, ווייל ווי איבערצייגנד אַ מאַן האָט ניט אויסגעזען ווי אַ ייד, ווען ער פלעגט ווערן געכאַפּט דורך די נאַציס האָט מען געקענט לייכט אידענטיפיצירן אים ווי אַ ייד, דורך זיין געמעלט (אַ פּראַקטיק וואָס איז געווען אומבאַוואוסט צווישן ניט יידן אין דאַמאָלסטיקער צייט אין אייראָפּע).

ניט נאָר זיי האָבן געדאַרפט האָבן אַן "אַרישן" אויסזען, פּערפעקט

בלאָנדע האָר און בלויע אויגן, זיי האָבן אויך געדאַרפט קענען ריידן אַ פּליסיקן פּויליש אָן אַ שפּור פון אַ יידישן אַקצענט אָדער אינטאָנאַציע. מיט זייערע פאַלשע דאָקומענטן האָבן זיי געקענט פריי אָפּערירן אויסער דעם געטאָ ביז וואַנען מען האָט זיי ניט אויסגעפונען אָדער מען האָט זיי ניט געמסרט. אַזוי האָבן זיי געראַטעוועט פון טויט טויזנטער ביי אַריינשמוגלען שפּייז אין די געטאָס.

אַ סך אינדיווידועלע אַקטן פון העלדישקייט און מוטיקייט זיינען געבליבן נישט פאַרנאָטירט, אָבער אַנדערע פון די דאָזיקע פרויען זיינען געוואָרן לעגענדאַר.

סאָניע מאַדייסקער איז געווען צווישן די גרינדער פון דער ווילנער אונטערערדישער באַוועגונג. זי האָט געלעבט ווי אַן אריערין אין שטאָט און אומדערמידלעך האָט זי געטראָגן ידיעות, שפּייז און געווער צו און פון די פּאַרטיזאַנער. זי האָט געהאָלפן די יידן וועלכע זיינען געבליבן פאַרבאַהאַלטן אין די בונקערס אונטער די חורבות פון דעם ליקווידירטן געטאָ צו אַנטלויפן אין די וועלדער. נאָר עטלעכע מאָנאַטן איידער ווילנע איז געוואָרן באַפרייט איז זי געכאַפּט געוואָרן דורך געסטאַפּאָ זעלנער. ווען זיי האָבן איר דערגרייכט האָט זי געשאָסן זיבן פון זיי. מיט דער לעצטער קויל האָט זי געוואָלט זיך אַליין דערשיסן, אָבער זי האָט זיך אַליין בלויז פאַרוואונדעט. די געסטאַפּאָ האָט געהיילט אירע וואונדן כדי זיי זאָלן קענען אַרויספּרעסן פון איר די ידיעות וועגן דעם וואו עס געפינען זיך די פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן צעבראָכן אַלע אירע ביינער, אָבער זי האָט זיי גאָרניט געזאָגט. זיי האָבן איר פאַרפּייניקט צום טויט.

לעאָניע קאַזיבראַדסקי איז געווען פאַר דער מלחמה אַ לערערין פון שפּראַכן. אַ פרוי פון אַ געוואַלדיקער שיינקייט, איז זי געווען זייער אַ דרייסטע. זי האָט געקויפט געווער וואו נאָר זי האָט נאָר געקענט צי פון פּאָלאַקן און אַפילו אויך פון דייטשן, צושטעלנדיק עס צו די פּאַרטיזאַנער. מעשיות ווערן דערציילט, ווי אַזוי פלירטנדיק מיט דייטשע זעלנער האָט זי זיי געמאַכט אַזוי ניט ווילנדיק טראָגן אירע וואַליזעס אָנגעפּאַקטע מיט מאַטעריאַלן און אַמוניציע וועלכע זי האָט געטראָגן פון איין אָרט צו אַ צווייטן. זי איז געוואָרן אַרעסטירט אין מאַלקיניע (לעבן טרעבלינקע), וואו זי איז געקומען מיט אַן אויפגאַבע און זי איז געוואָרן אַריינגעוואָרפן אין דער געפערלעכער טורמע אין פּאַוויאַק, אין וואַרשע. פון דאַנען האָט מען איר אַריבערגעשיקט קיין אוישוויץ, וואו זי איז געשטאָרבן אין מערץ 1943.

פרומקע פּלאָטניצקי איז אַרומגעפאָרן איבער גאַנץ פּוילן צו טראָגן

די ידיעות און דערמוטיקונג צו די איבערגעבליבענע געטאָס און צו העלפן זיי אָרגאַניזירן די ווידערשטאַנד באַוועגונג. מען האָט איר פאַרגעלייגט פּאַפּירן און אַ פּאַספּאָרט צו אַנטלויפן אין אַ נייטראַלע לאַנד. אָבער זי האָט ניט געוואָלט פאַרלאָזן אירע פּאַרטיזאַנער פריינד. מען האָט איר געשיקט קיין בענדזין צו אָרגאַניזירן אַן אויפשטאַנד אין געטאָ, זי איז געוואָרן דער קאָמענדאַנט פון דעם אויפשטאַנד און איז געשטאָרבן קעמפנדיק דאָ אין אַ בונקער אין אויגוסט 1943.

זאָפיאַ יאַמאַיקאַ, אַ מיידל פון אַ באַוואוסטער חסידישער פאַמיליע, האָט זיך אַנגעשלאָסן אין אַ פּאַרטיזאַנער גרופּע זייענדיק אין וואַרשעווער געטאָ. זי איז פיל מאָל געווען אַרעסטירט בעת אירע פילצאָליקע רעטונגס אַקציעס און קוים קוים האָט זיך איר איינגעגעבן יעדעס מאָל זיך אַרויסצודרייען. אין פעברואַר 1943, איז די אויסשפּיר פּאַרטיזאַנער גרופּע, צו וועלכע זי האָט געהערט געוואָרן אַטאַקירט דורך אַ שטאַרקן דייטשן כח. זאָפיאַ האָט געעפנט אַ פייער אויף די דייטשן פון איר אויטאָמאַטישן געווער, מיט דעם האָט זי געגעבן אַ מעגלעכקייט צו ראַטעווען דעם גרעסטן טייל פון אירע חברים פּאַרטיזאַנער. זי אַליין איז אָבער אומגעקומען.

ראָזאַ ראָבאָטאַ, די העלדין פון דעם אוישוויצער אונטערגרונט, האָט געהאָלפן אויפצורייסן איינעם פון די קרעמאַטאָריעס אין בירקענאַו אין אָקטאָבער 1944. נאָטאַ טייטעלבוים, באַוואוסט אַלס "וואַנדאַ" אין אירע אונטערערדישע יאָרן, און איינע פון שרעקלאָזע קעמפער, איז געווען פון די ערשטע אויף דער נאַצישע ליסטע וועלכע זיי האָבן געוואָלט כאַפּן. די רשימה איז לאַנג - צביה לובעטקין פון וואַרשעווער געטאָ, די קוריערין זעלדע טרעגער, טאַמאַראַ שניידמאַן, טאָסיאַ אַלטמאַן, שרה און רייזל זילבער, און אַ סך אַנדערע. אַ סך פון די פרויען זענען אומגעקומען מיט אַ מאַרטירער טויט, קיינער פון זיי, אונטער די גרעסטע בעסטיאַלישע פייניקונגען, האָבן ניט פאַראַטן זייערע פריינד און זייער זאַך, פאַרוואָס זיי האָבן געקעמפט.

"שטיל די נאַכט איז אויסגעשטערנט" איז אַ טריבוט צו די דאָזיקע פרויען, וועלכע אין נאָרמאַלע צייטן וואָלטן בעסער געוואָלט האָבן אַ פאַרזיכערטן רואיקן לעבן איידער צו ווערן העלדינס אין מלחמה צייט.

ווען חייקע גראָסמאַן, אַ לעבנגעבליבענע פון ביאַליסטאָקער געטאָ, האָט מען געפרעגט פונוואַנען האָט זיך צו די פרויען גענומען אַזאַ רואיקייט, געדולדיקייט און אומדערשראָקנקייט, האָט זי געענטפערט: "דאָס

איז געווען די רואיקייט וועלכע אונדזערע חברים האָבן געפילט פאַר און אין צייט פון די שלאַכטן. די שלאַכטן איז געווען אונזער פאַראָל, דאָס איז געווען דער מאָמענט פאַר וועלכן מיר האָבן געוואַרט און געהאָפט".

"זע נאָר, דו פאַרשטייסט ניט... דו וועלכע ביסט דאָרטן ניט געווען וועט קיינמאָל ניט פאַרשטיין", האָט געזאָגט איינע פון די לעבנגעבליבענע פרויען צו מאריע סירקין, די מחברטע פון "Blessed is the Match". "די בעסטע זענען אומגעקומען... דו וועסט קיינמאָל ניט וויסן ווי וואונדערבאַר זיי זיינען געווען".

זע זייט 154

אינהאַלט

ש.ק. – אַריינפיר 6
דינה מאַדייסקער שוכמאַן – איר משפחה 8
שלמה קאָוואַרסקי – סאָניע מאַדייסקער 14
ראובן מאַדייסקער – אַ בינטל דערינערונגען 21
געשריבן פון סאָניעס אַ קרוב אין טאָראָנטאָ 25
עדוואַרדאַ אָרלאָווסקאַ – איך געדענק ווי היינט 26
הערשל סמאָליאַר – דערינערונגען 30
הערשל סמאָליאַר – אונדזערע מענטשן 32
צעסיע און סאָניע אויפן וועג צו דערגרייכן מאָסקווע 34
ש. בעליס – דאָס לעבן און דער טויט פון סאָניע מאַדייסקער 37
משה טייף – באַלאַדע וועגן דעם ווילנער מיידל סאָניע מאַדייסקער 56
ש. קאַטשערגינסקי – סאָניע מאַדייסקער 60
שלמה קאָוואַרסקי – דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אין פאַרטיזאַנקע 63
י. גוטקאָוויטש – צום אָנדענק פון סאָניע מאַדייסקער 69
לייזער ראַן – זאַרעטשע 74
יוסף ראַבין – אין ווילנער געטאָ האָט מיך סאָניע מאַדייסקער געלערנט
שיסן פון אַ רעוואָלווער" 78
סיעניא רינדזיונסקי – סאָניע, די אומפאַרגעסלעכע העלדין 89
ישראל קראָניק – פאַרטיזאַנער פון די רודניצקער וועלדער 98
י. קראָניק – די וואָפן־פריינדשאַפט אין די ווילנער וועלדער 100
רחל מענדעלסונד־קאָוואַרסקי – מיידלעך אין דער אונטערערדישער באַוועגונג
אין ווילנער געטאָ 107
אויסצוג פון רייזל קאָרטשאַקס בוך "להבות באפר" 111
אַבאַ קאָוונער – דער קאַמפס־רעגלאַמין 113
שלמה בעליס – דער טויט פון אַ קאָמאַנדיר 116
שלמה קאָוואַרסקי – מחשבות צום 30־טן יאָרטאָג פון ווילנער געטאָ 123
רבקה קאָוואַרסקי־גאָרדאָן – דער וועג צו די פאַרטיזאַנער 130
סאָניע מאַדייסקער – ליד 135
שלמה קאָוואַרסקי – שרפות אין די דייטשע מיליטערישע סקלאַדן 138
לייזער ענגעלשטערן – אונטערערדישע דרוקעריי פון דער ווילנער "פ.פ.אָ." 142
שלמה קאָוואַרסקי – מיר פאַרשפרייטן אומלעגאַלע ליטעראַטור 146
שלמה קאָוואַרסקי – אַננאַ שימייטע – מיין באַקאַנטשאַפט מיט איר 149
אַ יידישע העלדין אין די יונגט־יאָרן 153
ש. אַדעלסקי – צי וועט די גאַס טראָגן איר נאָמען 154
שושנה קאַליש מיט באַרבאַראַ מייסטער – שטיל די נאַכט איז אויסגעשטערנט 155